STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08349

DER ONFANGER

Yaakov Levin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב לעווין

17802

דער אָנפאַנגער

לייענבוך

מיט פייער פיל אילוסטראציעס
און בילדער אין טעקסט

פינפטער טייל

(זעקסטע אויפלאגע)

ניו יאָרק, 1936
פארלאג „אידישע שול"

הויפטפארקויף ביי
היברו פאבלישינג קאמפאני
34—632 בראדוויי, ניו יארק

Copyright 1925, by
JACOB L. LEVIN

Printed in United States
Hebrew Publishing Company
New York

אינהאַלט:

מעשה׳לאַך, פאַבלען און דערציילונגען.

זייט

דאָס פייגעלע. מ. אַלגין, פון טורגעניעוו. — 1
דער שטאָלצער שוואַרצער קעניג. תשרק. — 2
אַן אײדעלע טאַט. ע. ד׳אַמיטשיס. — 4
דער משכון. נאָך פּ. שילער. — 6
דער שלעכטער קעניג. ליד. ל. מילער. — 10
דער מורין און זיין פיינד. ל. טאָלסטאָי. — 13
דער בעטלער און דער קעניג. תשרק. — 15
צוויי הינט. פאַבל. נחום יוד, פון קרילאָוו. — 19
די גזלנים. ליד. מאַני לייב — 20
דער מענש, וואָס האָט גע־טראַכט... שעדלאַק. — 24
די ראָמאַשקע און די לערכע. ה. ק. אַנדערסען. — 26
דער טייך און דער קוואַל. פאַבל. נחום יוד. 30
די מויז זוכט אַ חתן. יאַפּאַנע־זיש מעשה׳לע. — 31
די גענז. פאַבל. נחום יוד, נאָך קרילאָוו. — 36
דער גיפטיקער בוים. שעדלאַק. 37
דער קלוגער ריכטער. פון העב־רייאיש. — 40
די שפּין און די בין. פאַבל. נחום יוד. — 43
דער מילנער. פאַבל. נחום יוד, נאָך קרילאָוו. — 45
דער קוואַרטעט. פאַבל. פּ. קאַפּ־לאַן, נאָך קרילאָוו. — 47

צווישן חיות.

מתושלח. שלום־עליכם. — 49
סעגענס ציגעלע. אַ. דאָדע. — 54
בערעלע. שלום־עליכם. — 61
צוויי וועוועריקלאַך. ליד. ד. האָפשטיין. — 69
די פאַרשטערטע שמחה. דוד׳ל, נאָך זשוקאָווסקי. — 74
דער משפט. י. אָפּאַטאָשו. — 78
דער אָדלער. ליד. מ. ראָזנפעלד. 82

אין שול און אין חדר.

אין שול:

דער ערשטער טאָג אין שול. ע. דאַמיטשיס. — 83
אונזער לערער. ע. דאַמיטשיס. 86
די שול. ע. דאַמיטשיס. — 88

אויף אַ זומער־קאָלאָניע:

לייבעלע בענקט. י. קאָרטשאַק. 91
דאָס געריכט. י. קאָרטשאַק. — 94
אָוונט־קאָנצערטן. י. קאָרטשאַק. 99

אין חדר:

אַ חדר־מעשה. ש. פרוג. — 102
דער ערשטער טאָג אין נייעם חדר. שלום־עליכם. — 103
איך בין שוין אַ גרויסער. ז. פייערבערג. — 105
אין אָוונט אין חדר. ז. פייער־בערג. — 107
אין חדר ביינאַכט. ז. פייער־בערג. — 108

אין ישיבה*):

אויפ׳ן צוועלפטן יאָר ווער איך אַ ישיבה־בחור. א. קאַצאָוויטש. — 110
צרות פון די טעג. א. קאַצאָ־וויטש. — 111
איך דאַרף זיך אַליין פאַרזאָרגן מיט אַלעם. א. קאַצאָוויטש. 113
אַז הויזן אין אַ פראָסט. א. קאַצאָוויטש. — 115

---

*) די פיר פאָלגנדע קאַפּיטלען אי־בערגעדרוקט פון „ליטווישן אינגל“ מיט דער ערלויבעניש פון מ. מיזל.

זייט

צווישן קינדער.

לאַלאַ טראַכטער. ל. קאַפּילאָוויטש. — — — — — — 117
איאַמאַ. י. גאָרדין. — — — — 122
די צוויי ברידערלאַך. א. רייזען. 126
סעמקע. י. אָפּאַטאָשו. — — — 134
מיר איז גוט — איך בין א יתום. שלום־עליכם. — — — 138
אַן אומזיסטער חשד. ל. קאָברין. 144
אַלבערטס פּסק. ז. ליבין. — 148

זייט

די אַרימע מוטער. ליד. א. רייזען. — — — — — — 151
די נויט. ליד. מאַני לייב. — 152
פאַרלאָרן דעם באַלעבאָס. ז. ליבין. — — — — — — — 155
די ערשטע לעקציע. ז. ליבין. 160
ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט. ז. ליבין — — — — — — — 168
פראַגן. י. שטיינבערג. — — 172
די צוויי ברידער. ליד. אַב. וויקטאָר. — — — — — — 176
די קינדער. מ. גאָרקי. — — — 178

קונסט־בילדער, וואָס גייען אַרײַן אין דעם בוך:

זייט

די וואַסער־מיל. האָבעמאַ. — 46
ציגן אין די בערג. אָג. באָנעור. 54
די ערשטע לעקציע. מילעט. — 83
אַן אַראַבישע שול. — — — — 86
א שול אין ברעטאַן. זשאָפּרואַ 88
אויף א לעקציע פון אַריפמעטיק. באָגדאַנאָוו־בעלסקי. — 90
נאַכט־קאָנצערט פון הענדלען. מאַרגאַרעט י. דיקסי. — — 102

זייט

אין חדר — — — — — — — — 103
קליינע באַלעבאַטים. — — 104
ביים חומש — — — — — — — 105
דער רבי און דער תלמיד. טרעמבאַטש. — — — — — 108
אַן אַ היים. שעסטיאָרקין. — 160
פאַר א סטרייק. מ. מונקאַשי. 168

מעשה׳לאַך, פאַבלען און דערציילונגען.

דאָס פייגעלע.

איך בין געגאַנגען פון דער יאַגד. מיין הונט איז געלאָפן פאָרנט לעבן מיר. אין דער אַלייע פונ׳ם גאָרטן האָט ער פלוצלונג אָנ־געהויבן גיין פאַמעלאַך און שטיל זיך גע׳גנב׳עט ווייטער, ווי ער וואָלט דערשפּירט ערגעץ נאָענט אַ ווילדן פויגל.

איך האָב אַ קוק געטאָן אין דער לענג פון דער אַלייע און האָב דערזען אַ יונג פייגעלע, מיט אַ געל רעמעלע אַרום דעם שנאָבל און מיט פוך אויף דעם קעפּל. דאָס פייגעלע איז אַרויסגעפאַלן פון נעסט (דער ווינט האָט שטאַרק געשאָקלט די בעריאָזעס פון דער אַלייע) און איז געזעסן אַ שוואַכס, אַ קליינטשיקס, מיט קוים־קוים שפּראָצנדיקע פליגעלאַך.

מיין הונט איז געקומען אַלע מאָל נעענטער. אין דער זעלבער רגע האָט פון אַ נאָענטן בוים זיך אַ וואָרף געטאָן אַן אַלטער פויגל מיט אַ שוואַרצער ברוסט און איז ווי אַ שטיין אַראָפּגעפאַלן פאַר דער מאָרדע פונ׳ם הונט. אַ צעשויבערטער, אַ ווילדער, מיט אַ פאַר־צווייפלטן סווישטש האָט ער צוויי מאָל אַ שפּרונג געטאָן אַנטקעגן דעם אָפענעם מויל מיט די גרויסע אויסגעשטשירעטע ציין.

ער האָט זיך געוואָרפן ראַטעווען, ער האָט פאַרשטעלט דאָס קינד מיט זיין איגענעם גוף... אָבער דאָס קליינע גופל האָט אינגאַנצן געציטערט פאַר שרעק; די שטימע איז געוואָרן הייזעריק. דער

פויגל איז אויסגעגאנגען מיט אלע כ ו ח ו ת, ער האָט געאָפּערט זיין לעבן!

ס'אר'א גרויזאמע באַשעפעניש דער הונט האָט געמוזט אויס־קוקן אין זיינע אויגן! פונדעסטוועגן האָט ער ניט געקאָנט איינזיצן אויף דעם הויכן, זיכערן צווייג. אַ קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פון זיין ווילן, האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון דאָרטן...

מיין טרעזאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט, געררוקט זיך צוריק; ס'ווייזט אויס, ער האָט באַקומען אָפּשיי פאַר דער גרויסער קראַפט.

איך האָב אַ רוף געטאָן דעם פאַרשעמטן הונט און בין אוועק פון דאָרטן מיט אַ געפיל פון טיפער אַכטונג.

יאָ, איך האָב געפילט אַ טיפע אַכטונג צו דעם קליינעם העל־דישן פייגעלע, צו דער גרויסער טאַט פון זיין ליבע.

די ליבע, האָב איך געטראַכט, איז שטאַרקער ווי דער טויט, שטאַרקער ווי די שרעק פאַר'ן טויט. נאָר אויף איר, אויף דער ליבע, האַלט זיך דאָס לעבן.

מ. אלגין, פון טורגעניעוו.

זאָלסט ליב האָבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין. (חומש).

דער שטאָלצער שוואַרצער קעניג.

אין אַפריקע איז אַמאָל געווען אַ שוואַרצער קעניג, איז ער גע־ווען זייער שטאָלץ און שטאַרק. זיינע אונטערטאַנען האָבן זייער מ ו ר א געהאַט פאַר אים, און האָבן געציטערט פאַר זיין וואָרט. וואָס ער האָט געזאָגט, האָבן זיי גלייך געטאָן.

איינמאָל, ווען דער קעניג האָט זיך גענומען באַרימען, אַז אַלע מענשן זיינען זיינע דינער, האָט אַן אַלטער קלוגער נעגער, וועמעס נאָמען עס איז געווען בוכאַבאַר, אים פּירגעהאַלטן און געזאָגט:

„אַלע מענשן זיינען דינער איינער צו דעם אַנדערן. איינער אַרבעט פאַר אַלעמען און אַלע אַרבעטן פאַר איינעם".

— „אויב אַזוי, מײנסטו דאָך צו זאָגן, בין איך דײַן דינער?“—

האָט דער קעניג בייז אויסגערופן. — „דו מוזסט עס מיר באַווײַזן! דו מוזסט מיך צווינגען צו טאָן דײַנעם אַ באַפעל, אײדער די זון גײט אונטער. געלינגט דאָס דיר, וועל איך דיר געבן הונדערט קי. אָבער אויב דאָס געלינגט דיר ניט, וועל איך דיך לאָזן טײטן, כדי דיר צו ווײַזן, אַז איך בין דײַן הער“.

„זײער גוט.“ — האָט בוכאַבאַר געזאָגט מיט אַ רואיקער שטימע. ער האָט זיך גאָר ניט געשראָקן. בוכאַבאַר איז געווען זײער אַן אַלטער מאַן, און ער פלעגט מוזן גײן אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן. און גראָד דעמאָלט, ווי ער האָט נאָר גענומען זײַן שטעקן אין האַנט אַוועקצוגײן, איז אָנגעקומען אַ בעטלער און האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַ דער טיר פון זײַן, בוכאַבאַרס, הויז.

„ערלויב מיר“, — האָט בוכאַבאַר געזאָגט צום קעניג, — „איך מוז צוגײן צו מײַן הויז געבן דעם אָרימאַן עפּעס עסן“.

בוכאַבאַר האָט, גײענדיק פאַרבײַ דעם קעניג, זיך פאַרטשעפּעט מיט זײַן שטעקן אָן דעם קעניגס קלײד; און דער שטעקן איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט און איז געבליבן ליגן בײַם קעניגס פיס.

„זײַ אַזוי גוט“, — האָט ער געזאָגט צום קעניג, — „הײב שנעל אויף מײַן שטעקן, אַז ניט פאַל איך!“

דער קעניג האָט דעם שטעקן אויפגעהויבן, ניט דענקענדיק פון קײן זאַך. אָבער בוכאַבאַר האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

„זעסטו, קעניג! אַלע גוטע מענשן דינען אײנער דעם אַנדערן. דו באַדינסט מיך און איך באַדין דעם בעטלער. איך האָב געוואונען די הונדערט קי, אָבער איך דאַרף ניט האָבן דײַנע קי. גיב זײ בעסער אָט דעם אָרימאַן“.

דער קעניג האָט געהאַלטן וואָרט און האָט די הונדערט קי אָפּגעגעבן צו דעם אָרימאַן. און זינט דאַן איז דער קעניג געוואָרן אַ גאַנץ אַנדער מענש, און בוכאַבאַר איז געוואָרן זײַן ראַטגעבער אין אַלצדינג.

תשרק.

אַן אײדעלע טאַט.

דער לערער איז נאָך ניט געקומען. אַ דרײַ־פיר אינגלאַך האָבן זיך גענומען ח ו ז ק מאַכן פון דעם אָרימען קראָסי (אַ אינגל מיט רויטע האָר און אַ האַנט אויף אַ בענדל), וואָס זײַן פאָטער איז אין אַמע־ריקע און זײַן מוטער פאַרקויפט גרינס אין גאַס. זײ האָבן אים געפּיקעט מיט די ווירעס, געוואָרפן אויף אים שאָלאַכץ פון קאַשטאַנעס, גערופן אים מ י א ו ס׳ניק און קאַליקע, איבערגעקרימט אים און נאָכגעמאַכט, ווי ער גײט מיט דער האַנט אויפ׳ן בענדל.

קראָסי איז שטיל געזעסן אויף זײַן אָרט. בלײַך ווי קאַלך, האָט ער זיך צוגעהערט צו זײערע באַלײדיקונגען, געקוקט דאָס אויף אײנעם, דאָס אויף דעם אַנדערן, האָפנדיק, אַז ס ו ף ־ כ ל ־ ס ו ף וועלן זײ אים דאָך לאָזן צורו. יענע אָבער האָבן זיך שטאַרק צעהיצט און האָבן פון אים אַלץ מער און מער ח ו ז ק געמאַכט. קראָסי האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. ער האָט אויפגעציטערט פון אויפרעגונג און איז רויט געוואָרן פון כ ע ס. דאָ האָט פראַנטי, אַ אינגל מיט אַ ח ו צ פ ה׳דיקן פ נ י ם, פלוצלונג אַ שפרונג אַרויף געטאָן אויפ׳ן בענקל, אָנגעשטעלט די הענט, ווי ער וואָלט געטראָגן קערב מיט גרינס, און האָט גענומען איבערקרימען קראָסיס מוטער, ווי זי רופט אויס איר ס ח ו ר ה. אַ ס ך פון די קינדער האָבן אויס־געשאָסן אין אַ געלעכטער.

קראָסי איז אָנגעצונדן געוואָרן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ טינטער מיט טינט און אַ שלײַדער געטאָן פראַנטין אין קאָפּ אַרײַן. פראַנטי האָט זיך אויסגעדרײט און דער טינטער האָט געטראָפן דעם לערער, וואָס איז גראָד אין דער מינוט אַרײַן אין קלאַס. ח ב ר ה האָט זיך שנעל אַוועקגעזעצט און דערשראָקן געשוויגן. דער לערער איז בלאַס געוואָרן פון צאָרן. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און ניט מיט זײַן ק ו ל אַ פרעג געטאָן:

— ווער האָט דאָס געטאָן?

קײַן ענטפער.

— ווער האָט דאָס געטאָן? — האָט ער אויסגעשריען.

גאַראַנע, איינער פון די קינדער פון קלאַס, האָט דערפילט אַ ר ח מ נ ו ת צו דעם אומגליקלאַכן קראַסין און האָט זיך גלײַך אַ הייב געטאָן פון אָרט און אַנטשלאָסן געזאָגט:

— איך!

מיר האָבן זיך אַלע פאַרוואונדערט.

דער לערער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים, דערנאָך אויף די פאַרוואונדערטע קינדער און רואיק געזאָגט:

— ניין, ניט דו.

אין עטלאַכע ר ג ע׳ ס אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— איך וועל דעם שולדיקן ניט באַשטראָפן. זאָל ער אויפשטיין.

קראַסי האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט געוויין געזאָגט:

— מ׳האָט זיך מיט מיר גערייצט, מ׳האָט מיך באַליידיקט; כ׳האָב מײַן קאָפּ פאַרלאָרן און געכאַפּט...

— זעץ זיך. זאָלן זיך אויפשטעלן יענע, וואָס האָבן זיך מיט אים גערייצט.

פיר קינדער זײַנען אויפגעשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

— איר האָט באַליידיקט אַ ח ב ר, — האָט דער לערער געזאָגט, — אַ ח ב ר, וואָס האָט אײַך קיין שלעכטס ניט געטאָן. איר האָט געשפּאָט פון זײַן אומגליק, ח ו ז ק געמאַכט פון אַ שוואַכן, וואָס קאָן זיך ניט פאַרטיידיקן. איר זײַט באַגאַנגען דעם שענדלאַכסטן פאַרברעכן, מיט וועלכן ס׳קאָן זיך פאַר׳מ י א ו ס׳ן אַ מענטש.

דער לערער איז אַוועק צווישן די בענקלאַך, צוגעגאַנגען צו גאַראַנען, וואָס איז געשטאַנען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, האָט אים אָנגענומען פאַר דער מאָרדע, אויפגעהויבן זײַן קאָפּ, טיף אַרײַנגעקוקט אים אין די אויגן און געזאָגט:

— דו האָסט אַ טײַער, מענשלאַך האַרץ!

גאַראָנע האָט אויסגענוצט די געלעגנהײַט און עפּעס אַ מורמל געטאָן דעם לערער. איך האָב פאַרהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. דער לערער האָט זיך גלײַך אַ קער געטאָן צו די שולדיקע און קורץ אָפּגעשניטן:

— מ ו ח ל, אַלעמען מ ו ח ל. — ע. ד׳אַמיטשיס.

דער משכון.

אין אַ שטאָט האָבן געוואוינט צוויי גוטע פֿרײַנד — מיראָס און קלעאָן. זיי האָבן זיך צוזאַמען אויפֿגעהאָדעוועט, צוזאַמען געלערנט און שפּעטער צוזאַמען אַרומגעפֿאָרן איבער דער וועלט. איצט האָבן זיי זיך ביידע באַזעצט אין איין און דערזעלבער שטאָט.

מיראָס האָט געהאַט אַ פֿײַנט, וועלכער איז אויף אים געווען אין כעס. גייט דער פֿײַנט און פֿאַר'מסר'ט אים פֿאַר דעם קעניג פֿון שטאָט. האָט דער קעניג פֿאַר'משפּט מיראָסן צום טויט דורך אויפֿהענגען.

זאָגט מיראָס צום קעניג:

— איך בין אומשולדיק, נאָר דו גלויבסט מיר ניט; בין איך גרייט צו שטאַרבן. איין זאַך נאָר וויל איך ביי דיר בעטן: לאָז מיך אָפּ אויף דריי טעג, איך זאָל קאָנען גיין אין מײַן געבורטשטאָט און זעגענען זיך מיט מײַנע עלטערן.

— און ווער קאָן מיר ערב זיין, אַז דו וועסט האַלטן וואָרט?

— האָט דער קעניג מיט אַ געלעכטער געפֿרעגט.

— איך וועל בעטן מײַן פֿרײַנד קלעאָן, וועט ער פֿאַר מיר אַ משכון זיין. — האָט מיראָס געענטפֿערט.

דער הערשער האָט אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט מיט אַ ביטערן שמייכעלע:

— רעכט, איך לאָז דיך אָפּ אויף דריי טעג. נאָר אויב דו וועסט צו דער צייט ניט קומען צוריק אַהער, וועל איך דײַן פֿרײַנד טויטן אַנשטאָט דיר.

איז מיראָס אַוועק צו זײַן פֿרײַנד און האָט געזאָגט:

— מען האָט מיך פֿאַר'משפּט צום טויט. איך וויל אָבער גיין אין מײַן געבורטשטאָט נאָך אַמאָל זען זיך מיט מײַנע עלטערן. בעט איך דיך, דו זאָלסט זיך לאָזן נעמען אין טורמע פֿאַר אַן ערב, אַז איך וועל זיך צו דער צייט צוריקקערן.

— מיט פֿאַרגעניגן. — האָט קלעאָן איינגעשטימט. ער האָט אַרומגענומען מיראָסן, געזעגנט זיך מיט אים און געלאָזט זיך פֿאַרשמידן אין קייטן און פֿאַרזעצן אין טורמע.

מיראָם איז גלייך אוועקגעגאַנגען אין זיין געבורטשטאָט. זיינע עלטערן האָבן זיך זייער דערפרייט מיט אים. ער האָט פאַרבראַכט מיט זיי צוויי טעג און אויפ׳ן דריטן טאָג האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט זיי און געזאָגט, אַז ער וועט זיי שוין איצט מסתמא לאַנג ניט זען. די מוטער האָט געוויינט, ווען זי האָט זיך געזעגנט מיט אים, און דער פאָטער האָט אים אַרויסבאַגלייט פון שטאָט.

און מיראָם האָט זיך איילנדיק געלאָזט צוריק אין וועג אַריין, כדי ער זאָל ניט פאַרשפּעטיקן צו דער באַשטימטער צייט.

פּלוצלונג האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער שטורעם. עס האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. ס׳האָט אַ שמיץ געטאָן אַ רעגן. פון די בערג האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שטראָמען וואַסער; דער טייך, וואָס האָט געפליייצט איבער׳ן וועג, איז פול געוואָרן און האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן. דאָס וואַסער האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און האָט אַראָפּגעטראָגן די בריק.

מיראָם איז צוגעקומען צום ברעג — ערשט דער טייך האָט זיך אויפגעהויבן. ער האָט זיך געוואָרפן אַהער, אַהין, געזוכט אַן אָרט, וואו מען קאָן אַריבערגיין דעם טייך, גערופן צו הילף; נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט. און קיין שיפל האָט זיך אויך ערגעץ ניט געזען. און דער טייך האָט גערוישט און געשטורעמט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

אין גרויס פאַרצווייפלונג האָט זיך מיראָם אַריינגעוואָרפן אין וואַסער און אָנגעהויבן שווימען, מיט אַלע כוחות ראַנגלענדיק זיך מיט׳ן שטורעמדיקן טייך. און אים איז געלונגען צו דערגרייכן דעם צווייטן ברעג.

ער האָט אַ ווײַלע אָפּגערוט און איז אוועקגעגאַנגען ווייטער.

ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטלאַכע טריט, זיינען אים אַנטקעגן אָנגעקומען גזלנים און אים געוואָלט טייטן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? — האָט מיראָם אויסגעשריען. — איך האָב גאָרנישט. מער ווי דאָס לעבן האָב איך נישט; דאַרף איך עס, כדי צו ראַטעווען מיין פריינד פון טויט. האָט רחמנות אויף מיין חבר!

האָבן זיך די גזלנים פאַרשעמט און זיינען אָפּגעטראָטן,

און מיראָם איז אַוועק זײַן וועג. ער איז געגאַנגען געשווינט. די זון האָט אים געברענט מיט שרעקלאַכער היץ; די לופט איז געווען שטיקנד; עס איז אין ערגעץ ניט געווען קײַן שאָטן, און מיראָם איז געבליבן אָן כוחות. ער איז געפאַלן און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

פלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי אַ וואַסער פליִיצט ניט ווײַט פון אים. ער איז קוים דערקראָכן צום נאָענטן בערגל און האָט דאָרט געפונען אַ זילבער-קלאָרן קוואַל, וואָס האָט געשלאָגן פון דער ערד. ער האָט זיך אָנגעטרונקען, אָפּגעפרישט די כוחות און געשווינט אַוועק ווײַטער.

פון די ביִימער האָבן זיך אָנגעהויבן צו ליִיגן אויף די לאָנקעס אַלץ לענגערע שאָטנס.

צוויִי אומבאַקאַנטע מענשן זײַנען געגאַנגען איבער'ן וועג. מיראָם האָט זיי אָנגעיאָגט. פלוצלונג דערהערט ער, ווי איינער פון זיי זאָגט צום אַנדערן:

— איצט מוז מען אים שוין אוודאי הענגען.

פון שרעק, אַז זײַן פרײַנד קאָן אומקומען, זײַנען אַזוי ווי פליגלען אויסגעוואַקסן אויף מיראָסעס פיס...

און אָט איז ער שוין אין שטאָט. די שפּיצן פון די שטאָטישע טורעמס זײַנען שוין געווען באַגולדט מיט די שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון. אַנטקעגן מיראָסן איז אַרויס דער פאַרוואַלטער פון זײַן פרײַנדס הויז.

— צוריק! — האָט ער געשריען צו מיראָסן, לויפנדיק אים אַנטקעגן. — דו האָסט שוין סײַ ווי פאַרשפּעטיקט. אַנטלויף! טראַכט נאָר וועגן דײַן איִיגענער רעטונג. ער האָט געהאָפט פון שעה אויף שעה, האָט אַלץ געוואַרט און ניט געגלויבט, אַז דו וועסט פאַרשפּעטיקן. מען האָט פון אים געלאַכט; מען האָט פאַרזיכערט, אַז דו ביסט אַ ליגנער, אַ פאַלשער, אַ פאַררעטער. אָבער קיִינער האָט ניט געקאָנט צעשטערן זײַן האָפענונג.

— אָ, אויב ס'איז שפּעט, — האָט מיראָם געזאָגט, — אויב מײַן קומען קאָן אים שוין ניט ראַטעווען, וויל איך לפּחות מיט אים איניִינעם שטאַרבן!

און ער האָט זיך געלאָזט לויפן.

די זון איז דערווײַל שוין אַרונטער. פון ווײַטן האָט מיראָס שוין דערזען די תּליה, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפ'ן שטאָט-פּלאַץ, און דעם עולם, וואָס האָט גערודערט אַרום. ער האָט אויך דערזען, ווי מען פירט זײַן פרײַנד און ווי מען הייבט אים מיט אַ שטריק אויף דער תּליה.

מיראָס האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן עולם און אָנגעהויבן שרײַען:

— האַלט! הענגט ניט! אָט בין איך דאָ!

דער עולם האָט אַ ציטער געטאָן. און אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען די פרײַנד אײנער דעם צווייטן געפאַלן אויפ'ן האַלז און געוויינט פאַר פרייד.

דאָס גאַנצע פאָלק האָט צוזאַמען מיט זיי געוויינט.

און דאָס האַרץ פונ'ם קעניג איז אויך ווייך געוואָרן. ער האָט געהייסן ברענגען פאַר זיך ביידע פרײַנד און געזאָגט:

— איר וועט ביידע בלײַבן לעבן. איצט זע איך, אַז ס'איז דאָ פרײַנדשאַפט און אַז ס'איז דאָ ערלאַכקייט. איך בין זיכער, מיראָס, אַז דו ביסט אומשולדיק. און איר ביידע לאָזט מיר אויך ווערן אײַער פרײַנד און געניסן פון אײַער פרײַנדשאַפט און געטרײַקייט.

נאָך פ. שילער.

זאָג מיר, ווער זײַנען דײַנע פרײַנד, וועל איך דיר זאָגן, ווער דו ביסט. (שפּריכוואָרט).

עס איז גאָר ניט אָפּצושאַצן אַן אמת'ן פרײַנד; זײַן ווערט קאָן מען מיט זילבער ניט אָפּוועגן. (בן סירא).

בעסער איין אַלטער פרײַנד פון צוויי נײַע. (משלי).

זאָלסט ניט פאַרבײַטן אַן אַלטן פרײַנד אויף אַ נײַעם, ווײַל דער נײַער קאָן זיך מיט אים ניט פאַרגלײַכן. (בן סירא).

דער שלעכטער קעניג.

א.

אַמאָל האָט אַ קעניג געלעבט אין אַ לאַנד,
אַ קעניג אַ בייזער, אַ שלעכטער...
און האָט ניט קיין קינדער געשאָנקען אים גאָט,
דערפאַר האָט דער קעניג דער שלעכטער געהאַט
צען טויזנט באַוואָפנטע וועכטער...

און שלעכט איז דער קעניג געוועזן צו זיין פאָלק:
גערויבט און געריסן אי צינזן, אי שטייער.
מיט שווייס האָט זיך יעדער באַארבעט זיין פעלד;
און איז נאָר געקומען דער ווינטער, די קעלט,
איז ליידיק געוועזן דער שייער...

דאָך שטיל האָט דאָס פאָלק זיך געטראָגן דעם יאָך,
דעם קעניג געוועזן אונטערטעניק...
און האָט אין גרוים נויט זיך געלעבט דאָן דאָס פאָלק,
דערפאַר האָט כסדר אָן חשבון, אָן טאָלק
געהוליעט, גע'שיכור'ט דער קעניג...

ב.

אַמאָל האָט געטראָפן אַ הונגער אין לאַנד:
אַ היישעריק האָט דאָן די פעלדער באַפאַלן...
און וויסט האָט דער היישעריק געלאָזן די ערד;
און האָט נאָך פאַרמאָגט ווער אַ קו צי אַ פערד,
איז אַלץ, אַלץ פון הונגער געפאַלן...

דער קעניג, ער האָט דאָך פאַלאַצן געהאַט,
און טייערע פערד און קאַרעטן...
פיל טייערע בלומען אויף יעטוועדן טראַט,

געבראָטענע טויבן צו עסן געהאַט,
געשלאָפן אין גאָלדענע בעטן...

פיל שפּײַכלערס מיט תבואה האָט דער קעניג געהאַט.
און האָבן בײַם קעניג די פערד אין די שטאַלן
אי האָבער, אי היי דאָן געגעסן צו זאַט,
אין לאַנד זײַנען קינדער אויף יעטוועדן טראָט
פון הונגער אין גאַסן געפאַלן...

ג.

פון די הײַזער טרײַבט דער הונגער,
דורך די גאַסן פירט די נויט,
פירט דאָס פאָלק צום קעניגס פּאַלאַץ —
בעטן ברויט...

ווי אַ ווינט, אַ שטיל געמורמל;
רונד אַרום דעם פּאַלאַצס ווענט
שטום און בעטנד אויסגעשטרעקטע
דאַרע הענט...

אויף די פּנים'ער דער הונגער,
פון די אויגן בליקט דער טויט...
רופט דאָס פאָלק אוים צו דעם קעניג:
— „גיב אונז ברויט!"...

ד.

הוליען געסט בײַם קעניגס טישן,
און דער קעניג שיכור איז.
פלוצים טוט פון אָרט דער קעניג
זיך אַ רים:

— העי, איר וועכטער, זאָגט, וואָס ווילן,
וואָס פאַרלאַנגען דאָרט די מײַז?
בלאָסע ענטפערן די וועכטער:
— „ברויט און שפּײַז“...

לאַכט דער קעניג ווילד און ש י כ ו ר:
— זײ פאַרלאַנגען ברויט און שפּײַז?
וואַרפט אַראָפּ פון טיש די ברעקלאַך
צו די מײַז!...

ה.

ווי דער קעניג רעדט דאָס לעצטע וואָרט אַרויס,
טוט אַ פלי פאַרבײַ אַ מויז...
רײַבט אַזוי דער קעניג זיך די אויגן אויס,
פליט פאַרבײַ אַ צווייטע מויז...

זוכט דער קעניג זײַנע גײַסט אַרום אין שרעק,
זײַנען זײַנע געסט אַוועק...
און דאָ שטעלט אַ מויז זיך אויף זײַן האַנט אַוועק,
כאַפּט ער צו די האַנט אין שרעק...

ווי דער קעניג טוט אַזוי די האַנט אַ כאַפּ,
שפּרינגט די מויז אים אויף דעם קאָפּ...
כאַפּט דער קעניג ווי מ ש ו ג ע זיך בײַם קאָפּ,
שפּרינגט זי אים אין שויס אַראָפּ...

ו.

איבער זאַלן יאָגט דער קעניג, ווי קאַלך ווײַס.
יאָגן זיך נאָך אים די מײַז,
און עס צײַגן פּישטשענדיק די מײַז
צײנדלאַך קלײנע, שאַרף און ווײַס...

טשעפּען זיך די מײַז אין קעניגס קלײדער אײַן,
קריכן אים אין האַלז אַרײַן...
גראַבט דער קעניג. אין דער ערד דעם פּנים אײַן
און פאַרגײט אַזוי אין פּײַן...

אויף דער ערד, אין פּאַלאַץ, הענט און פיס צעשפּרײט,
ליגט דער שלעכטער קעניג, טויט...
פון דעם קעניגס שפּײַכלערס גײען קינד־און־קײט
און זײ טראָגן זעק מיט ברויט...

ל. מילער.

דער מורין און זײַן פײַנד.

אין שפּאַניען האָבן אַמאָל געוואוינט צוויי פעלקער — שפּאַניער און מורינעס. די שפּאַניער זײַנען געווען קריסטן און די מורינעס — מאַכמעדאַנער. האָבן זײ זיך אָפט געקריגט צווישן זיך און געווען אײנע די אַנדערע די גרעסטע שונאים.

טרעפט זיך אַמאָל, אַז אַ מורין האָט זיך צעקריגט מיט אַ שפּאַניער. צווישן זײ האָט אויסגעבראָכן אַ געשלעג. דער שפּאַניער האָט אַ שטאָך געטאָן דעם מורין מיט אַ מעסער. דער מורין איז געפאַלן אַ טויטער, און דער שפּאַניער איז אַנטלאָפן.

אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג, הערט דער שפּאַניער — מען יאָגט זיך נאָך אים; קוקט ער אויס אַן אָרט, וואו צו באַהאַלטן זיך. דערזעט ער פאַר זיך אַ גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקן. שפּרינגט ער אַריבער דעם פּאַרקן און טרעפט דאָרט דעם באַלעבאָס פון גאָרטן. דערצײלט ער אים די גאַנצע מעשה און בעט אים, ער זאָל אים ניט אַרויסגעבן. דעם באַלעבאָס האָט די מעשה ניט שטאַרק געוואונדערט: אין יענע צײַטן פלעגן אַזעלכע בלוטיקע צוזאַמענשטויסן טרעפן אָפט.

— גוט, — זאָגט דער באַלעבאָס, — איך וועל דיך ניט אַרויסגעבן.

און ער האָט אַראָפּגעריסן אַן עפּל, צעבראָכן אים אויף דער האַלב, געגעבן אַ העלפט דעם שפּאַניער און געזאָגט:

— נאַ, עס, זײַ מײַן גאַסט.

דער באַלעבאָס פון גאָרטן איז געווען אַ מורין. און ביי די מורינעס איז געווען אַ מ נ ה ג, אַז דער וואָס האָט מיט זיי פון איין זאַך געגעסן, האָט זיך גערעכנט פאַר זייערן אַ גאַסט, און זיי זיינען מ ח ו י ב געווען צו פאַרטיידיקן אים פון אַלע אומגליקן און באַגיין זיך מיט אים, ווי מיט אַן אייגענעם.

דער באַלעבאָס האָט אַרײַנגעפירט דעם שפּאַניער צו זיך אין הויז, געגעבן אים עסן און געלייגט אים שלאָפן. בײַנאַכט קומט מען צו דעם מורין און מען דערציילט אים, אַז מען האָט געטויט זיין זון, נאָר דעם ר ו צ ח האָט מען ניט געפונען. דעמאָלט האָט זיך דער מורין אָנגעשטויסן, וואָס פאַר אַ גאַסט ער האָט צו זיך אַרײַנגענומען. און אַז די מענשן זײַנען אַוועק, האָט ער אָנגעזאָטלט זײַן בעסט פערד, אויפגעוועקט דעם גאַסט און צו אים געזאָגט:

— הער צו! איך האָב געהאַט איין איינציקן זון; ער איז מיר טײַערער געווען פון אַלץ אויף דער וועלט, און דו האָסט אים דער־ה ר ג׳עט. שטיי אויף! איך האָב פון דײַנעטוועגן אַ פערד אָנגע־זאָטלט. פאָר גלײַך אַוועק! איך וועל מײַן וואָרט האַלטן און וועל דיך ניט אָנרירן. נאָר אויב ווער פון מײַנע ק ר ו ב י ם וועט דיך דערזען, ביסטו פאַרפאַלן: זיי וועלן עס דיר ניט שענקען.

דער מורין האָט צוגעפירט זײַן גאַסט צום טויער, גענומען אים עפענען, און די הענט ציטערן ביי אים. ער האָט אויפגעעפנט דעם טויער און געזאָגט צום שפּאַניער:

— גיי געשווינט! דאַנק און לויב גאָט, וואָס ער האָט מיר געגעבן כ ו ח מײַן האַרץ אײַנצוהאַלטן.

ל. טאָלסטאָי.

נ ק מ ה נעמען.

זאָלסט ניט נ ק מ ה נעמען און ניט היטן קײַן פײַנטשאַפט צו דײַנע פאָלקסברידער!

(חומש).

איז דײַן שונא הונגעריק, גיב אים עסן ברויט; איז ער דאַרשטיק, גיב אים טרינקען וואַסער. (משלי).

פרײַ זיך ניט, ווען דײַן פֿײַנט שטאַרבט. מיר אַלע וועלן אַמאָל שטאַרבן. (בן סירא).

ווען דײַן פֿרײַנד רופֿט דיך העלפֿן אים אויסלאָדן און דײַן פֿײַנט — אָנלאָדן, גײַ פֿריער צום פֿײַנט. (תלמוד).

זאָלסט ניט פֿײַנט האָבן דײַן ברודער אפילו אין האַרצן! (חומש).

דער בעטלער און דער קעניג.

אַ בעטלער איז אַרומגעגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט מיט זײַן זאַק אויפֿ'ן פּלײצע. וואָס ער האָט געבעטן, האָט ער ניט געטאָגט. און אַזוי לאַנג האָט ער אַרומגעוואַנדערט, ביז ער איז אײנמאָל געקומען אין אַ גרויסער שטאָט פֿון אַ ווײַטן לאַנד. און די שטאָט איז געווען זייער אַ רײַכע און אַ פֿרײלאַכע. אומעטום האָט דער בעטלער געזען שיינע, גרויסע פּאַלאַצן פֿון מירמלשטיין און מיט גאָלדענע קופּאָלן.

„אַי, ווי גוט וואָלט געווען צו נעכטיקן אין אײנעם פֿון אָט די פּאַלאַצן!“ — האָט דער בעטלער צו זיך געזאָגט.

ער האָט גענומען גײן פֿאַרבײַ פֿאַרשידענע פּאַלאַצן, און ווען ער האָט געזען אײנעם, וואָס איז געווען שענער און גרעסער פֿון אַלע, האָט ער זיך אַהין שטילערהייט אַרײַנגערוקט און איז אַרײַן אינווײניק אין פּאַלאַץ.

דאָס איז געווען דער פּאַלאַץ פֿון דעם קעניג. אַ גרויסער, אַ מעכטיקער קעניג איז דאָס געווען. זײַן נאָמען איז געווען באַקאַנט אומעטום, און קעניגן פֿון אַנדערע לענדער האָבן פֿאַר אים מורא געהאַט.

דער בעטלער איז אַרײַן אין אַ צימער. קײנער האָט ניט געזען, ווי ער איז אַרײַנגעקומען. דער קעניג איז גראָד אין יענער צײַט

געווען אויף יאגד, און זײַנע דינער האָבן זיך דערווײַל אָפּגערוט און ניט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויפ׳ן פּאַלאַץ.

אין דעם צימער, וואוהין דער בעטלער איז אַרײַן, איז געווען אַ בעטל. דער בעטלער האָט געעפנט זײַן זאַק און האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ שטיק טרוקן ברויט. ער האָט זיך אָנגעגעסן, און נאָכדעם האָט ער זיך אַרײַנגעלייגט אין בעטל און איז באַלד אײַנגע־שלאָפן. אין זײַן גאַנץ לעבן איז ער נאָך אויף אַזאַ ווייך בעטל ניט געשלאָפן. ביז איצט פלעגט ער שלאָפן אַמאָל אין אַ שטאַל און אַמאָל גאָר אויפ׳ן פרײַען פעלד.

ער האָט גאָר ניט געוואוסט, אַז ער שלאָפט אין אַ קעניגלאַכן פּאַלאַץ. ער האָט געמיינט, אַז דאָס הויז געהערט גלאָט אַזוי צו אַ רײַכן מאַן. לאַנג שלאָפן האָט ער ניט געקענט; ווײַל קוים האָט ער אָפּגעשלאָפן אַ האַלבע שעה, האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין זײַט. דאָס האָט אים געשלאָגן איינער פון דעם קעניגס דינער, וואָס איז גראָד אַרײַנגעקומען און האָט דעם בעטלער געפונען דאָרט שלאָפנדיק.

„דו געמיינער בעטלער, דו!“ — האָט דער דינער אויסגע־רופן. — „ווי אַזוי האָסטו זיך געוואַגט מיט דײַנע שמוציקע פיס אַרײַנצוטרעטן אין דעם פּאַלאַץ פון אונזער ליכטיקן הערשער? שווין אַרויס פון דאַנען, דו אויסוואורף! גיי אַרויס, איידער איך וועל געבן צו וויסן דעם קעניג. ווען ניט, וועט ער הייסן דיך הענגען“.

דער בעטלער האָט אויסגעריבן זײַנע פאַרשלאָפענע אויגן, אָבער ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. דער דינער האָט ווײַטער גענומען שרײַען, אָבער דער בעטלער האָט זיך פאַר אים ניט גע־שראָקן. „איך וועל פון דאַנען ניט אַרויסגיין“, — האָט ער גע־זאָגט, — „וואו איך וועל זיך ניט גוט אויסרוען פון מײַן וועג. לאָז מיך שלאָפן“.

און דער בעטלער האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אין דעם ווייכן בעט.

דער דינער האָט דעם בעטלער אַראָפּגעשלעפּט פון בעט און געוואָלט אים אַרויסטרײַבן מיט גוואַלד, אָבער דער בעטלער האָט זיך

ניט געלאָזט טרײַבן. און די בײדע האָבן זיך אַזוי לאַנג געראַנגלט און געשריען, ביז די גאַנצע דינערשאַפט און די וועכטער פון פּאַלאַץ זײַנען אָנגעלאָפן. און דער קעניג, וואָס האָט זיך גראָד דעמאָלט צו־ריקגעקערט און האָט דערהערט דעם גרויסן ר ע ש, איז אויך אַרײַנ־געקומען אין דעם צימער, זען וואָס דאָ טוט זיך.

„וואָס טוט זיך דאָ?“ — האָט דער קעניג געפרעגט אַרײַנ־קומענדיק.

„אָט דער בעטלער“ — האָט דער דינער געענטפערט — „איז אַרײַנגעקומען אין דעם קעניגס פּאַלאַץ, האָט זיך אַרײַנגעלײגט אין בעט און וויל ניט אַרויסגײן“.

דער קעניג איז שטאַרק בײז געוואָרן אויף דעם בעטלער און האָט אויף אים אָנגעשריען: „זאָג מיר, צו וואָס און צו ווען ביסטו אַהער געקומען?“

„איך בין אַהער אַרײַן זיך אָפּצורוען פון מײַן וועג, ווײַל איך בין געווען זײער מיד און זײער שלעפעריק.“ — האָט דער בעטלער געענטפערט.

„ווײסטו דען ניט, אַז דאָס איז ניט קײן גאַסטהויז?“ — האָט דער קעניג געזאָגט. — „ניט אַנדערש, אַז דו ביסט אַהער געקומען

17802

מאַכן שפּאַס פון מיר. וואַרט, איך וועל דיר ווײַזן, וואָס עס הייסט מאַכן שפּאַס פון אַ קעניג".

„עס איז מיר קיינמאָל ניט אײַנגעפאַלן צו מאַכן שפּאַס פון דיר". — האָט דער בעטלער געענטפערט. — „אָבער איך פאַרלאַנג פון דיר, גרויסער הערשער, דו זאָלסט מיר געבן אַן ענטפער אויף מײַנע דרײַ פראַגן".

„פרעג". — האָט דער קעניג געזאָגט.

„זאָג מיר, גרויסער און מעכטיקער הערשער, ווער האָט דאָ אין דעם פּאַלאַץ געוואוינט פריער פאַר דיר?"

„מײַן פאָטער". — האָט דער קעניג געענטפערט.

„און ווער האָט דאָ געוואוינט פריער פאַר דײַן פאָטער?"

„מײַן זיידע".

„און ווער וועט דאָ וואוינען נאָך דיר?"

„מײַן זון".

„אויב אַזוי", — האָט דער בעטלער געזאָגט, — „האָב איך דאָך רעכט געהאַט, וואָס איך האָב דעם פּאַלאַץ אויסגעקליבן פאַר אַ נאַכטלעגער. ווײַל איז דאָס דען ניט אַן אײַנפאָר־הויז פאַר געסט? ניט אויף אייביק פאַרבלײַבן דאָ די אײַנוואוינער פון דעם פּאַלאַץ. די גייען אַוועק, און אַנדערע קומען אויף זייער פּלאַץ. נו, זאָג אַליין, גרויסער הערשער, האָב איך קיין רעכט ניט צו פאַרבלײַבן איבער אַ נאַכט?"

דעם בעטלערס רייד זײַנען גוט אַרײַן דעם קעניג אין קאָפּ, און ער האָט אים געלאָזט איבערנעכטיקן אין פּאַלאַץ. און אויף מאָרגן, אַז דער בעטלער האָט געוואָלט אַוועקגיין, האָט אים דער קעניג מיט־געגעבן שיינע מתנות.

תשרק.

צווײ הינט.

דער אַלטער הונט באַרבאָס,
וואָס האָט געטרײַ געדינט דעם באַלעבאָס
און האָט געהיניעט שטענדיק לעבן טויער,
האָט אויף אַ פענסטער פון אַ רײַכן מויער
דערזען אַמאָל זײַן פרײַנט, אַ פודל-הונט אַ קלײנעם,
מיט וועלכן ער האָט אויפ'ן הויף געלעבט אײנײנעם.
באַרבאָס האָט זיך מיט אים אַזוי דערפרײט,
אַז ער האָט אָנגעהויבן רײַסן זיך און בילן,
און אומשפרינגען און דרײען מיט'ן עק פאַר פרײד.
און פול מיט פרײַנטלאַכע געפילן
האָט ער אַלײן שוין ניט געוואוסט גאָר וואָס צו טאָן:
— „ווי גײט עס דיר, מײַן טײַערער, פון דאַמאָלסט אָן,
זינט ווען מען האָט אין פאַלאַץ דיך גענומען?
געדענקסט, אונז איז ניט אײן מאָל אויסגעקומען
צוזאַמען טאָג און נאַכט
צו ליגן אויפ'ן הויף פאַרשמאַכט...
נו זאָג, ווי לעבט זיך דיר דאָס הײַנט?"...
— „ניט צו פאַרזינדיקן", — געענטפערט האָט זײַן פרײַנט, —
„דער באַלעבאָס האָט מיך גאָר ווי זײַן לעבן האָלד;
איך עס אויף זילבער און אויף גאָלד;
און לעב אין גוטס און פאַרגעניגן.
אין אַלע צימערן לויף איך מיר אום
און שפיל זיך אומעטום.
און ווער איך מיד, קאָן איך מיר ליגן
אויף אַלע בעסטע טעפּיכער און האָבן רו...
און ווי לעבסטו?"
— „ווי איך?" — האָט אָפּגעענטפערט אים באַרבאָס,
אַרונטערלאָזנדיק דעם וויידל און די נאָז. —
„איך מאַטער זיך ווי פריער אויף דער וועלט

און לייד פון הונגער און פון קעלט.
איך שלאָף אַהינטער פלויט, און היטנדיק דאָס הויז,
טרעפט אָפטמאָל, אַז דער רעגן נעצט מיך אויס...
און גיב איך ווען אַ ביל,
אַזוי זיך, אָן אַ ציל,
באַקום איך קלעפּ... נאָר ווי ביסטו צום גליק געקומען,
אַז דו, אין תּוך גענומען,
ביסט שוואַך און קליין; און איך, כאַטש איך בין פעסט געבויט,
דאָך רייס איך זיך אומזיסט פון הויט
און פּלאָג זיך אָפּ מײַן גאַנצן לעבן פאַר אַ ביין?
אין וואָס באַשטייט דײַן דינסט? איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין!" —
— „מײַן דינסט אין וואָס באַשטייט? ס'איז שיין!" —
האָט אָפּגעענטפערט אים זיין פריינט פאַרדריסלאַך. —
„איך גיי דאָך אום אויף הינטער-פיסלאַך!"

ווי אָפט געפינט מען גליק און רו און חן
דערפאַר, וואָס מ'קאָן אויף הינטער-פיסלאַך גיין.

נחום יוד, פון קרילאָוו

די גזלנים.

זומערלעב, זומערלעב ביימעלאַך גרין,
ווינטערלעב ביימעלאַך ווייסע...
אַט, קינדערלאַך, זעצט זיך אַוועק אַרום מיר,
איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה.

אַז איר וועט שטילינקע זיצן אַזוי,
איז נעם איך די מעשה דערציילן:
עס האָבן צוויי ברידער גזלנים געלעבט
אין פינסטערן וואַלד אין די היילן.

אײנער פֿון זײ איז אַ יונגער געװען,
דער צװײטער — אַן אַלטער, אַ בלינדער;
דער אַלטער פֿלעגט זיצן און היטן די הײם,
דער יונגער פֿלעגט גײן כאַפּן קינדער.

ער פֿלעגט אַװעק אין אַ פֿינסטערער נאַכט,
אַ כאַפּ טאָן אַ קינד און אַנטלױפֿן
און ברענגען דאָס קינד צו דעם אַלטן אַהײם,
דערנאָך צו ציגײַנער פֿאַרקױפֿן.

אײנמאָל, עס טרעפֿט אין אַ פֿינסטערער נאַכט,
אין װאַלד האָט אַ שטורעם געװיטערט:
פֿון שטורעם געקרעכצט יעדער בױם האָט אין װאַלד,
די הײלן אַזש האָבן געציטערט.

זײַנען די ברידער גזלנים בײַם טיש
פֿאַר׳שיכור׳ט און פֿרײלאַך געזעסן;
זײ האָבן געטרונקען דעם טײַערסטן װײַן,
די בעסטע מאכלים געגעסן.

פלוצלונג — זײַ הערן אַ קינדערש געװײַן
צעגײַט זיך, פֿאַרגײַט זיך אין שטורעם:
„מײַן מאַמע, מײַן מאַמע, איך בלאָנדזשע אַלײן!...“
אַ קינדערש געװײַן, אַז אַ פּ י ל ו אַ שטײן
געקענט װאָלט צעגײן פֿון י ס ו ר י ם.

אָבער די בײדע ג ז ל נ י ם פֿאַר פֿרײד —
זײ האָבן געטאַנצט און געשפּרונגען;
פֿאַר זײ האָט דאָס קינדערש געװײַן װי אַ באַרג
ציגײַנערשע רענדלאַך געקלונגען.

האָט זיך דער יונגער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס
מיט העק און מיט מעסער באַהאַנגען
און איז דורך די הײלן צום װאַלד נאָכ'ן קינד
מיט בליציקע אױגן געגאַנגען.

גײט ער אַ ש ע ה, און גײט אַזױ צװײ,
און װאָס איז דאָ לאַנג צו דערצײלן?
ער גײט שױן אַרום אַזױ זיבן מ ע ת - ל ע ת
און קען ניט אַרױס פֿון די הײלן.

און אין די גאַנצענע זיבן מ ע ת - ל ע ת
װאו ער זאָל זיך װענדן און קערן,
דאָס קינדערש געװײַן טראָגט זיך דאָ אום פֿאַר אים,
און װיל גאָר אַנטשװיגן ניט װערן.

האָט ער די גאַנצענע זיבן מ ע ת - ל ע ת
געריסן די הײלן, די שטײנער;
אַז ער האָט צעבראָכן די מעסער און העק,
געריסן האָט ער מיט די צײנער.

װאָס איז דערװײַל מיט'ן בלינדן געשען? —
ער איז דאָך אַ שיף אָן אַ רודער! —
דער בלינדער האָט גאַנצענע זיבן מ ע ת - ל ע ת
געװײנט נאָך זײַן אינגערן ברודער,

און אויף דער נאַכט פון דעם אַכטן מעת-לעת —
דער ברודער איז נאָך ניט געקומען —
האָט ער אַזוי ביטער און שטאַרק זיך צעוויינט,
ביז ער האָט זײַן ר א י ה באַקומען.

איז ער זײַן ברודער צו זוכן אַוועק:
און ווײַט אין אַ היֵיל אַ פאַרדריייטן
אַן ציינער, די ליפּן צעקרימט און צעלאַמט,
האָט ער אים געפונען אַ טויטן.

איז ווי ער האָט אים געפונען אַזוי
אַן ציינער אַ טויטן דאָ ליגן,
ברעכט פּלוצלונג דער טויטער אַרויס אַ געוויין:
„מײַן מאַמע, מײַן מאַמע, איך בלאָנדזשע אַליין...“
און ווערט באַלד אויף אייביק אַנטשוויגן.

גרוי ווי דער אַלטער איז פריער געווען,
פון שרעק איז געוואָרן נאָך גרויער;
און איבער'ן מ ת האָט ער זיבן מעת-לעת
געוואַכט אין געוויין און אין טרויער.

און אויף דער נאַכט פון דעם אַכטן מעת-לעת
אין וואַלד איז אַ שטורעם געוואָרן;
האָט ער אַזוי ביטער און שטאַרק זיך צעוויינט,
ביז ער האָט זײַן ר א י ה פאַרלאָרן.

זיצט זיך פון יעמאָלט דער בלינדער און וויינט
און קען ניט אַרויס פון די היילן...
און ס ו ח ר י ם, וואָס פאָרן אין נעכט דורכ'ן וואַלד,
דערשראָקענע נאָכדעם דערציילן:

אַז ווען מען פאָרט אין די נעכט דורכ'ן וואַלד,
אַ קינדערש געוויין קען מען הערן,
אַ קינדערש געוויין — אַז אַ שטיין וואָלט צעגיין:
„מײַן מאַמע, מײַן מאַמע, איך בלאָנדזשע אַליין!...“
און וויל גאָר אַנטשוויגן ניט ווערן.

אבער דאָס וויינט ניט קיין קינד אינ'ם וואַלד, —
מען לאָזט ניט אין וועלדער קיין קינדער.
דאָס וויינט נאָר אין פינסטערן וואַלד אין די נעכט
דער אַלטער, דער גזלן דער בלינדער.

זומערלעב, זומערלעב ביימעלאַך גרין,
ווינטערלעב ביימעלאַך ווייסע;
אַ גלעקל אַריין און אַ גלעקל אַרויס,
און דאָס איז די גאַנצענע מעשה.

מאני לייב.

דער מענש, וואָס האָט געטראַכט נאָר וועגן זיך אַליין.

פּערזאָנען: מענש, קעמל, טיגער, חכם.

קעמל: זיי אַזוי גוט, מענש, וואוהין גייסטו?

מענש: איך גיי צום חכם פרעגן אויף מיין מזל. איך בין זייער אָרים.

קעמל: פרעג זיך שוין פאַרויינס אויף מיין מזל אויך. איך טראָג אָט די צוויי זעק מיט גאָלד אויף מיין רוקן שוין אַ לאַנגע, לאַנגע צייט. איך קאָן זיך איבער זיי ניט לייגן, איך בין זייער מיד. זיי אַזוי גוט, פרעג אויף מיין מזל אויך.

מענש: גוט, איך וועל זיך פרעגן.

טיגער: זיי אַזוי גוט, מענש, וואוהין גייסטו?

מענש: איך גיי צום חכם פרעגן אויף מיין מזל.

טיגער: פרעג זיך שוין פאַרויינס אויף מיין מזל אויך. שוין אַ לענגערע צייט, ווי איך האָב פאַרשטאָכן מיין פוס. פון דע־מאָלט אָן האָב איך ניט קיין רו. עס טוט מיר זייער וויי. זיי אַזוי גוט, פרעג אויך אויף מיין מזל!

מ ע נ ש : גוט, איך וועל זיך פרעגן.

(דער מענש קומט צום ח כ ם).

מ ע נ ש : גוט מאָרגן!

ח כ ם : גוט מאָרגן, גוט יאָר. וואָס ביסטו אַהער, איך בעט דיך, געקומען?

מ ע נ ש : איך וויל פרעגן אויף מײַן מ ז ל. איך בין אַ גרויסער אָרימאַן.

ח כ ם : מ ס ת מ א האָסטו געלעבט נאָר פאַר זיך אַלײן. קלער וועגן דעם, ווי צו העלפן אַנדערע, וועסטו אַלײן אויפהערן צו זײַן אָרים.

מ ע נ ש : אין וואַלד האָב איך באַגעגנט אַ קעמל, און ער האָט מיך געבעטן פרעגן זיך בײַ דיר אויך אויף זײַן מ ז ל. ער טראָגט שוין זייער אַ לאַנגע צײַט צוויי זעק מיט גאָלד אויף זײַן רוקן. ער קאָן זיך איבער זיי ניט לייגן, און ער איז זייער מיד.

ח כ ם : נעם אַראָפּ די זעק מיט גאָלד פון זײַן רוקן. דעמאָלט וועט אים ווערן לײַכט, און דו וועסט האָבן דאָס גאָלד. פאַרוואָס האָסטו דאָס פריער ניט געטאָן?

מ ע נ ש : איך האָב געטראַכט נאָר וועגן זיך אַלײן. און איצט נאָך אַ זאַך. איך האָב נאָכדעם נאָך באַגעגנט אין וואַלד אַ טיגער, און ער האָט מיך אויך געבעטן פרעגן זיך בײַ דיר אויף זײַן מ ז ל. שוין אַ לענגערע צײַט, ווי ער האָט פאַרשטאָכן זײַן פוס. פון דעמאָלט אָן האָט ער ניט קיין רו. עס טוט אים זייער שטאַרק וויי.

ח כ ם : נעם אַרויס דעם דאָרן פון זײַן פוס. איר וועט ביידע דערפון געווינען. אָבער פאַרוואָס האָסטו פריער זיך אויף דעם ניט געכאַפּט?

מ ע נ ש : איך האָב געטראַכט נאָר וועגן זיך אַלײן. איך דאַנק דיר זייער. אַ גוטן טאָג!

(דער מענש גייט צוריק. ער באַגעגנט דעם טיגער).

טיגער: האָסטו אויסגעפונען מײַן מזל?

מענש: דער חכם האָט מיר געהייסן אַרויסנעמען דעם דאָרן פון דײַן פוס.

(נעמט אַרויס דעם דאָרן און וויל גיין ווײַטער).

טיגער: אַ דאַנק דיר אַ גרויסן. עס איז מיר גאָר געוואָרן אַ ליכט אין די אויגן. לאָז מיך דערפאַר זײַן דײַנער אַ פרײַנד און היטן דיך פון די, וואָס וועלן דיר שלעכטס טאָן.

(זיי גייען ווײַטער, קומען צום קעמל).

קעמל: האָסטו אויסגעפונען מײַן מזל?

מענש: דער חכם האָט מיר געהייסן אַראָפּנעמען די זעק מיט גאָלד פון דײַן רוקן.

(ער נעמט אַראָפּ די זעק).

קעמל: אַ גרויסן דאַנק דיר. און איצט וואַרט צו. נעם זיך דיר די זעק מיט גאָלד. איך דאַרף זיי ניט, און דיר וועלן זיי גוט צוניץ קומען. זע נאָר, פאַרוואָס האָבן מיר זיך פריער אויף דעם ניט געכאַפּט?

מענש: דאָס איז דערפאַר, וואָס מיר האָבן פריער געטראַכט יעדערער נאָר וועגן זיך אַליין.

שעדלאָק.

די ראָמאַשקע און די לערכע.

1.

בײַם וועג איז געשטאַנען אַ הויז, און בײַם הויז איז געווען אַ בלומענגאָרטן, אַרומגעצוימט מיט אַ שיינעם געפאַרבטן שטאַקעט.

אויף יענער זײַט צוים, אינ׳ם גראָז, איז געוואַקסן אַ קליינע ראָמאַשקע. קיינער האָט זי פונ׳ם גראָז ניט אַרויסגעזען, נאָר זי איז דאָך געווען צופרידן און גליקלאַך.

„איך בין גליקלאַך, — האָט זי געטראַכט, — ווייל איך קאָן זען די זון און הערן, ווי די לערכע זינגט“.

אינ׳ם בלומענגאָרטן האָבן געוואַקסן הויכע בלומען. זיי זיינען געווען שטאָלץ און זיינען געשטאַנען אַלע מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן וועלן, אַז יעדער איינער זאָל אויף זיי קוקן און באַוואונדערן זייער שיינקייט.

„ווי שיין זיי זיינען! — האָט די ראָמאַשקע געזאָגט. — איך בין זיכער, אַז די לערכע וועט באַלד קומען צופליען צו זיי און זינגען פאַר זיי. איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איך וואַקס דערביי און קען זיי זען!“

ווי די ראָמאַשקע קוקט אַזוי און באַטראַכט די שיינע בלומען אין גאָרטן, קומט צופליען די לערכע.

אָבער די לערכע האָט זיך ניט אַראָפּגעלאָזט אויף די שטאָלצע בלומען אין גאָרטן. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער ראָמאַשקע אויפ׳ן גראָז.

דאָס האַרץ פונ׳ם בלימל איז פול געוואָרן מיט פרייד. זי איז געווען צו גליקלאַך, זי זאָל קאָנען אַרויסרעדן אַ וואָרט. און די לערכע איז אַרומגעשפּרונגען און האָט געזונגען:

„וואָס פאַר אַ שיין בלימל דאָס איז! עס האָט אַ גאָלדן האַרץ און אַ זילבערן קלייד.“

די ראָמאַשקע איז געווען איבערגליקלאַך. די לערכע האָט זי

אַ קוש געגעבן מיט איר שנאָבל, האָט געזונגען פאַר איר; און נאָכ־דעם האָט זי זיך צוריק אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפלויגן צום בלויען הימל צו.

באַלד נאָכדעם איז געקומען אַ מיידעלע און האָט אָפּגעקניפּן די שיינע שטאָלצע בלומען פון גאָרטן.

2.

עס איז געקומען דער אָוונט. די זון איז פאַרגאַנגען. די ראָמאַשקע האָט צונויפגעלייגט אירע בלומענבלעטלאַך און איז איינגעשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך איר געחלומט די ליכטיקע זון און דאָס קליינע פייגעלע.

ווען די ראָמאַשקע איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, האָט זי דערהערט, ווי די לערכע זינגט. אָבער דאָס מאָל איז דאָס ליד פון׳ם פייגעלע געווען אַזוי אומעטיק: קינדער האָבן געפאַנגען די לערכע און אַריינגעזעצט זי אין אַ שטייג, וואָס איז געהאַנגען ביים אָפענעם פענסטער.

דער ראָמאַשקע האָט זיך זייער געוואָלט העלפן דער לערכע. אָבער וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? זי איז געווען צוגעבונדן צום פלאַץ. זי האָט פאַרגעסן וועגן די גאָלדענע זונענשטראַלן און האָט נאָר געטראַכט וועגן דעם פייגעלע אין געפענגעניש.

מיט אַמאָל זיינען אַרוים צוויי אינגלאַך פון גאָרטן. איינער פון זיי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שאַרף מעסער. ער איז צוגעגאַנגען צו דער ראָמאַשקע.

„דאָס איז אַ גוטער שטיק טאָרף פאַר דער לערכע. — האָט ער געזאָגט. — לאָמיר דאָס אויסשניידן.“

און ער האָט גענומען זיין מעסער און אַרומגעשניטן ווי אַ קוואַדראַט אַרום דער ראָמאַשקע, אַזוי אַז די ראָמאַשקע איז געבליבן אין גראָז, מיט אירע וואָרצלען אין דער ערד.

3.

די אינגלאַך האָבן גענומען דעם שטיק אויסגעשניטענעם טאָרף, מיט דער ראָמאַשקע אויפ׳ן גראָז, און אַריינגעלייגט צו דער לערכע אין שטייג.

די לערכע האָט אומגעפלאַטערט און געקלאַפּט מיט אירע פליגעלאַך די דראָטן פון שטײַג. דער ראָמאַשקע האָט זײער שטאַרק פאַרדראָסן פאַר איר פרײַנד, אָבער זי האָט ניט געקאָנט אויסדריקן איר מיטגעפיל: זי האָט ניט געקאָנט רײדן.

„איך האָב ניט קײַן וואַסער. — האָט די לערכע זיך געקלאָגט. — זײ זײַנען אַוועק, די קינדער, און געלאָזן מיך אָן אַ טרונק. מיר איז אַזוי טרוקן אין האַלז! עס ברענט מיר אין מויל און אויפ׳ן האַרצן!

„איך וועל, קענטיק, מוזן שטאַרבן און פאַרלאָזן די וואַרימע שטראַלן פון דער זון, די פרישע גרינע לאָנקעס און די שײנע בלומען אויף די פעלדער.“



זי האָט אַראָפּגעלאָזט איר קאָפּ אויף די גראָז און דערזען די ראָמאַשקע. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אַ קוש געטאָן די ראָמאַשקע און געזאָגט:

„מײַן פרײַנד! מײַן קלײן אומגליקלאַך בלימעלע! דו וועסט אויך אַזוי ווי איך פאַרוועלקט ווערן און שטאַרבן דאָ אין שטײַג.“

עס איז געקומען דער אָוונט. אָבער קײנער האָט זיך ניט דערמאָנט צו ברענגען דער לערכע אַ טראָפּן וואַסער. זי האָט צוגענײגט איר קאָפּ צו דעם בלימל, און איר קלײן הערצל האָט געפּלאַצט.

און די ראַמאַשקע איז אויך פאַרוועלקט געוואָרן און איז גע־פאַלן.

אויף מאָרגן אין דער פרי זײַנען געקומען די אינגלאַך. ווען זיי האָבן דערזען, אַז דער פויגל איז טויט, האָבן זיי אָנגעהויבן וויי־נען. זיי האָבן אַרײַנגעלייגט דאָס טויטע פייגעלע אין אַ קליין רויט קעסטעלע, האָבן אויסגעגראָבן אַ גריבעלע און מקבר געווען דאָס פייגעלע.

ווען דאָס פייגעלע האָט געלעבט, האָבן זיי אָן אים פאַרגעסן. און איצט, ווען עס איז געשטאָרבן, האָבן זיי אים באַוויינט און באַ־דעקט זײַן קבר מיט בלומען.

און דעם שטיק טאָרף מיט דער פאַרוועלקטער ראַמאַשקע האָט מען אַרויסגעוואָרפן. און קיינער האָט ניט געטראַכט וועגן דעם בלי־מעלע, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס פייגעלע.

ה. כ. אנדערסען.

דער טײַך און דער קוואַל.

אַ טײַך, וואָס איז געווען אין וואַסער רײַך
און האָט צום ים זיך שטאָלץ געטראָגן,
האָט זיך אַמאָל געווענדט מיט גאווה צו דעם קוואַל,
וואָס האָט באַשיידן און פאַרקלערט
פון דר'ערד געשלאָגן:
— „מיר דאַכט, איך וואָלט גאָר ניט געקענט צופרידן זײַן
און אָפּשפּיגלען אין זיך פון העלן שטראַל דעם שײַן,
ווען איך וואָלט אויך, ווי דו, געווען שוואַך און שטיל.
אויב איך בין שטאָלץ, פאַרמעג איך וואַסער אין זיך פיל;
און פרילינגס־צײַט צעגיס איך זיך אויף מײַלן ווײַט:
און יעדע זאַך, וואָס שטייט מיר נאָר אין וועג,
טראָג איך אין מײַנע שטראָמען באַלד אַוועק.

איך שוים, איך ברויז,
פון מײַנע ברעגן רײַם איך זיך אַרויס
און וואַרף אויף אַלעמען אַ שרעק,
באַווײַזנדיק מײַן מאַכט.
און דו? ווי לאַנג דו זאָלסט ניט פליסן,
וועט קײַנער דאָך פון דיר ניט וויסן..."
— „מיר דאַכט, —
האָט אָפּגעענטפערט אים דער קוואַל פאַרטראַכט, —
אַז ווײַלע איך בין קלײַן,
דעריבער בין איך ר ײַ ן.
און ס'טויג מײַן וואַסער אויף צו טרינקען.
מײַן נאָמען וועט, ווי דײַנער, אויף דער וועלט ניט קלינגען,
נאָר איך וועל אָבער שטענדיק אין דער שטיל
אַרויסברענגען מײַן וואַסער פריש און קיל.
און צווישן אונז גערעדט, —
אין דײַנע ברײַטע שטראָמען וואַשט מען אָפּטמאָל גרעט"...

נחום יוד, פון קרילאָוו.

די מויז זוכט אַ חתן.

אַמאָל איז געווען אַ מויז, אַ גרויסע יחסנ'טע און אַ באַוואוסטע העלדין: איר האָט זיך אַמאָל אײַנגעגעבן צו אַנטלויפן פון די לאַפּעס פון אַ בלינדער קאַץ. האָט די מויז געוואָלט חתונה האָבן. זײַנען צו איר געקומען שדכנים פון אַלע מײַזן-לעכער; יעדער שדכן מיט זײַן שידוך. איז די מויז געגאַנגען אין די מײַזנלעכער זען זיך מיט די חתנים, וואָס מען האָט איר גערעדט. נאָר זי האָט אין קײַן לאָך ניט געפונען פאַר זיך קײַן חתן, ווי זי האָט געמײַנט. אײַן חתן איז געווען אַ שײַנער מיט שוואַרצע אויגן און מיט גרויסע וואָנצעס; דערפאַר איז דער מחותן געווען אַן אָרימאַן. דער צווײַטער חתן איז גראָד געווען רײַך: ער האָט

געהאַט אַ פולע מויזנלאָך מיט חלב'נע ליכט; דערפאַר איז ער גע־ווען אַ גרויסער עם־הארץ: אפילו קיין איין בלאַט פון אַ בוך האָט זיך ביי אים ניט געפונען. און אַזוי האָט יעדער שידוך, וואָס מען האָט איר פאָרגעשלאָגן פון דער מויזן־משפחה, געהאַט דעם אָדער יענעם חיסרון. האָט די מויז געטראַכט:

— צווישן מיין איז ניטאָ קיינער מיין גלייכן. לאָמיר דערפאַר אַרויס אויף דער וועלט און זוכן, פיליייכט וועל איך זיך געפינען אַ פאַסנדן חתן נישט פון מיין מויזן־פאָלק.

איז די מויז אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און איז אַרויס אויפ'ן גאַס. האָט זי דערזען די זון, ווי זי גייט אויף אין מזרח־זייט און שיינט מיט אירע גאָלדענע שטראַלן. האָט די מויז געטראַכט: „אָט דאָס איז אַ שיינער חתן און פאַסט פאַר מיר.“

און זי האָט אויסגערופן: „קום צו מיר, ליכטיקער חתן! קום צו מיר אין מויזנלאָך הינטער'ן אויוון. דאָרטן וועסטו לעבן אין פאַרגעניגן, דאָרט וועסטו זיין גליקלאַך מיט מיר אינייינעם!“

האָט די זון צו איר געזאָגט: „איך פאַס ניט פאַר דיר, געערטע מויז, ווייל דו ביסט דאָך עפּעס אַ העלדן פון מויזנלאָך אַרויס, און איך — וואָס בין איך ווערט, אַז אַ קליין וואָלקנדל שוועבט איבער

מיר אַריבער און פֿאַרשטעלט מיך און פֿאַרטונקלט מײַן פּנים. אָט דער וואָלקן, זעסטו, פּאַסט גראָד פֿאַר דיר, ווײַל ער איז שטאַרקער פֿאַר מיר: ער גיסט מיט רעגן, וואַרפֿט מיט בליצן און קלאַפּט מיט דונערן. ער וואָלט געווען זײַער אַ פּאַסנדער חתן פֿאַר דיר."

איז די מויז געגאַנגען צום וואָלקן און געפֿונען אים ווי ער שוועבט איבער אַ טײַך, שפּיגלט זיך אינ'ם וואַסער און מאַכט צו־



רעכט זײַנע גרײַזלאַך. „דאָס איז אויך אַ שײנער חתן". — האָט די מויז געטראַכט און האָט אויסגערופֿן: „קום צו מיר, הימלישער וואָלקן! קום צו מיר אין מויזנלאָך הינטער'ן אויוון; דאָרטן וועסטו זײַן גליקלאַך מיט מיר אינאײנעם!"

האָט דער וואָלקן איר געזאָגט: „איך פּאַס ניט פֿאַר דיר, גע־ ערטע מויז, ווײַל דו ביסט דאָך עפּעס אַ העלדן פֿון מויזנלאָך אַרויס, און איך — וואָס בין איך ווערט? עס קומט אַ ווינט און טראָגט מיך וואוהין ער וויל. דער ווינט, זעסטו, פּאַסט גראָד פֿאַר דיר, ווײַל ער איז שטאַרקער פֿון מיר: ער הײבט אויף הויכע כוואַליעס אין ים און רײַסט אויס בײמער מיט זײערע וואָרצלען. ער וואָלט געווען זײַער אַ פּאַסיקער חתן פֿאַר דיר.

איז די מויז געגאַנגען און געטראָפן דעם ווינט, ווי ער שפּילט זיך מיט שטרויכן און טאַנצט־אַרום צווישן די רויזן. טראַכט די מויז: „דאָס איז אויך אַ שיינער חתן און פּאַסט פאַר מיר.“ און זי

האָט אויסגערופן: „קום צו מיר, גרינג ווינטל, קום צו מיר אין מויזנ־לאָך הינטער'ן אויוון; דאָרטן וועסטו לעבן אין פאַרגעניגן, דאָרטן וועסטו זיין גליקלאַך מיט מיר אינאיינעם!“

האָט דער ווינט איר געזאָגט: „איך פּאַס ניט פאַר דיר, געערטע מויז, ווייל דו ביסט דאָך עפּעס אַ העלדין פון מויזנלאָך אַרויס, און איך — וואָס בין איך ווערט? דער מויער קאָן זיך שטעלן קעגן מיר און אָפּהאַלטן מיך אין וועג. דער מויער, זעסטו, פּאַסט גראָד פאַר דיר, ווייל ער איז שטאַרקער פון מיר: ער איז אינגאַנצן פון־שטיינער, זיינע טויערן — אייזערנע און זיינע טורעמס — הויכע ריזן. ער וואָלט געווען זייער אַ פּאַסיקער חתן פאַר דיר.“

איז די מויז געגאַנגען און געפונען דעם מויער, ווי ער שטייט אויפ'ן שפּיץ באַרג. דער גאַנצער מויער איז ווייס; פון זיינע טורעמס

קוקן־אַרוים שמאָלע פענסטערלאַך מיט זייערע אָנגעלאָדענע קאַנאָנען, און וועכטער גייען אַרום און היטן זיי. האָט די מויז געטראַכט:



„דאָס איז אויך אַ שיינער חתן און פּאַסט פאַר מיר.“ האָט זי אויסגערופן: „קום צו מיר, הויכער מויער, קום צו מיר אין מויזנלאָך הינטער'ן אויוון; דאָרטן וועסטו לעבן אין פאַרגעניגן, דאָרטן וועסטו זיין גליקלאַך מיט מיר אינאייינעם!“

האָט דער מויער איר געזאָגט: „איך פּאַס ניט פאַר דיר, געערטע מויז, ווייל דו ביסט דאָך עפּעס אַ העלדן פון מויזנלאָך אַרוים, און איך — וואָס בין איך ווערט? די מייז צערייסן מיינע ווענט און גראָבן זיך אונטער מיין פונדאַמענט.“...

„אויב אַזוי, — האָט די מויז אַ טראַכט געטאָן, — איז דאָך ניטאָ קיין שענערער און חשוב'ערער חתן ווי אַ מויז.“ איז זי אַוועק צוריק צו איר מויזנפאָלק און האָט חתונה געהאַט מיט אַ מויזנזון, ווי אַלע מייז.

יאַפּאַנעזיש מעשה'לע.

די גענז.

מיט גאָר אַ לאַנגן שטעקן געטריבן האָט
אַ פּויער גענז אין שטאָט.

ער האָט, דעם אמת זאָגנדיק, ניט איבעריקס שטאַרק
געשאַנעוועט די גענז: ער האָט געאײַלט צום מאַרק.
(און וואו עס הײבט נאָר מיט פּרנסה אָן צו שמעקן,
איז ניט נאָר גענז, נאָר מענשן קענען אויך געווים
קײַן האָניק דאָרט ניט לעקן...)
כ'באַשולדיק ניט דעם פּויער. אָבער ווי דאָס איז,
די גענז אַלײן —
זײ האָבן זיך געהאַט פון דעם אַן אַנדער מײן;
און טרעפנדיק אין וועג אַ מאַן,
גענומען האָבן זײ זיך הויך באַקלאָגן:
— „איז ערגעץ וואו נאָך אויף דער וועלט פאַראַן
אומגליקלאַכערע גענז? אַ פּויער זאָל אונז פּלאָגן
און גאָר ווי פּראָסטע גענז באַהאַנדלען אונז געמײן.
ער קאָן, דער גראָבער יונג, גאָר ניט פאַרשטײן,
אַז ער האָט געדרן
באַדאַרפט אונז אַכטן, ערן.
מיר קומען דאָך פון יענע גענז אַרויס,

וואָס האָבן רוים געראַטעוועט אַמאָל פון גרוים
געפאַר.
אין יענער שטאָט האָט מען דערפאַר
אַ י ו ם ־ ט ו ב איינגעפירט זאָגאַר פון זייערטוועגן"...
— „און איר אַליין, מיט וואָס טיילט איר זיך אוים?" —
האָט זיי דער מאַן געגומען פרעגן.
— „די אָ ב ו ת אונזערע"... — „איך ווייס
און נעם דאָס אַלץ אין אכט;
נאָר וויסן וויל איך,
וויפיל נוץ האָט איר אַליין געבראַכט?"
— „די זיידעס..." — „יע, נאָר גיט מיר צו פאַרשטיין,
וואָס איר אַליין האָט אויפגעטאָן,
מיט וואָס זייט איר געראָטן?"
— „האָ? מיר?... מיר האָבן קיין זאַך ניט געטאָן אַליין"...
— „טאָ לאָזט צורו די זיידעס; זיי האָט מען געערט,
ווייל זיי געוועזן זיינען ווערט,
און איר — טויגט בלויז צום בראָטן".

נחום יוד, פון קרילאָוו.

דער גיפטיקער בוים.

אַ גרויסער קאַראַוואַן פון אַ פינף הונדערט וועגענער איז אַמאָל געגאַנגען דורך אינדיען. ווען דער קאַראַוואַן איז צוגעקומען צום ברעג פון אַ געדיכטן וואַלד, האָט דער פירער פון קאַראַוואַן געהייסן זיך אָפּשטעלן. ער האָט צונויפגערופן אַלע מענשן, וואָס זיינען גע־גאַנגען מיט אים, און זיי געזאָגט:

„אין דעם וואַלד וואַקסן גיפטיקעביימער. און איך וואָרן אייך, איר זאָלט ניט פאַרזוכן קיין שום פרוכט, בלום אָדער בלאַט, וואו איר וועט פריער ניט פרעגן ביי מיר."

אַלע האָבן אים פאַרשפּראָכן אַזוי צו טאָן, און דער קאַראַוואַן האָט פאָרגעזעצט זיין וועג דורכ'ן וואַלד.

אין מיטן וואלד, ביים וועג, איז געשטאַנען אַ דאָרף, און אױ־סער'ן דאָרף איז געוואַקסן אַ בוים. דער בוים איז מיט זײַן גאַנצן אויסזען — מיט זײַן שטאַם, מיט זײַנע צווײַגן, בלעטער, בלומען און פרוכט — געווען ענלאַך צו אַ מאַנגאָבוים. און ניט בלויז מיט זײַן אויסערלאַכן אויסזען, נאָר אויך מיט זײַן ט ע ם און ר י ח זײַנען זײַנע פרוכט — סײַ די צײַטיקע, סײַ די ניט צײַטיקע — געווען אינ־גאַנצן ענלאַך צו די מאַנגאָ־פרוכט. אָבער זיי זײַנען געווען גיפטיק, און ווען מען האָט פון זיי געגעסן, איז מען באַלד געשטאָרבן.

אייניקע פון די קאַראַוואַן־לײַט, וועלכע זײַנען געווען זשעדנע מענשן, האָבן אָנגענומען דעם בוים פאַר אַ מאַנגאָבוים, האָבן גאָר־נישט געפרעגט דעם פירער און געגעסן פון די פרוכט פון דעם בוים. אַנדערע אָבער האָבן געזאָגט: „לאָמיר פרעגן דעם פירער, איידער מיר עסן פון דעם בוים.‟ און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים בוים מיט די פרוכט אין די הענט און געוואַרט ביז דער פירער איז צוגע־קומען.

ווען דער פירער איז צוגעקומען, האָט ער באַטראַכט דעם בוים און געזאָגט: „דאָס איז ניט קיין מאַנגאָבוים. טשעפּעט ניט זײַנע פרוכט.‟ און ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אייניקע פון די קאַראַוואַן־לײַט האָבן שוין געגעסן פון דעם בוים, האָט ער זיי גע־געבן אַ געגנגיפט און אַנדערע מיטלען, וואָס ער האָט געהאַט, און זיי זײַנען געזונט געוואָרן.

יעדעס מאָל פריער, ווען אַ קאַראַוואַן פלעגט זיך אָפּשטעלן אונטער דעם בוים, פלעגן די קאַראַוואַן־לײַט עסן פון די פרוכט פון

דעם בוים און זײַ פלעגן שטאַרבן. און אויף מאָרגן פלעגן קומען די אײַנוואוינער פון דאָרף, אַראָפּשלעפּן פון די טויטע אַלץ, וואָס עס איז געווען אויף זײַ, צונעמען דעם גאַנצן קאַראַוואַן און דערנאָך אַרײַנוואַרפן די טויטע ערגעץ אין אַ גרוב, עס זאָל גאָרנישט קענטיק זײַן.

אויך דאָס מאָל זײַנען די דאָרפלײַט גאַנץ פרי באַגינען געגאַנגען צום בוים צונעמען זײַער רויב. אײניקע פון זײַ האָבן געזאָגט: „מיר וועלן צונעמען די וועגענער.“ די אַנדערע האָבן געזאָגט: „מיר וועלן צונעמען די אָקסן“, און די דריטע: „מיר וועלן צונעמען די סחורה.“

אָבער ווען זײַ זײַנען צוגעקומען צום בוים, האָבן זײַ דערזען, אַז דער גאַנצער קאַראַוואַן לעבט און איז געזונט.

„ווי אַזוי האָט איר געוואוסט, אַז דער בוים איז אַ גיפטיקער? — האָבן די אַנטטוישטע דאָרפלײַט געפרעגט בײַ די מענשן פון קאַראַוואַן.

— „מיר האָבן טאַקע ניט געוואוסט, אָבער אונזער קלוגער פירער האָט געוואוסט.“ — האָבן די קאַראַוואַן־לײַט געענטפערט.

זײַנען די דאָרפלײַט צוגעגאַנגען צום פירער און געזאָגט: „קלוגער מאַן! ווי אַזוי האָסטו אויסגעפונען, אַז דאָס איז ניט קיין מאַנגאָבוים?“

„איך האָב פאַרשטאַנען, — האָט דער פירער געענטפערט, — אַז ווען אַ בוים וואַקסט בײַ אַ דאָרף, און אויפ׳ן בוים איז ניט שווער אַרויפצוקלעטערן, און דער בוים איז פול מיט פרוכט, איז אַ סימן, אַז די פרוכט זײַנען ניט קיין געזונטע.“

און דער פירער האָט געהייסן דעם קאַראַוואַן רירן זיך פון אָרט, און ער האָט געענדיקט די רײַזע פונ׳ם קאַראַוואַן בשלום.

שעדלאָק.

דער קלוגער ריכטער.

1.

עס איז געווען אַ זונטאָג אינדערפרי. דער ריכטער איז אויפגעשטאַנען און איז אַרוים שפּאַצירן איבער די גאַסן פון שטאָט.

פּלוצלונג דערזעט ער — אַ גאַנצע כאַליאַסטרע אינגלאַך לויפט נאָך נאָך אַן אָרימן מאַן, וואַרפט אויף אים שטיינדלאַך און מאַכט פון אים שפּאַס. דער אָרימאַן וויינט און בעט זיך ביי די אינגלאַך, זיי זאָלן אים אָפּלאָזן; און מיט די הענט פאַרשטעלט ער דעם קאָפּ, ער זאָל ניט כאַפּן מיט אַ שטיין אין קאָפּ אַריין. אָבער די אינגלאַך לאָזן אים ניט אָפּ.



— לאָזט אים אָפּ, ווילדע! — האָט דער ריכטער אָנגעשריען אויף די אינגלאַך. — אָדער איך וועל אייך הייסן באַשטראָפן פאַר אייער שלעכטן און מ י א ו ס'ן אויפפיר.

די קינדער האָבן זיך דערשראָקן און זיך צעלאָפן.

— דערציי, וואָס איז מיט דיר. — האָט זיך איצט דער ריכטער געווענדט צום אָרימאַן. — א פ ש ר וועל איך דיר קענען העלפן.

דער אָרימאַן האָט זיך פאַרנייגט און אָנגעהויבן צו דערציילן.

„איך קום איצט פון דער שטאָט כערעס אין שפּאַניען. איך האָב דאָרט ניין יאָר געאַרבעט אין אַ וויינגאָרטן. איך האָב פאַר דער צייט אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט. און איצט האָט זיך מיר פאַר-

גלוסט אומצוקערן זיך אַהײַים, זען מײַנע עלטערן. איך האָב זיך איבערגעטאָן ווי אַן אָרימאַן, כדי קײנעם זאָל ניט אײַנפאַלן, אַז איך האָב געלט, און מען זאָל עס בײַ מיר אויפ׳ן וועג ניט אַוועקרויבן. אָבער דאָס אומגליק האָט מיך דאָך געטראָפן.

פרײַטאָג בין איך געקומען אַהער אין שטאָט. איך האָב גע־וואָלט פאַרבלײַבן דאָ ביז איבער שבת. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, וואו איז דאָ פאַראַן אַן ערלאַכער בעל־אכסניא. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף דעם אַלטן רב שלמה׳ן. איך בין פאַרגאַנגען צו אים. ער איז מיר זײַער געפעלן געוואָרן סײַ מיט זײַן שײנעם אויסזען, סײַ מיט זײַן אײדעלן באַנעמען זיך.

פרײַטאָג פאַרנאַכט האָב איך אָפּגעגעבן רב שלמה׳ן מײַן בײַטעלע מיט׳ן געלט ביז איבער שבת. איך האָב פאַרבראַכט דעם שבת אין שול אָדער באַטראַכטנדיק די שטאָט. נעכטן, שבת צו נאַכט, האָב איך געוואָלט נעמען מײַן געלט צוריק בײַ רב שלמה׳ן, אָבער ער איז ניט געווען אינדערהײַים. הײַנט גאַנץ פרי בין איך אויפגעשטאַנען און געוואָלט אַוועקגײן. גײ איך צו צו רב שלמה׳ן און בעט בײַ אים מײַן בײַטעלע מיט׳ן געלט, וואָס איך האָב אים געגעבן באַהאַלטן פרײַטאָג פאַרנאַכט. אַז ער פאַלט דאָס ניט אָן אויף מיר:

— געלט? וואָס פאַר אַ געלט? אַך, דו שווינדלער אײנער! ווילסט אויף מיר אַרויפוואַרפן אַ בלבול?

און ער האָט גערופן דעם דינער און אים געזאָגט:

— וואַרף אַרויס אָט דעם משוגע׳נעם!

מען האָט מיך גלײַך אַרויסגעוואָרפן און פאַרשפאַרט הינטער מיר די טיר.

און זײ האָבן פאַרשפרײט אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז עס איז געקומען אַ שווינדלער און האָט אַרויפגעוואָרפן אַ בלבול אויף רב שלמה׳ן, אַז ער האָט בײַ אים אײַנגעלײגט אַ בײַטעלע מיט געלט. אַן עולם מענשן האָט זיך אַרומגעקליבן אַרום מיר. איך האָב זײ פּרובירט דערצײלן דעם אמת, אָבער זײ האָבן זיך פון מיר אויס־געלאַכט. און אַ גאַנצע חברה אינגלאַך האָבן גענומען רײַצן זיך מיט מיר און וואַרפן אויף מיר שטײנער.

— עס איז נאָך ניט אַלץ פאַרפאַלן. — האָט דער ריכטער געזאָגט. — באַרואיק זיך און קום מיט מיר.

2.

דעמזעלבן אָוונט איז צו ר ב ש ל מ ה'ס הויז צוגעפאָרן, רײַטנדיק אויף אַ שײנעם פערד, אַ מאַן, אָנגעטאָן אין אָפיצערן-קלײ־דער. ער איז אַרײַן אין הויז און געפרעגט ר ב ש ל מ ה'ן:

— ביסטו דאָס דער באַוואוסטער ערלאַכער ר ב ש ל מ ה, וועמען אַלע אין שטאָט אכטן און ליבן?

— יאָ, איך בין דאָס, מײַן האַר. — האָט ר ב ש ל מ ה געענט־פערט.

— האָב איך צו דיר אַ קלײנע ביטע און איך האָף, אַז דו וועסט זיך ניט אָפּזאָגן צו דערפילן זי.

— אויב נאָר איך וועל קענען. — האָט ר ב ש ל מ ה מיט באַשײדנהײַט געזאָגט. — דערצײל, וואָס דו ווילסט.

— דו ווײסט דאָך, — האָט אָנגעהויבן דער מאַן, — אַז מיר פירן מ ל ח מ ה מיט די פראַנצויזן. איך מוז איצט אויך אַוועק מיט מײַן רעגימענט. האָב איך ניט בײַ וועמען איבערצולאָזן מײַן געלט, מײַן גאָלד און מײַן זילבער, וואָס איך האָב אָנגעקליבן מיט פיל מי. קײַן פרוי און קינדער האָב איך ניט; קײַן גוטע פרײַנד, וועמען אי־בערצולאָזן עס, האָב איך אויך ניט. איז בײַ מיר געבליבן — קומען צו דיר, ווײַל איך האָב זײער פיל געהערט וועגן דײַן ערלאַכקײַט. איך וויל איבערלאָזן בײַ דיר מײַן גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איז ווערט העכער הונדערט טויזנט טאַלער. וועל איך קומען צוריק, וועל איך דיר געבן צוואַנציק טויזנט פאַר דײַן ט ר ח ה, און וועל איך ח ל י ל ה שטאַרבן, וועט עס אינגאַנצן בלײַבן דײַנע.

— אַ גרויסן דאַנק דיר, מײַן האַר! — האָט ר ב ש ל מ ה זיך אָפּגערופן. — אַ גרויסן דאַנק דיר, וואָס דו האָסט מיך אויסדער־ווײלט פאַר דעם, וועמען דו ווילסט אָנפאַרטרויען דײַן געלט...

ווי ער רעדט אַזוי, דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר און עס גײט אַרײַן אונזער אָרימאַן מיט אַ געשרײ:

— גיב מיר אָפּ מײַן געלט! מײַן געלט גיב מיר אָפּ!

— גלײַך, די מינוט! וואָס שרײַסטו? — האָט רב שלמה מיט אַ ציטערדיקן קול אַרויסגערעדט, און זײַן פּנים איז געוואָרן בלײַך ווי קרײַד. און ער האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום אַלמער, אַרויסגענומען דאָס בײַטעלע מיט׳ן געלט, עס אָפּגעגעבן דעם אָרימאַן און געזאָגט: „גײ זיך דיר געזונטערהייט!“

ווען דער אָרימאַן האָט אַרײַנגעלייגט דאָס געלט אין קעשענע, האָט זיך דער אָפּיצער אויפגעהויבן און געזאָגט מיט אַ שמייכל:

— איצט האָב מיר דערווײַל אַ גוטן טאָג, אַלטער שווינדלער! איך האָב דיך געפּאַקט, דו וואָלף אין אַ שעפּסן-פעל! דו וועסט שוין דײַן שטראָף באַקומען.

און ער איז אַרויס.

פון העברייאיש.

נחום יערוסאַלימטשיק.

די שפּין און די בין.

אַ שפּין, וואָס האָט איר נעץ צעשפּרייט
אין גאָרטן צווישן בלומען אויף אַ בייט,
האָט איינמאָל אין אַ שפּאָס

(און אפשר מיט אַ טיפּן האָס),
געוועגדט זיך צו דער בין: „דו פליסט אַרום
אַ לעבן לאַנג פון בלום צו בלום,
דו קלײַבסט און קלײַבסט דעם האָניק נאָכאַנאַנד
און רעכנסט נאָך מיט דעם אַ דאַנק
בײַ לײַט און לאַנד פאַרדינען.
אַ קלייניקייט, דו ברענגסט דאָך נוצן אַזוי פיל!
וועל איך דיר זאָגן אין דער שטיל,
אַז דיך וועט מען ניט האָבן גאָר אין זינען,
ווען מענשן וועלן ווען עס איז
דײַן האָניק עסן.
און מעג דײַן האָניק זײַן ווי זיס, —
אַלץ איינס וועט מען דיר ניט פאַרגעסן,
וואָס דו, פאַרהיטנדיק דײַן אייגנס, צי דײַן לעבן,
האָסט עמיצן אַמאָל אַ ביס געגעבן.
דו ווייסט דאָך דאָס גלײַכוואָרט געווים:
„מען דאַרף דײַן האָניק ניט און ניט דײַן ביס...“
נו, האָט דײַן אַרבעט דען אַ זין?...“
— „איך טראַכט ניט קיינמאָל פון קײַן ציל, —
האָט אויפריכטיק און שטיל
געענטפערט אים די בין, —
אַליין מײַן אַרבעט איז פאַר מיר אַ פאַרגעניגן.
און ווידער, רעדנדיק צוריק,
זע איך ניט אײַן דעם גרויסן גליק,
וואָס דו געפינסט אין כאַפּן פליגן...“

נחום יוד, פון קרילאָוו.

דער מילנער.

דאָס וואַסער האָט אַמאָל
דעם מילנערס הרעבליע דורכגעשלאָגן.
ס׳וואָלט לײַכט געווען דאָס אומגליק צו פאַרטראָגן,
ווען אונזער מילנער וואָלט צומאָל
ניט פוילן זיך דאָרט צולײַגן די האַנט.
דעם מילנער אָבער אַרט דאָס ווי די וואַנט...
דערווײַל דאָס וואַסער שלאָגט די הרעבליע דורך אַלץ מער.
— „העי, מילנער, זע באַצײַטנס גיב פון דעם אַ קלער!
און דרעמל ניט, ניט זײַ קײַן נאַר!“
דער מילנער אָבער זאָגט: „ס׳איז ווײַט נאָך פון געפאַר;
איך האָב זיך גאָר ניט וואָס צו שרעקן,
ווײַל וואַסער פאַר מײַן מיל וועט שטענדיק קלעקן.“
ער שלאָפט — און דאָ
פון שעה צו שעה
הײַבט אָן דאָס וואַסער גרעסער אַלץ צו ווערן;
און קורץ — געדויערט האָט ניט פיל,
ביז גאָר אין גאַנצן האָט זיך אָפּגעשטעלט די מיל.
ערשט דאָ האָט אונזער מילנער אָנגעהויבן קלערן,
ווי היט מען אײַן דאָס וואַסער
און וואָס פאָרט הײַבט מען אָן צו טאָן?
און בײַ דער הרעבליע שטייענדיק אַזוי אַ נאַסער,
האָט ער דערזען, אַז זײַנע הינער קומען אָן
צום טײַך זיך אָנטרינקען בײַם ברעג.
— „נאַראָנים אומגעלומפּערטע!“ — האָט ער אויף זיי
געגעבן אַ געשריי. —
„איר קענט דען ניט פאַרשטיין,
אַז וואַסער קלעקט דאָ מיר ניט פאַר דער מיל אַליין,
ווילט איר נאָך אויסטרינקען דאָס לעצטע ביסל ביז׳ן דעק?!“

און מיט אַ שײַטל האָלץ האָט ער זײַ דאָרט
געפּלעט די מ ו ח ו ת אויפ'ן אָרט.

נאָר קײַן געװױנער,
פאַרשטײַט זיך, איז ער ניט אַרױס:
אָן װאַסער און אָן הינער
האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו זיך אין הױז.

נחום יוד, פון קרילאָוו.



די װאַסער־מיל. האָבעמאַ.

דער קוואַרטעט.

אַן אייזל און אַ באָק, אַ מאַלפּע און אַ בער
פאַרגלוסט זיך אין איין שיינעם טאָג
צוזאַמען שפּילן אַ קוואַרטעט.
זיי האָבן זיך צונויפגערעדט,
זיך נאָטן באַלד געקראָגן,
צוויי פידעלאַך, אַ באַס, אַ פליים,
אַוועקגעזעצט זיך אויפ'ן לאָנקע לעבן פליים
און זיך צום שפּילן גלייך גענומען.

עס ווערט אַ דריפּעניש אַ שרעק,
נאָר וואָס צו הערן איז ניטאָ.
— „וואַרט, קינדער!" — זאָגט די מאַלפּע. — „איז דאָס אַ קאָנצערט?
איר זיצט דאָך אַלע גאָר פאַרקערט!
דו, בערל, מיט'ן באַס זעץ דו זיך דאָ,
איך מיט מיין פידל-פּרימע —
אַנטקעגן באָק, דער צווייטער שטימע;
וועט אונזער שפּיל אַוועקגיין מיט אַ גלאַנץ,
אַז בערג און טאָלן וועלן גיין אַ טאַנץ!"

צעזעצט מען זיך שוין אויף אַ נייעם קאָן,
נאָר דער קוואַרטעט — ער הייבט זיך גאָר ניט אָן.
— „שאַ, שטילער, איך ווייס דעם סעקרעט! —
שרייט אויס דער אייזל. — „ווילט איר האָבן אַ קוואַרטעט,
טאָ זעצט זיך אויס — פון פידל ביז באַנדורע —
גלייך אַלע אין איין ש ו ר ה!"

מען פאָלגט דעם אייזל און מען זעצט זיך אַלע גלייך;
פון זייער שפּילן אָבער לאָזט זיך אויס אַ טייך.
און ס'ווערט ביי זיי אַ שפּאַרעניש, אַ היצעניש,

מכוח זיצעניש.
אויף זייער טומל און געשריי
קומט אָן אַ סאָלאָוויי.
די מוזיקאַנטן פאַלן צו צו אים:
— „אוי, ראַטעווע! מיר האָבן כלים, נאָטן-בלאַט.
זעץ אונז נאָר אוים, וועט אַלץ אַוועקגיין גלאַט!"

דער סאָלאָוויי טוט זיך אַ קרים
און זאָגט: „די שפּיל, רבותי, איז פאַר אײַך צו שווער.
אַ מוזיקאַנט
מוז קודם האָבן אַ געהער
און טאַקע אויך אַ שטיקעלע טאַלאַנט;
און איר מעגט זיצן ווי די שררות, —
צום שפּילן טויגט איר אויף כפּרות.

פ. קאַפּלאַן, נאָך קרילאָוו.

צווישן חיות.

מתושלח.

(אַן אַלט פערד).



א.

מ ת ו ש ל ח — אַזוי האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן אין כ ת ר י ל ע ו ו ק ע דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, נישט געהאַט שוין קיין צאָן אין מויל, אַ ח ו ץ צוויי דריי פּענ־קעס, וואָס מיט זיי פּלעגט ער קוים מיט צ ר ו ת קייען — אַבי ס'איז נאָר געווען וואָס. אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט אַ צע'ה ר ג'עטן רוקן, קאַליע אויגן, אויף איינעם אַ בעלמע, דאָס אַנדערע רויטלאַך, אויסגעקנעכלטע פּיס, שפּיציקע קלובעס, איינגעפאַלענע זייטן, די אונ־טערשטע ליפּ אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט, ווי פאַרוויינט, דער וויידל אַן אויסגעפּליקטער — אָט האָט איר זיין פּאָרטרעט. און געדינט האָט

ער אויף די עלטערע יאָרן אין כתרילעווקע ביי כתריאל דעם וואַסערפירער ביים פּעסל פּאַר אַ פערדל.

בטבע איז מתושלח געווען אַ רואיקער, אַ האָרעפּאַש-נער, נאָר אַן אויסגעהאָרעוועטער נעבאַך. אַנגעטיאָפּקעט זיך דעם גאַנצן טאָג אין דער כתרילעווקער ליימענער בלאָטע און פאַרזאָרגט די שטאָט אויף אַ גאַנצן מעת-לעת מיט וואַסער, איז ער געווען צופרידן, אַז מען האָט אים אויסגעשפּאַנט פון'ם פּעסל, אונטערגע-וואָרפן אַ ביסל שטרוי און געגעבן פאַרבייסן מיט אַ פּאַמויניצע, וואָס כתריליכע האָט אים אונטערגעטראָגן מיט אַזאַ פּנים, ווי מען טראָגט, אַ שטייגער, אונטער זייער אַן אָנגעלייגטן גאַסט אַ פּאַלומע-סיק מיט פיש אָדער אַ שיסל מיט וואַרעניקעס. אויף דער דאָזיקער פּאַמויניצע פלעגט מתושלח אַרויסקוקן, ווי אויף עפּעס רעכטס, מחמת דאָרטן האָט זיך געפונען אַלע מאָל אַן אויסגעווייקט שטיק ברויט, קאַשע אַ ביסל וכדומה אַזעלכע ווייכע זאַכן, וואָס מע פאַרשפּאָרט צו זיי ציין. דעם גאַנצן טאָג האָט כתריליכע גע-זאַמלט פון מתושלח'ס וועגן, געוואָרפן אין פּאַמויניצע אַריין, וואָס ס'איז איר געקומען אין די הענט אַריין. — לאָז דאָס פערדל נעבאַך האָבן וואָס צו עסן. און מתושלח, אַז ער האָט אי-בערגעביסן, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט'ן פּנים צום פּעסל און מיט'ן הינטן, מחילה צו כתריליכן, ווי איינער רעדט: אַ דאַנק אייך פאַר אייער זאַלץ און ברויט!... בשעת מעשה אַראָפּגעלאָזט די אונטערשטע ליפּ נאָך נידעריקער, דאָס זעענדיקע אייגל צוגעמאַכט, און אַריינגעלאָזט זיך אין טיפע פערדישע גע-דאַנקען.

ב.

ביי כתריאל דעם וואַסערפירער איז מתושלח'ן געווען אַזוי גוט, ווי נאָך קיינמאָל נישט: ערשטנס איז די אַרבעט עפּעס נאָר אַ געלעכטער און גענוג. שלעפּן אַ פּעסל וואַסער און ביי יעדער שטוב אָפּשטעלן זיך — אויך מיר אַן אַרבעט! און דער באַלעבאָס איז עפּעס גאָר אַ דימענט. אַ מענש זאָל זיך ניט צורירן, קיין הויכן געשריי ניט טאָן, האַלטן אַ בייטש פון יוצא

וועגן! הײַנט דאָס עסן. אמת, קײַן האָבער קוקט ער נישט אָן: נאָר צו וואָס טויג אים דער האָבער, אַז ער האָט במילא נישט מיט וואָס צו קײַען? נישט גלײַכער שוין די פּאַמויניצע מיט די ווײַכע שטיקלאַך ברויט, וואָס כתריליכע טראָגט אים אַלע טאָג אַנטקעגן? און נישט אַזוי די פּאַמויניצע, ווי דאָס דערלאַנגען די פּאַמויניצע. מען באַדאַרף זען, ווי כתריליכע שטײט בשעת מעשׂה צונויפגעלײגט די הענט אויפ׳ן האַרצן און קלײַבט נחת פון מתושלח׳ן, ווי ער עסט דאָס, קײַן עין־הרע ניט. קומט בײַנאַכט, בעט מען אים אוים אין הויף אַ ביסל שטרוי און מען גײט אַרוים אַלע מאָל אָדער כתריאל אָדער כתריליכע געוואָר ווערן, צי מען האָט אים חלילה ניט אַוועקגעל קח׳נט.

ג.

ס׳זאָל כסדר זײַן גוט אויף דער וועלט, דאָס איז נישט פאַראַן. אויף וויפיל מתושלח האָט זיך געפילט גליקלאַך אויף דער עלטער בײַ כתריאל׳ן און כתריליכען, אַזוי פיל איז ער אויסגעריסן געוואָרן, אויסגעשטאַנען צרות, יסורים און בזיונות פון זײַערע קינדער, פון זײַערע שכנים׳ס קינדער און פון גלאַט קינדער.

פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס מען האָט אים געבראַכט צו פירן, ווי קלײנוואַרג האָט אים דערזען, האָבן זײ אים, פון ליבשאַפט דווקא, אָנגעהויבן צו פײַניקן. געקיצלט איבער די פיס; געשנעלט איבער׳ן אויער; געפירט מיט אַ שטרײעלע איבער׳ן ווײַסן אײגל מיט דער בעלמע; געדרוקט אַ ריטל פון אַ בעזים טיף אין נאָז אַרײַן, און דאָס אַלץ — כדי צו זען, צי פילט ער אַזוי ווי אַ מענש צי נײן. ווען כתריאל פלעגט דאָס דערזען, פלעגט ער אַוועקטרײַבן זײַנע קינדער מיט כעס אין תלמוד־תורה אַרײַן.

אין תלמוד־תורה איז געווען אײנער אַ ראובֿ׳עלע, אַ ספּירטאָווע אינגל, אַ מזיק, זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! אַז ער איז געוואָר געוואָרן פון כתריאל׳ס קינדער, אַז זײער טאַטע האָט געבראַכט צו פירן פונ׳ם יאַריד אַ פערדל און עס

הייסט מתושלח, איז ער אויפגעשפרונגען אויף אַ בענקל, אַ וויש געטאָן דאָס נעזל מיט ביידע הענט הין און צוריק און אויסגערופן בקול רם:

— קינדער, מיר האָבן שוין אַ „סמיטשיק"!

פאַרנאַכט האָט ראובֿ'עלע זיך פאַר'גנב'עט צו מתושלח'ן פון הינטן און האָט אָנגעהויבן שלעפן ביי אים האָר פונ'ם ווײַדל. כל־זמן ראובֿ'עלע האָט געשלעפּט די האָר איינציקווייז, איז מתושלח געשטאַנען רואיק. נאָר אַז ראובֿ'עלע האָט זיך צוגעכאַפּט צום ווײַדל, אָנגעהויבן רייסן מיט אַמאָל אַ גאַנצן זשמוט, האָט דאָס שוין מתושלח'ן גוט פאַרדראָסן. און נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער דערלאַנגט ראובֿ'עלען מיט דעם הינטערשטן פוס גלייך אין די ציין אַריין און האָט אים צעהאַקט די ליפּ אויף צווייען.

ד.

ראובֿ'עלע איז געווען, ברוך השם, אַזאַ קינד, וואָס אַלצדינג האָט זיך אויף אים פאַרהיילט גיך. איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט, איז שוין די ליפּ ביי אים ווידער צונויפגעוואַקסן געוואָרן, גלייך ווי גאָרנישט געווען. און ער האָט צוגעטראַכט גאָר אַ נייע זאַך: מען באַדאַרף זיך אַמאָל דורכפאָרן רייטנדיק אויף מתושלח'ן, און דווקא אַלע תלמוד־תורה־אינגלאַך מיט אַמאָל.

ס'איז געקומען שבת ביי טאָג. דער עולם האָט אָפּגעגעסן, געלייגט זיך שלאָפן, און כתריאל מיט כתריליכען בתוכם. האָבן זיך חברה פּאַוואָליע אַריינגעג'נב'עט צום וואַסערפירער אין הויף אַריין. ראובֿ'עלע האָט גענומען אויספּוצן מתושלח'ן ווי ווייט מעגלאַך. קודם־כל האָט ער אים פאַרפלאָכטן די גריווע, געמאַכט עטלאַכע צעפּלאַך, באַפּוצט מיט שטרייעלאַך; נאָכדעם האָט ער אים אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ אַ ווייסן פּאַפּירענעם ספּאָדיק, צוגעבונדן אויפ'ן האַלז מיט בענדלאַך. און לסוף האָט ער אים אָנגעהאַנגען פון הינטן אַן אַלטן בעזים,

בכדי דער ווײַדל זאָל אויסקומען שענער און לענגער. און חברה האָבן אָנגעהויבן זעצן זיך, קריכן אויף מתושלח'ן אײַנס אײַ־בער'ן אַנדערן. ווער עס האָט פאַרכאַפּט אַן אָרט פריער, דער איז געזעסן אויפ'ן פערד, און די איבעריקע וועלן זיך שוין זעצן נאָכדעם. נאָר דערווײַל זײַנען זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטן און געהאָלפן אונטער־שרײַען מתושלח'ן ער זאָל גיין אַ ביסל גיכער.

מתושלח האָט קיין חשק ניט געהאַט צו לויפן און איז געגאַנגען טריט בײַ טריט. נאָר אַז חברה האָבן אים שטאַרק אָנגעהויבן דאַקוטשען, אונטערטרײַבן און מאַכן מיט די הענט, האָט מתושלח אָנגעהויבן גיין גיכער. און אַז ער האָט אָנגעהויבן צו גיין גיכער, האָט אים הינטן דער בעזים אָנגעהויבן זיך שלאָגן אין די פיס אַרײַן; האָט ער אָנגעהויבן לויפן נאָך גיכער, האָט אים דער בעזים אָנגעהויבן צו שלאָגן נאָך שטאַרקער. האָט ער אָנ־געהויבן צו שפּרינגען, האָבן חברה געקוועלט, און ראובֿ'עלע האָט זיך אונטערגעהעצקעט און געשריען: האָפּ־האָפּ־האָפּ! אַזוי לאַנג געהאָפּקעט, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן פאַלן אײנציקווײַז, ווי די האָלעשקעס. און אַז מתושלח האָט זיי אַלעמען אַראָפּגעוואָרפן און דערפילט, אַז ער איז פרײַ, האָט ער ערשט דעמאָלט אָנגעהויבן לויפן משוגע'נערווײַז און איז געשמײַדיק געלאָפן און געלאָפן ביז אויף יענער זײַט מילן, העט, העט הינטער דער שטאָט אַרויס.

דערזען לויפן אַ משונה־מאָדנע פערדל מיט אַ פּאַפּירענעם ספּאָדיק, האָבן די שקצים, די פּאַסטוכער, געמאַכט אַ העי! אויף אים, אָנגעהויבן אים נאָכלויפן, וואַרפן מיט שטעקנס און האָבן אָנגערייצט אויף אים די הינט. יענע, די כלבים, הײַסט דאָס, האָבן זיך דווקא ניט געלאָזט לאַנג בעטן און האָבן גענומען יאָגן זיך נאָך אים, בײַסן און רײַסן; עטלאַכע האָבן אים אָנגענומען הינטן, בײַ די ליטקעס; עטלאַכע האָבן אים אָנגעכאַפּט פון פאָרנט, בײַם גאָרגל. מתושלח האָט אַזש אָנגעהויבן כראָפּען. אַזוי לאַנג, אַזוי ברײט — ביז זיי זײַנען אים דערגאַנגען דעם עק.

אויף מאָרגן האָבן שוין חברה געהאַט זייער ערלאַך אויס־קומעניש. נאָר דער גרעסטער טרויער איז געווען בײַ כתריאל

דעם וואַסערפירער און זײַן ווײַב כ ת ר י ליכע. זײ האָבן געוויינט און געקלאָגט אויף זייער גרויסן שאָדן, אויף זייער אָרים פערדל נעבאַך, אויף מ ת ו ש ל ח'ן.

שלום־עליכם.

שפּריכווערטער.

שמײַס דאָס פערד מיט האָבער, ניט מיט קײַן בײַטש.
אַ בלינד פערד פאַלט אַלע מאָל אין גרוב אַרײַן.



ציגן אין די בערג. אַג. באָנעור.

סעגענס ציגעלע.

1.

אַך, ווי שיין איז געווען דאָס קליינינקע ציגעלע סעגענס! ווי שיין האָט עס אויסגעזען מיט זײַנע צאַרטע אויגן, מיט זײַן שפּיציק בערדל, מיט זײַנע שוואַרצע און גלאַנצנדיקע קלאָען, מיט זײַנע געשטרײַפטע הערנדלאַך און מיט זײַנע לאַנגע ווײַסע וואָל, וואָס האָט

עס, ווי מיט אַ מאַנטל, איינגעהילט. דערצו איז עס נאָך געווען שטיל און מילד, האָט זיך רואיק געלאָזט מעלקן און איז ניט געקראָכן מיט די פיסלאַך אין מעלקשעפל אַריין.

דאָס איז געווען אַן אַנטיקל אַ ציגעלע... און געהייסן האָט עס בלאַנקעטע.

סעגען האָט הינטער'ן שטיבל זיינעם געהאַט אַ שטיקל פעלד, וואָס איז אַרום און אַרום פאַרוואַקסן געווען מיט דערנער־קוסטעס. אַהינצו האָט ער אָפּגעפירט זיין ציגעלע. אויף דעם בעסטן שטיקל פלאַץ האָט ער עס דאָרט צוגעבונדן אויף אַ לאַנגן שטריקל צו אַ פלעקל און פלעגט אַלע מאָל קומען אַ קוק טאָן, וואָס מאַכט עס. דאָס ציגעלע האָט אויסגעזען זייער גליקלאַך, האָט פריילאַך געצופּט מיט די ציינדלאַך דאָס גראָז, און סעגען האָט געקליבן נ ח ת.

איינמאָל האָט דאָס ציגעלע זיך פאַרקוקט אויף די בערג און אַ טראַכט געגעבן:

— ווי גוט דאַרף זיין דאָרט אין דער הייך! ס'אַרא פאַרגעניגן דאַרף זיין אַרומצושפּרינגען דאָרט אין גראָז אָן אָט דעם מ י א ו ס ' ן שטריקל, וואָס רייבט אָן דעם האַלז און נאַקן! דאָס פּאַסט נאָר פאַר אַן איזל, אָדער פאַר אַן עקסל זיך צו פיטערן אויף אַן אָפּגעצוימטן פלאַץ. ציגן דאַרפן האָבן אַ פריי פעלד.

פון דעמאָלט אָן איז אים נ מ א ס געוואָרן דאָס גראָז פונ'ם אָפּגעצוימטן שטיק פעלד. עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ בענקעניש, עס איז געוואָרן מאָגער, האָט אויפגעהערט געבן מילך. עס איז געווען אַ ר ח מ נ ו ת צו זען, ווי דאָס ציגעלע האָט אַ גאַנצן טאָג געצופּט דאָס שטריקל, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די בערג, צעשפּרייט די נאָזלעכער און טרויעריק געמעקעט.

סעגען האָט זיך געכאַפּט, אַז עפּעס איז אים, דעם ציגעלע זיינעם, נאָר ער האָט ניט געוווּסט וואָס...

איינמאָל אין דערפרי, אַז ער האָט עס אויסגעמאָלקן, האָט זיך דאָס ציגעלע אויסגעקערעוועט צו אים און אַ זאָג געטאָן אויף זיין ל ש ו ן:

— הערט נאָר, באַלעבאָס, עס איז מיר אומעטיק ביי אייך; לאָזט מיך אָפּ אין די בערג.

— אַך, גאָט מײַנער, דאָס ציגעלע שוין אויך! — האָט סעגען דערשראָקן אויסגעשריען. און פון גרויס שרעק האָט ער איבערגע־קערט דאָס מעלקשעפל און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן גראָז לעבן זײַן ציגעלע.

— בלאַנקעטע, וואָס הייסט, דו ווילסט מיך אַוועקוואַרפן?

בלאַנקעטע האָט געענטפערט: — יאָ, הער סעגען!

— וואָס, ס׳פעלט דיר דען גראָז?

— אָ ניין, הער סעגען!

— א פ ש ר איז דאָס שטריקל צו קורץ? ווילסט, וועל איך צו־בינדן אַ לענגערס.

— ניט כ ד א י די ט ר ח ה, הער סעגען!

— וואָס־זשע דען דאַרפסטו, וואָס־זשע ווילסטו?

— איך וויל גיין אויף די בערג, הער סעגען!

— צי ווייסטו דען ניט, אומגליקלאַכע, אַז אויף די בערג גע־פינט זיך דער וואָלף? וואָס וועסטו טאָן, אַז ער וועט אָנקומען?

— איך וועל אים געבן אַ שטויס מיט די הערנער, הער סעגען!

— דער וואָלף לאַכט זיך אויס פון דײַנע הערנער. ער האָט שוין געגנוג ציגן מיר אויפגעפרעסן, און מיט אַ ביסל גרעסערע הער־נער, ווי דײַנע. געדענקסט די אָרעמע אַלטיטשקע רענאַד, וואָס איז דאָ געווען פאַראַיאָרן? ס׳אַרא גרויסע ציג דאָס איז געווען, און אַ מין שטאַרקע און בייזע, ווי אַ באָק! אַ גאַנצע נאַכט האָט זי זיך גע־ראַנגלט מיט׳ן וואָלף. און אין דער פרי האָט זי דער וואָלף פאָרט אויפגעפרעסן.

— אומגליקלאַכע רענאַד, נעבאַך! אָבער דאָס מאַכט ניט אויס, הער סעגען, לאָזט מיך אַוועקגיין אויף די בערג.

— גאָט מײַנער! — האָט סעגען געזאָגט. — וואָס איז גע־וואָרן מיט מײַנע ציגן? אָט וועט דער וואָלף נאָך איינע פאַרצוקן. אָבער ניין! איך וועל דיך מ צ י ל זײַן, ה ג ם דו ווילסט ניט. און כ ד י דו זאָלסט זיך ניט אָפרײַסן פון שטריקל, וועל איך דיך אויף שטענדיק פאַרשפאַרן אין שטעלכל.

און סעגען האָט אַוועקגעטראָגן דאָס ציגעלע אין פינסטערן

שטעלכל און האָט פאַרשלאָסן די טיר אויף אַ צוויִיענדיקן שלאָס. צום אומגליק האָט ער פאַרגעסן, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ פענסטערל; און ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעקערט, האָט די ציג זיך אַרויסגעכאַפּט פון דאָרט און — אין די בערג אַרײַן!...

2.

אַז דאָס ציגעלע איז געקומען אין די בערג אַרײַן, איז דאָרט געוואָרן אַ גרויסע פרייִד. די אַלטע סאָסנעס האָבן נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזאַ שיינהייַט. מ'האָט זי אויפגענומען ווי אַ קלייִנע פּרינ־צעסן. די קאַשטאַנען־ביימער האָבן זיך אָנגעבויגן ביז צו דער ערד, כדי צו גלעטן די ציג מיט די שפּיצן פון זייערע צווייַגן. די גאָלדענע גרעזעלאַך האָבן פאַר איר געמאַכט אַ וואָרע, בעת זי איז געגאַנגען, און האָבן פאַרשפּרייט בשמים־ריחות, וויפיל זיי האָבן נאָר געקאָנט. דער גאַנצער באַרג האָט זי אויפגענומען מיט פרייִד.

איר שטעלט זיך פאָר, ווי אונזער ציג איז געווען גליקלאַך! ניטאָ מער קיין שטריקל, ניטאָ מער קיין פלעקל! ניטאָ מער וואָס זאָל זי ניט לאָזן שפּרינגען, רייַסן די בלעטלאַך, ווי איר גלוסט זיך. און וויפיל גראָז איז דאָ פאַראַן! העכער איבער די הערנער! און וואָס פאַר אַ גראָז! געשמאַקס, דינינקס, מיט שפּיצן, טויזנטערליי מינים... אַ ביסל בעסער גראָז, ווי דאָרט אויפ'ן אָפּגעצוימטן פּלאַץ! און וויפיל בלומען! גרויסע, בלויע גלעקעלאַך, פּורפּורנע פינגערהוטן מיט לאַנגע בעכערלאַך — אַ גאַנצער וואַלד מיט ווילדע בלומען, וואָס פון זייער שמאַרקן ריח פאַרדרייט זיך דער קאָפּ. דאָס ווייַסע ציגעלע, וואָס איז געווען אַ ביסל פאַר'שיכור'ט, האָט זיך געוואַלגערט אין גראָז מיט די פיס אין דער לופטן און האָט זיך אַראָפּגעקוילערט אינאיינעם מיט די אַראָפּגעפאַלענע בלעטלאַך און קאַשטאַנען באַרג־אַראָפּ... דער־נאָך האָט זי מיט־אַמאָל מיט איין שפּרונג זיך ווידער געשטעלט אויף די פיס: האָפּ! און זי איז אַוועק ווייַטער מיט אַן אויסגעצויגענעם קאָפּ איבער די געדיכטע קוסטעס און קלייִנע בוקס־ביימעלאַך; אָט פליט זי אַרויף ביז'ן סאַמע שפּיץ באַרג, און אָט לאָזט זי זיך אַראָפּ אין אַ טיפער גרוב; אַרויף, אַראָפּ, אומעטום. עפּעס האָט דאָס אויס־

געזען, גלײַך ווי ניט אײַנע, נאָר גאַנצע צען ציגן זײַנען אַנטלאָפן פון סעגענען.

בלאַנקעטע האָט פאַר קײַן שום זאַך קײַן מורא ניט גע־האָט.

מיט אײַן שפּרונג איז זי אַריבער ברײַטע בערג־שטראָמען, וואָס האָבן זי באַשפּריצט מיט פײַכטן וואַסער־שטויב און שוים. דער־נאָך האָט זי זיך, אײַנגאַנצן אַ נאַסע, פאַרקליבן אויף אַ גלאַטן שטײַן און זיך גענומען טריקענען אויף דער זון. אײַנמאָל איז זי צוגעלאָפן מיט אַ בלימעלע אין מויל ביז׳ן ראַנד פון פלאַכן באַרג און האָט מיט־אַמאָל דערזען אונטן, דאָרט גאָר־גאָר אונטן, סעגענס שטיבל מיט׳ן פּעלדל הינטער דעם. זי האָט געלאַכט כמעט ביז טרערן.

— ווי קלײַן דאָס איז! — האָט זי געזאָגט. — ווי האָב איך געקאָנט דאָרט אויסהאַלטן!

3.

מיטאַמאָל האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קאַלט ווינטל. דער באַרג איז געוואָרן פיאָלעט, די נאַכט איז צוגעפאַלן.

— שוין! — האָט דאָס קלוגע ציגעלע געזאָגט און איז גע־בליבן שטײַן שטאַרק פאַרוואונדערט.

אונטן זײַנען די פעלדער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ געדיכטן נעפּל, און פון דער שטוב האָט מען מער ניט אַרויסגעזען ווי דעם דאַך און אַ קלײַנינקן רויך איבער אים. דאָס ציגעלע האָט דערהערט גלעקלאַך פון אַ טשערעדע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דער פּאַשע, און אויף׳ן האַרצן איז אים געוואָרן אַזוי אומעטיק... אַ נאַכט־פויגל איז איבער אים דורכגעפלויגן און האָט עס אַ ריר געגעבן מיט די פליגלען. עס האָט אַ ציטער געטאָן... דערנאָך האָט עפּעס אָנגעהויבן צו ברומען אין די בערג: — הו! - הו!

עס האָט זיך דערמאָנט אָן דעם וואָלף. אַ גאַנצן טאָג איז ער אים, דעם נאַרישן ציגעלע, אַפילו אויף דעם זינען ניט אַרויף. ווײַט־ווײַט אין טאָל האָט זיך אין דער זעלבער רגע געלאָזט הערן אַ שאַלן פון האָרן. דאָס האָט סעגען גערופן.

— הו! - הו! — האָט געברומט דער וואָלף.

— קער זיך אום! קער זיך אום! — האָט געשריען דער האָרן.

בלאַנקעטע איז שוין געווען גרייט זיך אומצוקערן, נאָר זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פלעקל, אָן דעם שטריק און דעם אַרומגעצוימטן פעלד, און זי האָט דערפילט, אַז זי וועט שוין מער דאָרט ניט קאָנען לעבן, און אַז ס'איז בעסער שוין בלייבן דאָ... דער האָרן איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דאָס ציגעלע האָט דערהערט הינטער זיך אַ גערויש פון די בלעטלאַך. עס האָט זיך איבערגעדרייט און דערזען אין דער פינסטערניש צוויי קורצע און אָנגעשפּיצטע אויערן מיט צוויי ברענענדיקע אויגן... דאָס איז געווען דער וואָלף.

ער איז געזעסן אויף די הינטערשטע פיס אַ געוואַלדיק גרויסער, ווי אַ פאַרגליווערטער, האָט געקוקט אויף דעם קליינינקן ווייסן ציגעלע און האָט זיך באַלעקט פון פאַרגעניגן. דער וואָלף האָט געוואוסט, אַז ער וועט עס אויפפרעסן, און דעריבער האָט ער זיך בייז צעלאַכט:

— האַ, האַ! סעגענס קליין ציגעלע! — און ער האָט אַ פיר געטאָן מיט זיין גראָבער, רויטער צונג איבער די צונטער-רויטע יאַסליעס.

בלאַנקעטע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז פאַרפאַלן. זי האָט זיך דערמאָנט די געשיכטע מיט דער אַלטער רענאַד, ווי זי האָט זיך געראַנגלט אַ גאַנצע נאַכט מיט'ן וואָלף, ביז זי איז גאַנץ פרי פאַרצוקט געוואָרן. און זי איז געווען גרייט, אַז ער זאָל זי בעסער תיכף אויפפרעסן; אָבער דערנאָך האָט זי זיך באַטראַכט און האָט זיך אָנגעשטעלט גרייט מלחמה צו האַלטן, האָט אָנגעבויגן דאָס קעפּל, אָנגעשטעלט די הערנדלאַך, ווי עס פּאַסט פאַר סעגענס אַ דרייסטער ציג. דאָס האָט ניט באַטייט, אַז זי האָט געהאָפט דער'הרג'ענען דעם וואָלף, — ציגן הרג'ענען ניט קיין וועלף, — זי האָט מער ניט געוואָלט זען, צי וועט זי אויך קאָנען זיך האַלטן אַזוי לאַנג, ווי רענאַד...

דער מורא'דיקער וואָלף האָט זיך דערנענטערט, און די קליינע הערנדלאַך האָבן אָנגעהויבן אַרומטאַנצן.

אַי, דאָס בראַווע ציגעלע, ווי דאָס האָט זיך געפּלײַסט! אָן אַ ג ו ז מ א — צען מאָל האָט עס געצוואונגען דעם וואָלף אָפּצוטרעטן און איבערכאַפּן דעם אָטעם... ב ע ת די דאָזיקע קלײנינקע ה פ ס ק ו ת האָט די נאַשערין אַ כאַפּ געטאָן אַ ריטל און אַ זים גרעזעלע, און מיט אַ פולן מויל זיך אומגעקערט צום געשלעג. אַזוי האָט עס זיך גע־צויגן אַ גאַנצע נאַכט. פון צײַט צו צײַט האָט סעגענס ציגעלע אַ קוק געגעבן אויף די שטערן, וואָס האָבן געפינטלט אין ליכטיקן הימל, און האָט זיך געטראַכט:

— אָ, ווען איך זאָל נאָר דערציען, ביז עס וועט אָנהײבן טאָגן...

אײנס נאָכ'ן אַנדערן האָבן די שטערן אָנגעהויבן זיך אויס־לעשן. בלאַנקעטע האָט מיט אַ טאָפּעלער קראַפט געקלאַפּט מיט די הערנער, אַלץ טיפער האָבן זיך אײַנגעביסן דעם וואָלפס צײן... אויפ'ן האָריזאָנט האָט זיך באַוויזן אַ בלײכער ליכט־פּאַס. פון אַ פערמע האָט זיך געלאָזט הערן אַ הײזעריק קרײען פון האָן.

— אַ ס ו ף! — האָט געזאָגט דאָס אָרעמע ציגעלע, וואָס האָט נאָר געוואַרט אויפ'ן טאָג, כ ד י צו שטאַרבן, און עס האָט אַ פאַל גע־טאָן אויף דער ערד, און זײַן ווײַס פוטערל איז געווען אינגאַנצן אין בלוט...

דעמאָלט האָט זיך דער וואָלף אַרויפגעוואָרפן אויף דעם קלײנעם ציגעלע און האָט עס אויפגעפרעסן.

א. דאָדע.

שפּריכוואָרט: בעסער צו שטאַרבן פאַר פרײַהײט, אײדער צו לעבן אין קנעכטשאַפט.

בערעלע.

א.

אין אַ דאָרף זײַנען געזעסן אַ מאַן מיט אַ װײַב. ער האָט גע־
הייסן משה־יאַנקל, זי — שרה־זיסל. זיי האָבן געהאַלטן אַ מיל,
געהאַט גאַנץ שיין פּרנסה, געלעבט זייער צופרידן. נאָר איין
זאַך — קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט.

זאָגט שרה־זיסל צו איר מאַן: „זאָלסט כאָטש קריגן ערגעץ
אַ האָדאָװוניק, אַ יתומ'ל אָן אָרימס, אָדער אַ יתומה'לע.
זאָל זײַן אַ לעבעדיקער נפש אין שטוב, ניט זיצן מיט די פיר
װענט".

משה־יאַנקל האָט אויסגעהערט און געשוויגן.

נאָר איינמאָל קומט משה־יאַנקל צו פאָרן אַהיים און גייט
אַרײַן אין שטוב אַרײַן מיט אַ שײַנענדיקן פּנים און אין בוזים
האַלט ער פאַרשטעלט עפּעס אַ באַשעפעניש, װאָס רירט זיך און װאָר־
טשעט. און ער רופט זיך אָן צו זײַן װײַב:

— שרה־זיסל, נאַ, איך האָב דיר געבראַכט אַ האָדאָװוניק. איך
האָב געפונען, פאַרנדיק אין װאַלד, פאַרבלאָנדזשעט... ער הייסט בע־
רעלע.

און משה־יאַנקל האָט אַרויסגעוויקלט פונ'ם בוזים דעם גע־
פונענעם פאַרבלאָנדזשעטן נפש'ל, װאָס הייסט בערעלע, און האָט
אים געגעבן אַ שטעל אַװעק אויף דער ערד פאַר זײַן װײַב שרה־
זיסל. שרה־זיסל האָט געגעבן אַ קוק, אַ שפרונג אָפּ צוריק און איז
שיער ניט געפאַלן אין חלשות.

זאָגט משה־יאַנקל: „שרעק זיך ניט, שרה־זיסל, נעם בע־
סער, גיב אונזער בערעלען עפּעס עסן. זעסט דאָך, אַז ער איז הונ־
געריק, זוכט און װיינט — אַ צער בעלי חיים..."

איז שרה־זיסל געגאַנגען צו דער שאַפע, האָט צונויפגענו־
מען, װאָס עס איז געװען, און ביידע האָבן זיך אַװעקגעזעצט אַנהאָ־
דעװען דעם הונגעריקן בערעלע, װעלכער איז פאַרבליבן בײַ זיי אין

שטוב אַ האָדאָווניק אויף שטענדיק. ער איז געוואַקסן און אויסגע־וואַקסן און איז געוואָרן אַ גרויסער.

ב.

בערעלע איז געווען אַ פּראָסטער נ פ ש, אַ ווילדער, אַ ברייט־ביניקער, אַ געפּאַקטער, אַ באַוואַקסענער פון קאָפּ ביז די פיס. ער איז געווען אַ גרויסער ז ו ל ל ־ ו ס ו ב א׳ניק און אַ נאַשער און אַ ש י כ ו ר. ער איז געווען ניט קיין איבערקלייבער; וואָס עס האָט זיך געמאַכט, איז געווען גוט: בראָנפן איז בראָנפן, מעד איז מעד, ביר איז ביר, זיך ניט אָפּגעזאָגט אויך פון קוואַס. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט האָניק, נישט פיינט געהאַט קיין פלייש, און אויף הינער איז ער געווען גאָר אַ גרויסער ב ע ל ן, און ד ווק א פון דער שטייג, אַזוי אַז קיינער זאָל ניט זען. בערעלע האָט ליב געהאַט אַוועקל ק ח׳ענען אַלצדינג, וואָס ליגט נישט גוט.

בערעלע האָט אָבער אויך געהאַט מ ע ל ו ת. ער איז געווען אַ פריוילאַכער פּאַרשוין, אַ שפּרינגער, געקראָכן און געקלעטערט אויף די גלייכע ווענט; געקוליעט זיך און געבראָכן זיך; געמאַכט מ ש ו ג ע׳נע האַוואַיעס, אָנשטעלן, ת נ ו ע ו ת אַזעלכע, אַז מען האָט געדאַרפט צעגיין פאַר געלעכטער. און מ ש ה־יאַנקל האָט ב א מ ת געקליבן נ ח ת פון בערעלען, ווי ער מאַכט אָנ־שטעלן, ווי ער פאַרשטייט אַלצדינג, ל ה ב ד י ל ווי אַ מענטש. אַז מען זאָגט אים: בערעלע, קום אַהער! — גייט ער צו. אַז מען זאָגט אים: בערעלע, נאַ דיר! — שטעלט ער אויס די לאַפּע אָדער ער עפנט דאָס מויל. א מ ת, אַ קאָפּ איז אויף אים געווען אַ גראָבלאַ־כער. איידער מען קלאַפּט אים אַריין עפּעס אין קאָפּ אַריין, דאַרף מען גוט צוהאָרעווען, האַקן האַלץ. נאָר האָט ער שוין איבערגענומען עפּעס אַ זאַך, וועט ער עס שוין געדענקען. בערעלע האָט געהאַט גרויס ח ש ק צו אַלצדינג צוגיין, געבן אַ שמעק מיט דער נאָז און טאַקע באַלד אַריינכאַפּן אין מויל אַריין. און מ ש ה־יאַנקלען איז אָנגעקומען זייער שווער, איידער ער האָט אים אויסגעלערנט, אַז דאָס וואָס מען גיט אים נישט אין דער לאַפּע אַריין, זאָל ער זיך אַליין

נישט דערוועגן נעמען. ער האָט אים ניט אײנמאָל געגעבן אַ רעכטן פ ס ק, גוט אָנגעדרײט בײַ די קורצע אויערן, דורכגעפּאַטשט און מ כ ב ד געווען מיט אַ פּאָר גוטע שטעקנס איבער די פאָדערשטע לאַפּעס און אָנגעזאָגט אים, אַז ער זאָל גײן די ר ג ע הינטער׳ן אויוון זיך אַנידערלײגן פּאָפּן. בערעלע האָט אַלץ פאַרשטאַנען, אַ ס י מ ן — ער האָט געפאָלגט.

ג.

אונזער פּאָר פאָלק האָט זיך צוגעבונדן צו בערעלען אַזוי שטאַרק, אַז זײ האָבן אים פ ש ו ט ליב געקראָגן; זײ האָבן אים נאָכגעגעבן און געבאַלעוועט. זײ האָבן אים געבראַכט זיסע זאַכן, נאַשערײַען. און מ ש ה־יאַנקל האָט אים אויסערדעם אונטערגעטראָגן אָפטמאָל אַביסל בראַנפן.

ש ר ה־זיסל פלעגט אָפטמאָל צוקלאָגן בערעלען פאַר איר מאַן. דערצײלן אויף אים, אַז ער מאַכט אָן שאָדנס אין שטוב און זי פלעגט צוגעבן:

— פאָרט אַ ח י ה־ר ע ה; אַ בער בלײַבט אַ בער. זע נאָר, ער זאָל אַמאָל ניט אָפּדאַנקען...

בערעלע האָט ליב געהאַט ברעכן טעלער, טעפּלאַך, גלעזער, שיסלען, סקאָווערדעס. אַלצדינג, וואָס מען קאָן מיט אײן קלאַפּ צעברעכן, פלעגט ער דאָס צעברעכן. און ניט ח ל י ל ה פאַר כ ע ס, מיט ר צ י ח ה — נײן, ד ו ו ק א אין גוטן מוט: דערזען, עס שטײט אַ טעלער, אונטערגע׳ג נ ב׳עט זיך אויף צװײ פיס, אויפגעהויבן די לאַפּע, באַץ — אוים טעלער. און מ ש ה־יאַנקל האָט לאַנג געדאַרפט קנעלן מיט בערעלען, ביז ער האָט אים אָפּגעוואוינט פון ברעכן טעלער.

אײנמאָל האָט מ ש ה־יאַנקל דערהערט אַ געשרײ, גלײַך ווי מען קוילעט אַ מענשן. דאָס האָט געשריען ש ר ה־זיסל זײַן ווײַב.

מ ש ה־יאַנקל איז צוגעלאָפן און האָט דערזען אויף דער ערד ליגן צװײ געפּענטעטע ע ו פ ו ת, אַ הון מיט אַ האָן, וואָס מען האָט זײ געוואָלט אַוועקפירן צום ש ו ח ט. בערעלע האָט זיך אַ פ נ י ם

מישב געווען — עס איז דאָך מיט זײַ אַלץ אײַנס קאַפּוט, למאי זאָלן זײַ זיך מוטשען? האָט ער אַרויפגעלײַגט אויף זײַ די לאַפּע — און אַ סוף. די הון מיט'ן האָן זײַנען נאָך געלעגן מיט פאַרגלאָצטע אײַגלאַך און מיט אַרויסגעשטעלטע צינגלאַך, און בלוט האָט זיך זײַ געלאָזט פונ'ם האַלז. און בערעלע איז זיך געזעסן אין אַ ווינקעלע און געלעקט די לאַפּע, גלײַך ווי ניט אים מײַנט מען. האָט אים משה־יאַנקל מקיים פּסק געווען, ווי עס געהער צו זײַן, און בערעלע האָט פון דעמאָלט אָן גענומען אויף זיך מער קײַן עופות ניט טשעפּען.

ד.

האָט זיך אָבער געטראָפן אַן אַנדער מעשה. בערעלע איז שוין דעמאָלט געוואָרן אַ גרויסער, ס'איז אים אַוועקגעגאַנגען דאָס דריטע יאָר. בײַ שרה־זיסלען האָט זיך אָפּגעקעלבט די בהמה. און מחמת אין דרויסן איז געווען קאַלט, האָט מען דאָס קעלבל גענומען אין שטוב אַרײַן און געלײַגט עס אינאײַנעם מיט בערעלען צווישן אויוון אויפ'ן שטרוי.

— זע נאָר, דער תכשיט דײַנער זאָל ניט צורעכט מאַכן דאָס קעלבל! — מאַכט שרה־זיסל צו איר מאַן.

— חס ושלום! — זאָגט משה־יאַנקל און נעמט זיך קנעלן מיט בערעלען, ווײַזט אים מיט'ן פינגער און זאָגט טויזנט מאָל: „טשעפּע ניט!“ און בכדי בערעלע זאָל ניט פאַרגעסן, שענקט ער אים פאָרויס אַ פּאָר שטעקנס איבער די פּיאַטעס. בערעלע זעצט זיך אַוועק, ווי אַ סטאַטיק, קוקט אויפ'ן קעלבל מיט זײַנע קלײַנע, רויטע בערישע אײַגעלאַך און באַלעקט זיך. משמעות, ער פאַרשטײַט, וואָס מען מײַנט.

און עס ווערט צווישן דעם קעלבל און בערעלען אַ מין ליב־שאַפט; ס'איז גאָר אַ מחיה צו קוקן, ווי די צוויי ליגן זיך אײַנס צום אַנדערן און דרימלען. און אַז דאָס קעלבל שטײַט אויף, שטײַט אויך אויף בערעלע. דאָס קעלבל מאַכט „מע!“ — בערעלע שטעלט אָן די אויערן. דאָס קעלבל טוט אַ שפּרונג — בערעלע שפּרינגט אַרי־בער דעם און שטעלט זיך מיט'ן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף. נאָכ־

דעם כאַפּט ער אַרום דאָס קעלבל מיט די לאַפּעס און קוועטשט דאָס צו צום האַרצן, ווי אַ מוטער נעמט אַרום און קוועטשט צו אַ קינד. פון אַזאַ קוועטשעניש האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דאָס קעלבל האָט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם געשריי: „מו!" מיט אַ כראָפּען אײַנ־אײַנעם. אַ גליק, וואָס ס'איז אונטערגעלאָפן משה־יאַנקל מיט אַ שטעקן און האָט מציל געווען דאָס אומשולדיקע קעלבל פון אַ מוראַ'דיקער סכנה.

ה.

פון דעמאָלט אָן זײַנען אונזער משה־יאַנקלען אַרײַן אין נאָז די ווערטער, וואָס זײַן ווײַב שרה־זיסל האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז אַ בער בלײַבט אַ בער; פאָרט אַ חיה־רעה, וויפיל מען זאָל דאָס ניט לערנען...



אַז עס איז געקומען צו ווינטער, איז בערעלע געוואָרן גאָר ניט דער, וואָס תמיד. עפּעס גאָר ניט די לעבעדיקײַט: עפּעס דרייט ער זיך אַרום, קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען; פאַרקלײַבט זיך אין אַ ווינקל, זויגט די לאַפּע און דרימלט גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט. נאָר ווען משה־יאַנקל קומט פון שטאָט מיט פולע קעשענעס, דער־שמעקט בערעלע, אַז משה־יאַנקל האָט געבראַכט גוטע זאַכן: ניס

און האָניק און אַ ביסל מ ש ק ה — אוי, דאָס ביסל מ ש ק ה ! — שטעלט ער זיך אַוועק אויף די הינטערשטע פיס, נעמט אים אַרום מיט די פאָדערשטע לאַפּעס און קריכט מיט דער מאָרדע אים גלײַך אין בוזים אַרײַן. מ ש ה־יאַנקל טרײַבט אים אָפּ: „אַוועק, דו ט ר פ ה׳־נער האַלז! אַוועק דו ש י כ ו ר׳ניק!" און ב ש ע ת מ ע ש ה ציטערט בײַ אים דאָס לײַב, וואָרים פון נאָך אײן קוועטש אַ ביסל אַ שטאַרקערן קאָן מען ווערן אַ ק ד ו ש. און ער גיט אים אָפּ, וואָס ער האָט, אַבי פּ ט ו ר ווערן פון זײַנע לאַפּעס.

און מ ש ה־יאַנקל האָט אָנגעהויבן מ ו ר א צו האָבן, ווײַל בערעלע איז שוין געוואָרן צופיל בערעלע. ניט אײן מאָל פלעגט ער קוקנדיק אויף בערעלען טראַכטן: „אוי, ווען דער דאָזיקער נ פ ש זאָל ח ל י ל ה וויסן, וואָס פאַר אַ כ ו ח אין אים ליגט!" און אַלע מאָל, ווען מ ש ה־יאַנקל איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, פלעגט ער מיט שרעק אַ קוק טאָן אין קאַמערל: וואו איז בערעלע? וואו איז ש ר ה־זיסל זײַן ווײַב?

ש ר ה־זיסלען איז אָבער קײנמאָל אויף די געדאַנקען נישט געקומען, אַז ס׳איז דאָ וואָס מ ו ר א צו האָבן פאַר בערעלען. זי איז מיט אים אַזוי געוואוינט געוואָרן, אַז מיט דער צײַט האָט זי אָנגעהויבן פאַרגעסן, אַז בערעלע איז אַ ח י ה, אַ ח י ה־ר ע ה. זי האָט אים געהאָדעוועט ווי אַ קינד און געאַרבעט מיט אים ווי מיט אַ באַדינטן. און בערעלע האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס מען האָט אים געהײסן: געטראָגן האָלץ פון דרויסן, געשעפּט וואַסער פון׳ם ברונעם, אַרויסגעטראָגן די מיסט פון שטוב.

און אַמאָל, אַז בערעלע איז געלעגן און געדרימלט, פלעגט זי זיך מיט אים ניט צערעמאָניען און דערלאַנגען אים מיט דער קאָטשערע אין זײַט אַרײַן.

— געגנוג דיר שוין, שלימאַזל, צו פּאַפּן! שטײ אויף, וועל איך דיר געבן פרעסן.

— וואָס זאָגסטו אויף אונזער בערעלען, ווי ער איז דאָס, קײן ע י ן ־ ה ר ע אויסגעוואַקסן? — זאָגט אַמאָל ש ר ה־זיסל צו איר מאַן.

— אויסגעוואַקסן איז ער; נאָר אַזוי זיך באַגייִן, ווי דו באַגייסט זיך מיט אים, דאַרף מען אויך ניט. — ענטפערט איר דערויף משה־יאַנקל.

ז.

איינמאָל איז משה־יאַנקל געפאָרן פון שטאָט אַהיים אויפ־געלייגט, פרייִלאַך. ווען ער איז צוגעפאָרן צום דאָרף, האָט ער פּלוצים דערהערט אַ מאָדנעם ר ע ש, ק ו ל ו ת פון אַ סך מענשן, אַ טומל, אַ הו־האַ, אַ טיוקען מיט אַ פייַפן, מיט אַ געלעכטער און מיט אַ געשריי: הורררראַאַ!!!

„בערעלע!" — האָט משה־יאַנקל גלייך אַ טראַכט געגעבן און ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און איז צוגעפאָרן צו דער שטוב.

און ער האָט דערזען אַ שרעקלאַכן ח ו ר ב ן: די ת ב ו א ה־קאַמער איז געוועזן צעוואָרפן, די זעק צעשלייַדערט; די ת ב ו א ה צעשאָטן איבער'ן גאַנצן הויף און אויסגעמישט מיט צע־ריסענע פערענעס און קישנס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אינאיינעם מיט אַ סך שערבלאַך פון צעבראָכענע כ ל י ם. און ווייַסע פעדערן האָבן זיך געדרייט און געטראָגן אין דער לופטן, ווי שניי, און געפאַלן אין בלאָטע אַרייַן. עטלאַכע ביימער פונ'ם גאָרטן זייַנען געלעגן מיט'ן פּ נ י ם אַראָפּ, אויסגעבראָכן און אויסגעריסן מיט'ן וואָרצל. די שטוב ג ו פ א איז געווען ערטערווייַז צעשלאָגן, די פענסטער צע־בראָכן: די טיר איז געלעגן ביי אַ זייַט און אויף איר האָבן זיך גע־וואַלגערט צעבראָכענע בענקלאַך מיט צעשטויסענע כ ל י ם, מיט צעשאָטענע גרויפּן, אויסגעמישט מיט פעדערן...

און אויבן, אויפ'ן דאַך פון דער שטוב, שפּאַצירט אַרום בע־רעלע אויף צוויי פיס, ברומט ווי אַ באַס, מ ל א כ ע ס. כאַפּט אַ ציגל פונ'ם קוימען, אַ באַלקע פונ'ם דאַך און טוט אַלע מאָל אַ שלייַ־דער אין דער ערד אַרייַן מיט אַזאַ כ ו ח, מיט אַזאַ האַס, מיט אַזאַ ר צ י ח ה, וואָס משה־יאַנקל האָט דאָס אויף אים נאָך קיינמאָל ניט געזען. ער האָט בערעלען ניט געקאָנט דערקענען: דאָס מויל איז

אים אָפּן, די צונג אַרויסגעשטעלט, די אויגן אָנגעגאָסן מיט בלוט, און בערעלע שפּרינגט פון איין עק דאַך צום אַנדערן מיט אַזאַ מהירות און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז מען האָט געזען — טאָמער שפּרינגט ער אַראָפּ, איז אַ סכנת נפשות, ער וועט מענשן צעטרעטן... און די ווײַסע חבֿר ה׳ניקעס, די וואָס פאַרשטייען ניט, וואָס דערפון קאָן אַרויס, שטייען און לאַכן און פײַפן.

און וואָס מער די קונדסים שרײַען, פויקן, טיוקען און פײַפן, אַזוי מער גייט בערעלע אַרויס פון די כלים און אַרבעט מעשים.

— אַ ביקס! אַ ביקס! גיכער אַ ביקס! — שרײַען עטלאַכע מענשן, וואָס פאַרשטייען, וואָס דאָ טוט זיך, מיט וואָס דאָ שמעקט.

משה־יאַנקל שטייט און קוקט, און קוים וואָס ער פאַרשטייט, וואָס דאָ טוט זיך. אַ פראָסט לויפט דורך איבער זײַן לײַב, און ער טראַכט זיך: בערעלע איז משוגע געוואָרן! שוין זשע וועט מען בערעלען שיסן? !... און משה־יאַנקל פילט, אַז עס האָט זיך אים עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן. און איידער ער רעדט אויס אַ וואָרט, הערט זיך אַ שאָס און נאָך אַ שאָס, — איינס, צוויי, דרײַ, פּיף־פּאַף! אַ בלוי פײַערל פאַרשטעלט אויף אַ מינוט די אויגן; עס הערט זיך אַ שאַרפער ריח פון פּולווער, און פון דאַך פאַלט אַראָפּ אַ גרויסע שווערע זאַך, טוט זיך אַ זעץ אין דער ערד אַרײַן מיט אַ שטאַרקן כח, קאַטשעט זיך נאָך אַ ביסל אין בלאָטע און כאַרכלט, ווי אַ געקוילעטער אָקס, און ציט זיך אויס מיט אַלע פיס אַרויף, און עס זעען זיך אַרויס די הוילע שוואַרצע טריט מיט די ברייטע פּיאַטעס.

— בערעלע?... אויס בערעלע!...

און די ווײַסע חבֿר ה׳ניקעס הייבן אויף אַ נײַעם „הוראַ!“. און משה־יאַנקל דערזעט, ווי עס יאָשעט בלוט פון בערעלעס קאָפּ און פון בערעלעס האַרץ, פאַרשטעלט ער זיך מיט ביידע הענט דעם פּנים. ער קאָן קיין בלוט ניט זען, ער קאָן ניט זען בערעלעס בלוט.

* * *

און דאָרט אין שטוב, אין מיטן גרויסן חורבן, ליגט אויסגעצויגן שרה־זיסל, צוגעקוועטשט האַרט צו דער ערד. דאָס מויל

איז איר אָפן, דער פּ נ י ם בלוי, די אויגן שרעקלאַך! עמיצנס שווערע טריט זײַנען קענטיק אויף איר צעבלוטיקט לײַב, אויף איר צער־סענער ברוסט...

פריער איז געגאַנגען פון דער וועלט ש ר ה־זיסל, און נאָכ־דעם בערעלע.

שלום־עליכם.

צווײַ וועוורעקלאַך.

עס האָבן געלעבט אַמאָל וועווריקלאַך צווײַ,
אין וואַלד און געדיכטן געלעבט אָט אַזוי:

אַ שפּיץ פון אַ בוים און פון צווײַגן אַ נעסט, —
אום זומער אַזוי זיך, אום ווינטער פאַר פרעסט.

דאָס עלטסטע געוואוסט האָט פון ווינטערס אַ פּאָר,
דאָס צווײַטע ניט אַלט געווען איז נאָך קײַן יאָר:

געוואוסט נאָך פון פרילינג, פון זון און פון היץ,
פון זאַפטיקע רעגנס, פון דונער, פון בליץ,

פון צווײַגן פון ווײַכע, ווי צאַרטינקע הענט —
צו שפּרונגען צו יונגע פון שטענדיק געווענדט.

פון פורפורנע מאָרגנס, באַפּערלט מיט טוי,
פון שפּילן אויף שטאַמען פאַר אָוונט, פאַר גרוי.

פון לויפן, פון שרײַפלען אַרויף און אַראָפּ
מיט עקל צום הימל, צו ערד מיט דעם קאָפּ,

געשפּרונגען, געטאַנצט, ניט געהאַט קײַן מינוט
אויף גוט צו באַטראַכטן. אַ יונג זײַן איז גוט.

געווען איז ס ו ף זומער, טיף־גרין און פאַרדענקט,
מיט לעבן מיט שווערקײַט אויף ווינטער באַשענקט,

איז אײנמאָל אַזױ אין אַ גראָען פאַרנאַכט
האָט װעװוריקל אונזערס און שטאַרק זיך פאַרטראַכט.

האָט פּלוצלונג דערזען, אַז דער װאַלד ער איז ענג,
האָט פּלוצלונג דערפילט, אַז דער װאַלד ער איז שטרענג:

נו סאָסנעס, נו מאַכן, דאָך נאָך עפּעס פעלט,
עס איז דאָך אַ ח ו ץ דעם פאַראַן נאָך אַ װעלט.

מע זאָגט, אַז דאָרט ערגעץ אַ י ם איז פאַראַן,
און כװאַליעס דאָרט טאַנצן אין װינטישן שפּאַן,

און דאָרטן אױף יענעם אױף אַנדערן ראַנד,
אַ לאַנד איז פאַראַנען, אַ װאונדערלאַך לאַנד.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

„און װאו װעסטו ציען, און אײנע אַלײן,
„אַז י ם דאָרטן גרױס איז און װעװוריק איז קלײן...

„און װי װעסטו ציען, װען ס׳דונערט, װען ס׳בליצט,
װען כװאַליע נאָך כװאַליע מיט שיפן זיך שמיצט.

„און װאָס װעסטו טאָן דאָרט — ס׳װעט קומען די קעלט,
„און נערונג זיך מינערט, און נערונג זיך פעלט?“...

נאָר ס׳האָט ניט געהאָלפן קײן װאָרנען, קײן שרעק —
דאָס װעװוריקל איז אין דערפרי שױן אין װעג.

פון צװײַגל אױף צװײַגל, און פּלוצים אַ פעלד —
און ס׳איז ברײט, און ס׳איז װײַט און ביז מ ו ר א געפעלט,

און דאָרטן אַ י ם נאָך, אַ י ם דאָרטן װאַרט...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג װערט פאַרשװאונדן, עס פאַלט שױן די נאַכט,

איז װעװוריק געבליבן אין פעלד אין אַ מיט,
מיט מידקײט פאַרשטאַכן די קני און די טריט.

א מורא ביים הארצן, אן אומעט אַרום,
און הימל און ערד דאָרט—פאַרנעפּלט און שטום.

נאָר נאַכט האָט רחמנות, האָט שטיל זי געהיט
דעם ווילדינקן וועווריק אין פעלד אין דערמיט.

געשלאָפן איז וועווריק, אין חלום געזען,
די כוואַליעס זיך שפּילן אין זוניקן ברען.

און ווי נאָר באַגינען דעם ראַנד האָט באַראָזט,
האָט וועווריק אין וועג זיך און ווייטער געלאָזט.

געשפּרונגען איז וועווריק, אַנטקעגן—דער וועג,
און איבער זיי בײדע געגאַן זײנען טעג.

און אײנמאָל אין קלאָרער, אין פריאיקער שטיל
האָט וועווריק דערהערט אויך די ים׳ישע שפּיל;

האָט וועווריק דערזען אויך דעם ים׳ישן גלאַנץ,
דעם גלאַנץ, וואָס איז גרייט שוין צו כוואַלישן טאַנץ.

דערזען — און מיט וועווערישע אײגלאַך געדאַנקט
אי דעם טאָג, אי דעם ים, אי דאָס הארץ, וואָס פאַרלאַנגט;

אי דעם שטויב, וואָס מאַכט שווער, אי דעם וועג, וואָס מאַכט מיד
אין די שעה׳ן פון שלאָף אין אַ נאַכטישער מיט.

און מיט פאַרכט און אָן ווייסן איז וועווריק שוין גרייט
אין גאַנצן פאַרגלויבן דער ים׳ישער ברייט.

און פּלוצים און — נאָענט אַ שטילער געווינס —
עס שיפט זיך אַ צווײַגל, אַ אײגנס, אַ גרינס.

אַ צווײַגל, אַ הײם און אָן וואָרצל, אָן שטאָם,
און בײַ זײַט און דאָרט ווײַט איז אַלץ ים, איז אַלץ ים.

און עמיצער פירט דיך און עמיצער ציט,
און ווײַטער אין ווײַטקייט, פון מיטן אין מיט...

אַ גלאַנציקע שעה, און ס׳פאַרשווינדט שוין דער ברעג,
און ס׳איז מיט און ס׳איז ים און ס׳איז ים אָן אַן עק.

געשוואומען איז וועוורִיק — אַנטקעגן דער גלאַנץ,
דער ים׳ישער גלאַנץ נאָך אַלץ רואיק און גאַנץ.

מיט פריאיקע פאַרבן אין שטיל זיך געמאָלט,
בײַטאָג זיך געבלויט, צו בײַנאַכט זיך געשטאָלט.

נאָר אָט איז געפאַלן אַ פינסטערע נאַכט,
אַזאַ פינסטערע נאַכט, ניט פאַר וועוורִיק געדאַכט.

און האָט שוין גענומען שאַריען אויף טאָג,
אַ ווינטל פון ערגעץ טוט פלוצים אַ טראָג.

נאָך ווינטל אַ ווינט קומט פון ים׳ישער ווײַט,
אַ וואָלקן אַ גרויער אויף אים קומט צו רײַטן.

אַ וואָלקן אַ צווײַטער פאַרצוימט אים און קנוילט,
און כמארישער רוקן צעבײַגט זיך און גרוילט;

דער דונער נאָך דונער זיך קויקלט און פאַלט,
און בליציקע בײַטשן — אַ קנאַל נאָך אַ קנאַל;

און וואַסערנער שפּיגל אין בראָך און אין שטויב,
און כוואַליעס אַ מחנה פון טיפן זיך הייבט;

און כוואַליע נאָך כוואַליע פאַרפלײַצט און פאַרשיט,
און וועוורִיק קוים אָטעמט פון וואַסערנער מיט.

אָט־אָט ווערט מיט לעבן שוין וועוורִיק צעשײַדט,
און וועוורִיק איז גרייט שוין באַגעגענען טויט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קיינער דאָ ווייס ניט, ניט ווען און ניט וואו —
נאָר שטענדיק נאָך שטורעם קומט אָן די רו.

און דער ווינט, וואָס די וואָלקנס רופט אויף און פאַרקלײַבט,
אין הימלישע שטאַלן אין שטיל זיי פאַרטרײַבט.

עס שטילן זיך כוואַליעס, געוואָרן שוין מאַט,
און לאָזן אַראָפּ זיך צו וואַסערנער גלאַט.

און נידערן, נידערן, ציען זיך אויס,
צעציען די גלידער אויף ים׳ישן שוים.

און פון בראַך און פון שטויב און פון שטורמישער שפּיל,
איז אַלץ גאַנץ, איז אַלץ גלאַנץ אין דער רואיקער שטיל.

און וועווריק זיך הוידעט אויף צווייַגל, אויף שיף,
און זעט שוין דעם הימל אין לויטערער טיף...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַרזוכט האָט שוין וועווריק אי דרייִסטקייַט, אי שרעק;
וואו נעמט מען אַ וועג שוין, וואו זעט מען אַ ברעג...

און פּלוצים—אַ פּאַרכטיקער פליגל-גערויש —
אויף לויטערער טיף פליט אַן אָדלער אַרויס.

האָט וועווריקל ווידער די אייִגלאַך פאַרמאַכט,
און האַרץ זייַנס איז גרייִט שוין צו נייַער געפאַר...

ווען ס׳האָבן זיך בליקן אַנטפּלעקט אויף אַ רגע —
איז נאָענט, גאָר נאָענט אָדלערשע נעגל!

צו וואָס דאָ אַן אָדלער, צו וואָס זייַנען נעגל —
דערויף דאַך אַ מעשה, קיין קשיה ניט פרעגן.

די לופט האָט געלעכערט אַ שנייַדיק געשרייִ,
און ברייִט איבער ים אין דערהייִך זיך צעשפּרייִט.

און ים האָט דערשלונגען דעם בלוטיקן טריף,
ניט רויטער געוואָרן די קאַלט-בלאָע טיף.

און וועווריק פאַר׳חלש׳ט און טראָגט זיך אַהין,
צו ברעג און צו וואַלד, וואו הייִם זייַנע גרינט...

ווען וועווריק פון ווייִטיק האָט ציטריק דערוואַכט,
האָבן ברידערשע בליקן אויף אים שוין געוואַרט.

האָבן ברידערשע אָרימס געצערטלט, געפּרעסט.
און טרײַ איז געלעגן פון אונטן די נעסט.

און אַלץ איז פאַרשוואונדן—קײַן שרעק און קײַן ווײַ,
אַ בוים און אַ נעסט און ברידערלאַך צווײַ.

דער עלטערער מונטערט, דער עלטערער פרעגט:
דערציײל מיר פון שווערע, פון שרעקלאַכע טעג...

זעסטו, דו ביסט שוין דערגאַנגען אַלײן,
ווי שווער אין דער פרעמד איז, ווי ביטער אָן הײם.

געדענקסט, כ'האָב געוואָרנט, געבעטן בײַ דיר —
נו זאָג, וועסט שוין קײנמאָל ניט ווערן פאַרפירט?

גע'טענה'ט, גערעדט אין דער נעסטישער שטיל,
און ברידערשע בליקן מיט צאַרטקײַט געפילט.

געקוקט אין די אויגן, געקוקט און געלײַענט:
טויזנט מאָל יאָ און טויזנט מאָל נײן!...

ד. האָפשטיין.

די פאַרשטערטע שמחה.

א.

ס'האָט בײַ די מײַז אין די לעכער אַ קלאַנג זיך פאַרשפרײט, אַז דער קאָטער,
דער גזלן, וואָס האָט זײער בלוט לאַנגע יאָרן געזויגן,
איז ערגעץ ניט ווײַט אויף אַ בײמל געהאַנגען געוואָרן; דאָס האָבן
אָט אָקאָרשט צווײ יונגינקע מײַזלאַך געזען מיט די אײגענע אויגן.

עס קערט זיך די וועלט בײַ די מײַז אין די לעכער; אַ שמחה,
אַ יום-טוב!

די מײַזעלאַך טאַנצן און הוליען און שפּרינגען; אַפילו רב
גרוינעם,
דער חכם פון נאַרע, דער ערשטער מיניסטער און שני למלך,
געמאַכט האָט אַ כּוס'ע פון שמחה און גײַט איצט
אַ טענצל אַ שײַנעם!

אַז ס'איז בײַ די מײַז אין די נאָרעס די שמחה די ערשטע אַריבער,
האָבן באַקלערט זיי — דעם קאָטער, ווי ס'פּאַסט פאַר זײַן כּבוד,
באַגראָבן;
צום הספּד אַ דרשה האָט צוגעגרייט פּיצע, דער
בדחן פון נאָרע,
און תיכף אָן לאַנגע הכנות באַשלאָסן די מײַזעלאַך האָבן
גײַן אין קאָמפּאַניע צום בוים, וואו דער קאָטער דאַרף הענגען.
געקומען, זיי זעען:
ער איז פאַר די הינטערשטע פיס אויף דער תליה געהאַנגען
געוואָרן;
ווי גלעזערנע זײַנען די אויגן; דער רוקן, דער עק און די
פאָדערשטע לאַפּעס
הענגען אַראָפּ פון דעם צווײַג, ווי זיי וואָלטן געוועזן פאַרפראָרן!...

ס'האָבן זיך צווישן דער חברה זעקס העלדישע מײַזלאַך געפונען,
יעדע פון זיי איז פון גזלן נקמה צו נעמען אַ בעלן;
אַ שפּרונג — און זיי זײַנען שוין אויבן; אַ צי פאַר'ן עק נאָר געגעבן—
און ס'איז גלײַך דער פּגר אויף דר'ערד, ווי אַ שטײַן, פון דעם
צווײַגל געפאַלן.

ס'צעלויפן די מײַז זיך פון שרעק אין די ווינקלען און וואַרטן
מיט מורא, וואָס וועט סוף־כּל־סוף פון דער
מעשה אַרויסגײַן אַ שטײַגער,
און זעען: דער קאָטער, ער ליגט ווי אַ טויטער. קײַן ריר מיט
אַ וואָנץ, מיט
קײַן אויג ניט קײַן פינטל. בקיצור — אַ ריכטיקער פּגר!

ב.

ביסלאַכוויַיז קריגן די מיַיזעלאַך ווידער די ה ע ז ה און היִיבּן אָן
נענטער
און נענטער אַלץ צוגיִין צום ג ז ל ן. עס וויַיזט אים שוין יעדע
אַ שפּיצל:
אַט די שטעקט אַ צונג אים אַרויס און אַ צי פאַר אַ וואָנץ טוט אים יענע;
ס'דערלאַנגט אַ ב ע ל - ה ע ז ה אַ גרויסע אין נאָז מיט'ן עק
אים אַ קיצל!...

— „היט זיך, אַי, היט זיך!" — האָט דאַן זיך געווענדט צו די
מיַיזעלאַך באַשע די אַלטע,
וואָס איז ניט פון נעכטן באַקאַנט שוין געווען מיט די נעגל פון ג ז ל ן.
(די אַלטע איז איִינמאָל פון אים מיט'ן לעבן קוים נ י צ ו ל געוואָרן)
— „אַ פּ נ י ם, אַז קאָטערשע נעגל פאַרזוכן געלוסט איַיך,
ש ל י ם - מ ז ל'ען!

„ער איז אָן אַ שטריקל געהאַנגען און גאַנץ צו דערצו איז זיַין פּעלכל;
אָ, גלויבט מיר, פאַר אונז איז עס, קינדער, אַ ס י מ ן אַ שלעכטער!"—
נאָר ס'זיַינען די קעפּ שוין פאַרדריִיט ביַי דעם ע ו ל ם פון ש מ ח ה,
זיִי מאַכן פון איר גאַנצער ד ר ש ה אַ גרויסן געלעכטער.

— „לאַכט ניט, געדענקט, ס'זאָל ניט אויסקומען שפּעטער צו
וויִינען". — זאָגט ווידער
די אַלטע.—„נאָר זאָלן די אויגן כאָטש מיַינע ניט זען איַיער צ ר ה!"
און ס'האָט זיך די אַלטע גענומען די קינדערלאַך אירע
און איז מיט זיִי גיכער צוזאַמען אַוועק אין איר נאָרע.

ג.

ווי אויף אַ ח ת ו נ ה, האָבן די מיַיזלאַך געטאַנצט און געשפּרונגען.
ענדלאַך, פאַרמאַטערט געוואָרן צו הוליען און טאַנצן און לאַכן,
האָבן זיִי אַלע געזעצט אין אַ קריַיז זיך אַרום דעם גע'פּ ג ר'טן קאָטער,
און ס'האָט זיך צום ה ס פּ ד ר ב פּיצע ה כ נ ו ת גענומען
גליַיך מאַכן:

ברייטלאַך זיך אָפּגעהוסט, אָפּגעווישט נאָכדעם די וואָנצן,
ג א וו ה'דיק זיך אויפ'ן פּוזע פאַרקליבן צום קאָטער,
און דרייענדיק לאַנגזאַם צום טאַקט מיט'ן עק, זיך גענומען
מיט טראָפּ און אַ ניגון זיין הספּד צו לייענען האָט ער:

„געלעבט אויף גאָטס-וועלטל אַמאָל האָט אַ קאָטער;
געווען ווי אַ דעמב הויך און שוואַרץ ווי אַ טאָטער!
די נעגל ווי שפּילקעס, גנב'ישע אויגן,
האָט מייזישע בלוט לאַנגע יאָרן געזויגן!
ביז ס'האָט אים אַ מיתה־משונה גענומען. —
מזל־טוב, מייז, איער צייט איז געקומען!"

„מזל־טוב!" — האָט גלייך דער עולם רב פּיצען אין
כאָר אָפּגעענטפערט. נאָר איידער
עס עפנט רב פּיצע זיין מיילכל, כדי וויטער די דרשה
צו האַלטן,
אַז ס'דערלאַנגט עס ניט פּלוצלונג דער גזלן אַ שפּרונג אויפ'ן
עולם!
און ס'ווערט אַ מהומה, געשרייען און זיפצן און קולות
און גוואַלטן!...

עס לויפן די מייזעלאַך נעבאַך, אַ וואו נאָר די אויגן זיי טראָגן;
יעדערער זוכט זיך פון קאָטער באַהאַלטן, וואָס שנעלער:
ווער ס'טראָגט זיך אין נאָרע געשווינט, ווי אַ פייל אויס'ן בויגן,
ווער ס'לויפט גיך באַהאַלטן זיך דאָ אין דערבייאיקן קעלער!

ד.

אַז ס'האָט זיך דער גזלן צוזאַט אָנגעפרעסן און רוען געגאַנגען,
זיינען די מייזעלאַך אומעטיק, שטיל זיך צוזאַמענגעקומען
און האָבן פון אַלע קרבנות, וואָס זיינען געפאַלן,
טרויעריק זיך דעם סך־הכּל צו מאַכן גענומען:

צוואַנציק גע'הרג'עט צום טויט, און פאַרוואונדעטע — דרייַמאָל
נאָך מערער ;
ביי דעם איז אַן אייגל צעדראַפּעט, ביי יענעם דער רוקן צעביסן
אַזוי, אַז עס שלעפּט זיך דאָס פעלכעלע נאָך, ווי אַ שמאַטע ;
ווער אָן אַן אויער געבליבן, ביי ווער עמען דער עק אָפּגעריסן !...

עס זיינען די ערשטע קרבנות געפאַלן רב גרוינעם דער חכם
און פיצע דער בדחן ; פאַר'ית ו מ'ט געבליבן די נאַרע...
אַזוי איז פאַרשטערט ביי די מייַזלאַך געוואָרן די שמחה,
און אויסגעלאָזט האָט זיך דער מזל-טוב גאָר מיט אַ
שרעקלאַכער צרה.

דוד'ל, נאָך זשוקאָווסקי.

דער משפּט.

א.

זעליק, אַן אָפּגעברענטער אינגל, איז זיך געגאַנגען אַ באָרוועס־
סער איבער'ן וואַלד. רחל, אַ מיידעלע, אַ פריילאַכס, מיט צע־
פלאָמטע בעקלאַך, מיט די שיך און זאָקן אין די הענט, איז דעם אינגל
נאָכגעגאַנגען.

ווען זיי זיינען אַרויס פון וואַלד, האָבן זיי זיך געזעצט אויפ'ן
ברעג טייך און גענומען שווענקען אין דעם דורכזיכטיקן וואַסער זייי־
ערע בלאַטיקע פיסלאַך.

— רחל, ווייסט וואָס עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך ? —
האָט זיך זעליק אָנגערופן.

— וואָס ?

— טאָ שווער זיך, אַז דו וועסט קיינעם נישט דערציילן.

— אסור נישט.

— דו ווייסט, ווען מיר קריגן אַ גענזן איי, וואָלט דאָס געווען
גוט !

— צו וואָס דאַרפסטו אַ געגזן איִי?

— כ׳וואָלט עס אַרײַנגעלייגט אין נעסט צו די „באַטשאַנעס“, וואָלט אַרויסגעקומען אַ האַלבער באַטשאַן און אַ האַלבע גאַנז.

— און דער באַטשאַן וועט דיך צולאָזן?

— כ׳וועל פּאַרטאָג אַרײַנלייגן, ווען ביידע פליען אַוועק.

צוויי בושלם, איינער אַ גרעסערער, דער צווייטער עטוואָס אַ קלענערער זײַנען געקומען צופליען און זיך פּאַמעלאַך אַראָפּגעלאָזט אויף דער לאָנקע. דער גרעסערער, דער „ער“, האָט צעשפּרייט די פליגל, פאַרריסן דעם לאַנגן האַלז, זיך פּאַנאַנדערגעגנעצט און גענומען לויפן אַרום דער „זי“. ער האָט אויפגעהויבן זײַן רויטן, עט־וואָס צעעפנטן שנאָבל, וואו ער האָט געהאַלטן אַ גרין זשאַבקעלע, און עס אונטערגעטראָגן דער „זי“.

זעליק איז אַרויס פון וואַסער.

— גיי שוין אַהיים, ר ח ל, און ברענג אַן איִי; איצט איז די נעסט ליידיק. גיכער, טו אָן די שיך!

ר ח ל האָט אַ פריילאַכע אָנגעטאָן די שיך, און די קינדער זײַנען שפּרינגענדיק פאַרשוואונדן אין וואַלד.

ב.

זעליק איז צו צו דער סטאַדאָלע, וואו די בושלם האָבן געהאַט די נעסט, גענומען פון ר ח ל׳ען דאָס איִי, עס צוגעהאַלטן מיט די ליפּן און לײַכט ווי אַ קאַץ גענומען קלעטערן אויף דער גלײַכער ליי־מענער וואַנט. די נעסט איז באַשטאַנען פון אַן אַלטער הילצערנער בראָנע. אין דער בראָנע איז געלעגן אַ קאָש, אויסגעבעט מיט גראָז און צווייגן. אַ מוכלער ר י ח פון פיש, זשאַבעס און הינדלאַך האָט זעליקן אַ שלאָג געטאָן אין פּ נ י ם אַרײַן. אין דער נעסט זײַנען געלעגן דרײַ גרויסע אייער. זעליק האָט אַרויסגענומען אַן איִי, אַרײַנגעלייגט אָנשטאָט דעם דאָס געגזענע און געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן פון דאַך, ווי ביידע בושלם האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן און זיך געטראָגן מיט צעשפּרייטע פליגל גלײַך אויף זעליקן.

זעליק האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט, פאַרשטעלט דעם פּ נ י ם

מיט בײַדע הענט, ווי אײַנער וואָס וואַרט אויף קלעפּ, און גענומען זיך אַראָפּגליטשן פון מ ש ו פ ע׳דיקן דאַך.

דער בושל האָט דורכפליענדיק אויסגעצויגן זײַן לאַנגן האַלז, זיך פאַרמאָסטן מיט זײַן שאַרפן שנאָבל זעליקן אין פ נ י ם אַרײַן. זעליק האָט אויסגעמיטן דעם בושלס שנאָבל, געכאַפּט אַ פּיק אין דער פּלײַצע און אַראָפּגעפאַלן פון דאַך. דאָס אײַ האָט זיך צעשפּריצט און אָפּגעגאָסן זעליקן מיט אַ געלער פליסיקײַט.

ג.

די „זי“ בושל איז אַ גאַנץ פרימאָרגן נישט אָפּגעטראָטן פון איר נעסט, געקוקט ווי די קלײַנוואַרג פּיקט זיך פון די אײַער.

דער „ער“ האָט אומגעשוועבט איבער דער נעסט מיט מאָדנע אויסגעשרײַען, געבראַכט יעדעס מאָל דער „זי“ עפּעס אין מויל אַרײַן און דערנאָך געשפּרײַזט אַרום דער סטאַדאָלע מיט אַן אײַנגעקאָרמשעטן האַלז צווישן די פליגל.

די „זי“ האָט פּלוצלונג אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם „קליו-קליו“. דער „ער“ האָט זיך צוגעזעצט, צעשפּרײַט די פליגל און געזעסן בײַ דער נעסט. ער איז אויף אַ ר ג ע ווי צעטומלט געוואָרן, געקוקט אויף דער „זי“, וועלכע האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפּ. אַ קלײַן געניזלע האָט זיך אַרויסגעקײַקלט פון דער אויסגעגאָסענער שאָל פון אַן אײַ.

דער בושל האָט זיך פאַרטרײַסלט, זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער „זי“, געפליקט מיט׳ן שנאָבל אירע פעדערן. זי האָט נאָך טיפער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך ניט געווערט, ווי זי וואָלט געבעטן: שלאָג בעסער!

דער בושל האָט אַ פּיק געטאָן דאָס קלײַנע גענזל מיט׳ן שנאָבל, עס געכאַפּט פאַר׳ן קעפּל און אַ שלײַדער געטאָן אַראָפּ פון דער סטאַדאָלע. ער האָט גענומען צעוואַרפן מיט׳ן שנאָבל און מיט די לאַפּעס די נעסט, מער זיך נישט אומגעקוקט אויף דער „זי“, געשטאַנען אַ ווײַלע און אַוועקגעפלויגן.

די „זי“ האָט זיך אויסגעגלײַכט, גענומען שאַרפן אָן די צײַין

פון דער בראָנע איר שנאָבל און געטראַכט, אַז זי איז אַ פאַרלוירענע, אַז דער „ער״ איז אַוועקגעפלויגן זי פאַר׳מ ס ר׳ן פאַר דער סטאַדע.

זי האָט אויפגעהויבן איין פוס, גענומען שטאַרקער שאַרפן איר שנאָבל אָן דער בראָנע און זיך צעוויינט אויף איר שטייגער. זי איז געווען זיכער, אַז דאָס איז נישט איר שולד, אַז אַן אומגליק איז איר געשען; אַז זי וועט זיי דערציילן, די עלטסטע פון דער סטאַדע, זי וועט זיי ווייזן די צוויי קינדער, עכטע בושלם, מיט רויטע לאַפּקעס און רויטע שנעבעלאַך... און זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

ד.

זעליק מיט ר ח ל׳ען זיינען געזעסן אויף דער פּליט. זיי האָבן דערזען, ווי אַ מ ח נ ה בושלם קומען אָן צופליען, לאָזן זיך אַראָפּ אויפ׳ן אינזל, וואָס געפינט זיך אין מיטן טייך.

— דאָס גייען זיי פּראַווען אַ ח ת ו נ ה, — האָט זעליק געזאָגט און זיך געווענדט צו ר ח ל׳ען: „קום, מיר וועלן צופאָרן מיט׳ן שיפל״.

זעליק האָט אָפּגעבונדן פון דער פּליט דאָס שיפל. ר ח ל האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער פון די היימישע זעט זיי נישט, און איז אַ פריילאַכע אַריינגעשפּרונגען אין שיפל.

זיי זיינען אַרויס אויפ׳ן אינזל, אַרויסגעשלעפּט דאָס שיפל און זיך אויסגעצויגן אויפ׳ן גראָז.

די בושלם האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבן קרייז, אַן עלטערע פּאָרל האָט געשפּאַנט אין מיטן קרייז. דער „ער״ איז געקומען צופליען, געהאַלטן דאָס טויטע גענזל אין שנאָבל, עס אונטערגעטראָגן דער עלטערער פּאָר — נאַ, זעט!

די עלטערע בושלם האָבן דאָס גענזל באַטראַכט, באַשמעקט, געוואָרפן מיט זייערע לאַנגע העלזער, געגוידערט אויף זייער שטייגער, און צוויי בושלם זיינען אַוועקגעפלויגן.

באַלד זיינען די בושלם צוריקגעקומען מיט דער „זי״. די ש ל ו ח י ם האָבן מיט אַ „קליו־קליאַ־קליאַ״ איבערגעגעבן דער „זי״ם ט ע נ ו ת. די בושלם האָבן זיך ווידער צעגוידערט, זיך געקאַכט, אַרויס פון קרייז, זיך צונויפגעשטופּט אין איין קופּע, און פון

דערוויַיטנס האָט זיך געדאַכט, אַז אַ ברוִיט־בוִיניק פאַרזעעניש מיט צענדליקער בוִיגיקע קעפּ שטוִיט אין מיטן דעם טײַך און שרײַט: „קליו־קליאַ, קליו־קליאַ!"

די בושלם האָבן אַרומגערינגלט די „זי". דער „ער" איז דער ערשטער צו, דערלאַנגט איר אַ פּיק גלײַך אין קאָפּ אַרײַן, און פון אַלע זײַטן האָבן זיך לאַנגע העלזער מיט אָפענע שנאָבלס געטראָגן צו איר; פעדערן האָבן זיך געדרוִיט אין דער לופטן, און דער פויגל איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקלאַך.

י. אַפּאַטאַשו.

דער אָדלער.

וואו די רייזנוואָלקן יאָגן
אויבן, אין דעם העכסטן אָרט,
שוועבט דער קוִיזער פון די פוִיגל,
פליט דער גרויסער אָדלער דאָרט.

מיט די שטאַרקע פליגל פאָכט ער
אין דער לופטן און ער פליט.
עלנדער, אַחוץ די הימלען
האָט ער קײַן חברים ניט!

ווערט ער מיד פון שווערע רײַזן,
רוט ער אײַנזאַם און אַלײן
בײַ דעם זוים פון טיפע וואַסערן,
אויף אַ הויכן באַרג פון שטוִין.

מיט פאַראַכטונג קוקט ער אונטן,
שאָקלענדיק זײַן שטאָלצן קאָפּ;
אָפט נאָר, ווען אים צווינגט דער הונגער,
לאָזט ער זיך מיט ווײַ אַראָפּ.

מ. ראָזנפעלד.

אין שול און אין חדר.

די ערשטע לעקציע. מילעט.

אין שול.

דער ערשטער טאָג אין שול.

הײַנט האָבן מיר אָנגעהויבן צו לערנען אין שול. ווי א ח ל ו ם זײַנען פאַריבער די דרײַ מאָנאַטן פון די זומערדיקע וואַקאַציעס.

הײַנט אין דער פרי האָט די מאַמע מיך אָפּגעפירט אין שול. מען האָט מיך דאָרטן אַרײַנגענומען אין דריטן קלאַס. איך בין געגאַנגען אָן ווילן: איך האָב אַלץ געטראַכט פון דאָרף, וואו מיר האָבן פאַרבראַכט דעם זומער.

אַלע גאַסן זײַנען פול געווען מיט שול־קינדער. בײַדע ביכער־קראָמען זײַנען געווען געפּאַקט מיט טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן געקויפט רענצלאַך, לער־ביכער און העפטן פאַר זײַערע קינדער. פאַר דער שול האָט זיך צונויפגעקליבן אַזאַ גרויסער עולם, אַז דער שווײַצער פון שול און אַ פּאָליציײַמאַן האָבן מיט גרויס מי קוים געהאַלטן אָרדענונג בײַם אַרײַנגאַנג. לעבן טיר האָב איך דערפילט, אַז אײַנער האָט מיך אַ ריר געטאָן בײַם אַקסל. כ'האָב זיך אַ קער געטאָן, ערשט ס'איז דער לערער פון צווײַטן קלאַס. ער איז ווי אַלעמאָל געווען פריילאַך, און זײַנע רויטע האָר זײַנען געווען צעוואָרפן. ער האָט מיר געזאָגט:

— נו, ענריקאָ? האָבן מיר זיך, הײַסט דאָס, צעשיידט אויף אַלעמאָל?

איך האָב דאָס שוין געוואוסט פון פריער; דאָך האָבן זײַנע ווערטער אַרויסגערופן בײַ מיר אַ טרויעריק געפיל.

מיר זײַנען מיט גרויס מי אַרײַן אין שול. מענער און פרויען אַרבעטער און באַאַמטע, אַלטע און יונגע, האָבן געהאַלטן מיט אײַן האַנט זײַערע קינדער און אין דער אַנדערער — צײַגנישן, אַז די קינדער זײַנען אַריבער אין אַ העכערן קלאַס. דאָס פאָדערצימער און אַפילו דער קאָרידאָר זײַנען געווען איבערפולט, און דער עולם האָט אָנגעמאַכט אַ גוואַלדיקן טומל. לערערנס האָבן אומגעשמײַעט הין און צוריק. מײַן לערערן פון ערשטן קלאַס, וואָס איז געשטאַנען אין טיר פון איר קלאַסצימער, האָט מיר אַ וואונק געגעבן מיט'ן קאָפּ און געזאָגט:

— איצט גייסטו, ענריקאָ, אַריבער מיט אַ שטאָק העכער, און איך וועל דיך שוין מער ניט זען. — און זי האָט געוואָרפן אויף מיר אַן אומעטיקן בליק.

אַ סך פרויען, וועלכע זײַנען געווען אומרואיק, וואָס עס האָבן אויסגעפעלט פּלעצער פאַר זײַערע קינדער, האָבן אַרומגערינגלט דעם דירעקטאָר; מיר האָט זיך געדוכט, אַז זײַן באָרד איז פון פאַראַיאָרן אַן נאָך גרויער געוואָרן; און די קינדער, מײַנע חברים, זײַנען אויסגעוואַקסן און דיקער געוואָרן.

צען אַזוינער זיינען מיר — פיר און פערציק ת ל מ י ד י ם — שוין געזעסן אויף אונזערע ערטער. דאָ זיינען געווען ניט מער ווי אַ פופצן־זעכצן פון מיינע אַלטע ח ב ר י ם פון צווייטן קלאַס, און צווישן זיי — דער זעלבער דעראַסי, וואָס פלעגט אַלעמאָל באַקומען דעם ערשטן פּרייז.

ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן די וועלדער און בערג, צווישן וועלכע איך האָב פאַרבראַכט דעם זומער, האָט די שול ביי מיר אויסגעקוקט אַזוי קליין און אומעטיק. איך האָב זיך אויך דערמאָנט אָנ'ם לערער, ביי וועלכן איך האָב געלערנט אין צווייטן קלאַס; ער איז געווען אַזאַ גוטער! ער פלעגט אַלע מאָל לאַכן צוזאַמען מיט אונז, און ער איז געווען אַזאַ קליינינקער, אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט, ער איז אונזערער אַ ח ב ר. מיר איז אומעטיק געוואָרן, וואָס איך וועל אים שוין מער ניט זען מיט זיינע רויטע צעשויבערטע האָר. אונזער נייער לערער איז געווען אַ הויכער און אָן אַ באָרד. זיינע האָר זיינען געווען לאַנגע און גרויע און אויפ'ן שטערן איז ביי אים געווען אַ טיפער קנייטש. זיין שטימע איז געווען אַ גראָבע, און געקוקט האָט ער אויף אונז עפּעס אַזוי דורכדרינגענד. ער האָט יעדן איינעם פון אונז באַטראַכט אַזוי, ווי ער וואָלט וועלן אַריינדרינגען אין אונזערע נ ש מ ו ת. ער לאַכט קיינמאָל ניט. און איך האָב אַ טראַכט געטאָן: „דאָס איז דער ערשטער טאָג! און אַזוי וועלן זיך אָוועקציען גאַנצע ניין ח ד ש י ם! וויפיל האַרעוואַניע, וויפיל עקזאַמענעס מיט שווערער, שווערער אַרבעט!“

מיר האָט זיך זייער שטאַרק פאַרוואָלט נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף מיין מאַמען. ווען זי האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, בין איך צוגעלאָפן צו איר און אַ קוש געטאָן איר אין האַנט. און זי האָט מיר געזאָגט: „זיי מוטיק, ענריקאָ! מיר וועלן צוזאַמען אַרבעטן.“

איך האָב זיך דעם טאָג צוריקגעקערט אַהיים אַ גאַנץ פריילאַכער; נאָר איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל שוין מער ניט האָבן מיין אַלטן לערער: איך וועל שוין מער ניט זען זיין ליבלאַכן, פריילאַכן שמייכל; און די שול האָט שוין ניט אויסגעזען ביי מיר אַזוי ליב און פיין, ווי פריער.

ע. ד'אַמיטשיס.

אַ אַראַבּישע שול.

אונזער לערער.

נאָך הײַנטיקן לערנען בין איך געבליבן צופרידן מיט מײַן נײַעם לערער. פאַר'ן אָנפאַנג פון דער לעקציע, ווען ער איז שוין געזעסן אויף זײַן פּלאַץ, זײַנען צו אים צו זײַנע פאַראַיאָריקע ת ל מ י ד י ם און זיך געגריסט מיט אים. זײ פלעגן פאַרבײַגײענדיק עפענען די טיר, אַרײַנקוקן אין קלאַס-צימער און אַרויסזאָגן: „גוט מאָרגן, לערער! גוט מאָרגן, הער פערבאָני!“ אײניקע פון זײ זײַנען א פ י ל ו פאַרגאַנגען אין צימער און געדריקט זײַן האַנט. עס איז קענטיק געווען, אַז זײ האָבן אים ליב און וואָלטן וועלן צוריק קומען צו אים לערנען. ער פלעגט זײ ענטפערן אויפ'ן „גוט מאָרגן“, דריקן די הענט, וואָס די קינדער פלעגן אים דערלאַנגען, אָבער דערבײַ אויף קײנעם ניט געקוקט און געבליבן ערנסט, ניט קוקנדיק אויף אַלע באַגריסונגען. זײַנע אויגן זײַנען געווען געווענדט צום פענסטער אָדער אויפ'ן דאַך פון אַנטקעגנדיקן הויז. עס האָט זיך געדוכט, אַז ניט ער פרײט זיך,

ווען ער הערט די באַגריסונגען, נאָר פאַרקערט, ער ליידט דערביי. נאָכדעם האָט ער אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף אונז, געוואָרפן אַ בליק אויף יעדן איינעם פון די שילער און גענומען אַרומגיין צווישן די בענקלאַך און דיקטירן אונז.

ווען ער האָט דערזען, אַז ביי איין אינגל איז דער גאַנצער פּנים רויט און באַדעקט מיט פלעקן, האָט ער אויפגעהערט דיק־טירן, אָנגענומען מיט די הענט דעם אינגלס קאָפּ און געפרעגט, וואָס איז דאָס ביי אים. נאָכדעם האָט ער ביי אים אַ טאַפּ געטאָן דעם קאָפּ, צי ער האָט ניט קיין היץ. גראָד דעמאָלט האָט זיך אַ צווייטער אינגל געשטעלט הינטער׳ן רוקן פונ׳ם לערער און גענומען מאַכן האַ־וואַיעס. דער לערער האָט זיך פלוצלונג אַ דריי געטאָן. דער האַ־וואַיעס־מאַכער האָט זיך שנעל אַוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ, אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און געוואַרט אויף אַ שטראָף. אָבער דער לערער האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפ׳ן קאָפּ און געזאָגט:

— מער זאָלסטו אַזעלכעס ניט טאָן!

און דאָס אַלץ. נאָכדעם האָט ער זיך אומגעקערט צום טיש און געענדיקט דעם דיקטאַט. ער האָט נאָך אַ ווײַלע שווײַגנדיק גע־קוקט אויף אונז און דערנאָך האָט ער צו אונז געזאָגט מיט זיין גראָבער אָבער דאָך גוטער שטימע:

— הערט אויס, קינדער! אונז וועט אויסקומען פאַרברענגען צוזאַמען אַ גאַנץ יאָר. לאָמיר זען לעבן די צייט ווי פריינד. לערנט זיך גוט און פירט זיך אויף גוט. איך האָב ניט קיין פאַמיליע. מיין פאַמיליע — דאָס זייט איר! פאַראַיאָרן האָב איך נאָך געהאַט אַ מו־טער. היינט איז זי שוין טויט. איך בין געבליבן אַליין. איך האָב אויף דער גאַנצער וועלט קיינעם ניט, אויסער אייך. איך קלער ניט וועגן קיינעם אויסער אייך. איר דאַרפט ווערן מיינע קינדער. איך האָב אייך ליב און איך וויל, איר זאָלט מיך אויך ליב באַקומען. איך וואָלט קיינעם ניט וועלן באַשטראָפן. באַווייזט, אַז איר האָט אַ האַרץ. אונזער שול וועט זיין מיין פאַמיליע און איר וועט זיין מיין טרייסט און מיין שטאָלץ. איך פאָדער ניט פון אייך, איר זאָלט מיר אויף דעם געבן אַ שבועה. איך בין זיכער, אַז טיף אין האַרצן זייט איר שוין מיט מיר איינשטימיק, און איך דאַנק אייך דערפאַר.

די לעקציע אונזערע האָט זיך דערמיט געענדיקט. מיר זיינען אַלע שטילערהייט אויפגעשטאַנען פון אונזערע פּלעצער. נאָר דער אינגל, וואָס האָט זיך פריער געשטעלט אויף דער באַנק און נאָכגע־קרימט דעם לערער, איז איצט צוגעגאַנגען צו אים און האָט מיט אַ ציטערנדן קול געזאָגט:

— זייט מיר מוחל, הער לערער!

דער לערער האָט אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און געזאָגט:

— גייז זיך דיר געזונטערהייט, מיין קינד! ע. ד'אַמיטשיס.

אַ שול אין ברעטאַן. זשאָפרואַ.

די שול.

מיינער הענריק!

דאָס לערנען איז דיר שווער; איך האָב דיך נאָך נישט געזען גייען אין שול אַריין מיט אַ פריילאַך פּנים און אַ פריי געמיט, ווי איך וואָלט מיר געוואונשן צו זען ביי דיר. די שול שרעקט דיך נאָך. אָבער גיב נאָר אַ טראַכט, ווי עלנט עס וואָלטן געווען דיינע טעג, ווען דו זאָלסט נישט גייען אין שול אַריין. עס וואָלט נישט אַריבער קיין

אײַן װאַך, און דו װאָלסט שױן געבעטן, מען זאָל דיך צוריקשיקן אין שול אַרײַן, מיד פון לאַנגװײַליקײַט און ח ר פּ ה, אױסגעמאַטערט פון שפּילערײַען און פון זיך אַלײן.

אַלע, אַלע לערנען זיך אַצינד, מײַן טײַערער העניריק! גיב נאָר אַ טראַכט װעגן די אַרבעטער, װעלכע גײען אין דער אָװנט-שול נאָך אַ גאַנצן טאָג בלוטיקער אַרבעט; װעגן די פרױען און קינדער, װאָס גײען אין דער זונטאָג-שול נאָך אַ װאָך שװערער אַרבעט; גיב אַ טראַכט װעגן די קינדער, די בלינדע, די שטומע, װעלכע רײַסן זיך צו דער לערע, נישט קוקנדיק אױף דעם, װאָס זײ זײַנען קאַליקעס.

װען דו גײסט אַרױס אין דער פרי פון דער הײם, דערמאָן זיך, אַז אין דער זעלבער ר ג ע און אין דער זעלבער שטאָט גײען מער װי דרײַסיק טױזנט אינגלאַך, פּונקט װי דו, זיך פאַרשפּאַרן אױף דרײַ ש ע ה אין קלאַס. װאָס רעד איך!... דערמאָן זיך בעסער אָן די מי־ליאָנען קינדער, װאָס אײַלן אין דער זעלבער צײַט, װאָס דו, אין שול אַרײַן אין אַלע עקן װעלט.

שטעל זיך פאָר, װי די דאָזיקע גרױסע אַרמײ פון דער צוקונפט גײט איבער שטילע דערפלאַך, איבער רױשיקע שטעט, אױף די ברעגן פון י מ י ם און טײַכן, ערגעץ־װאו אונטער דער ברענענדיקער זון, ערגעץ־װאו אונטער דעם כמאַרעדיקן הימל; מיט שיפלאַך, װאו עס פאַרפעלט טריקעניש, מיט פערד, אװאו די פיס שטײען אָפּ; מיט שליטנס איבער שנײען און אײַז, איבער טאָלן, איבער בערג, דורך װעלדער און קװאַלן, איבער בערגיקע, שטײניקע װעגעלאַך; דאָ אײנ־ציקװײַז, דאָ קופּקעלאַכװײַז, דאָ װידער אין אַ לאַנגער רײ; אַלע די ביכער אונטער די אָרעמס, אַנגעטאָן אױף טױזנטערלײ א ו פ נ י ם, רעדניק אױף טױזנטער שפּראַכן און רעד־אַרטן; פון די װײַטסטע שולן אױף צ פ ו ן, ערגעץ אין אײַז פאַרלאָרן, ביז די לעצטע שולן אין אַראַביע, באַשאָטנטע מיט פאַלמען, — גײען זײ מיליאָנען, מיליאָנען זיך לערנען די זעלבע זאַכן מיט טױזנט פאַרשײדענע מיטלען. שטעל זיך פאָר, מײַן טײַער קינד, די אינגלאַך פון טױזנט שטאַמען, טױזנט פעלקער, טױזנט לענדער; די אומענדלאַכע באַװעגונג, פון װעלכע אױך דו ביסט אײן טײלכל, און גיב אַ טראַכט — װאָס װאָלט געװען, װען די באַװעגונג זאָל אױפהערן!

די מענשהייט וואָלט אַרייַנגעפאַלן אין איר אַלטער ווילדקייט, וואָרים די דאָזיקע באַוועגונג איז די אַנטוויקלונג, איז די האָפענונג, דער רום און די ליכטיקייט פון דער וועלט!

דעריבער — מוט, קלייִנער זעלנער פון דער מיליאָנענדיקער אַרמיי! די ביכלאַך זייַנען דייַן געווער; דייַן קלאַס איז דייַן רעגימענט; דייַן מ ל ח מ ה־פעלד איז די גאַנצע ערד, און דער זיג איז די אויס־בעסערונג פון דער מענשהייט.

זיי־זשע נישט קיין פייגלינג אין דעם קאַמף, מיין טייַערער הענריק!

דייַן פאָטער, ע. ד׳אַמיטשיס.



אַ לעקציע פון רעכענען.
נ. פ. באָגדאַנאָוו—בעלסקי.

אויף אַ זומער־קאָלאָניע.

לײַבעלע בענקט.

עפּעס איז אַלץ אַזוי מאָדנע, אַזוי נײַ. עפּעס אַזוי נישט ענלעך צו דער גרויסער שטאָט.

אַ קלײנן הײַזל אין וואַלד. נישטאָ קײן הויף, נישט קײן רינ־שטאָק. עפּעס אַזעלכע מאָדנע בײמער — נישט מיט קײן בלעטער, נאָר מיט נאָדלען. די בעטן שטײען נישט בײַ דער וואַנט, נאָר שורות'ווײַז, און נישט — אין אַ קלײנן שטיבל, נאָר אין אַ גרוי־סער, גרויסער שטוב, ענלעך צו יענע, וואו מען מאַכט חתונות. אויף מיטאָג האָט מען געגעבן עפּעס אַן אויסטערלישע, גרינע זופּ, און נאָך מיטאָג — מילך. היטלען פון לײַוונט און שעלקעס צו די הויזן. אויפדערנאַכט וואַשט מען די פיס אין אַ לאַנגער, בלעכענער מולטער. שלאָפן דאַרף מען אײנער אַלײן אין אַ בעט, אויף אַ קישעלע אָנגע־שטאָפּט מיט שטרוי. בײַנאַכט זײַנען גאָר די פענסטער אָפן. אַ גנב קאָן נאָך אַרײַנקריכן.

און דער טאַטע מיט דער מאַמען זײַנען אַזוי ווײַט.

האָט טאַקע לײַבעלע רעכט ליעבן באַלד אין ערשטן אויפדערנאַכט זיך צעוויינט.

אמת, נישט לאַנג האָט געדויערט דאָס וויינען, וואָרום ווי אַזוי ווערט מען נישט אַנטשלאָפן נאָך אַזאַ טאָג און נאָך אַזויפיל וואונדערלאַכע געשעעענישן?

צומאָרגנס אָבער, ווען ס'איז געבליבן אַ ביסל פרײַע צײַט, האָט לײַבעלע ווידער אָנגעהויבן וויינען.

— כ'וויל אַהײם.

פאַרוואָס וויל לײַבעלע אַהײם? אפשר איז ער הונגעריק? ניין, ער איז נישט הונגעריק. — אפשר איז אים קאַלט? — ניין, ס'איז אים נישט קאַלט. — אפשר האָט ער מורא אַלײן צו שלאָפן? — אויך נישט. — אפשר האָט ער אינדערהײם מער שפּילאַכלאַך? ניין. קײן שפּילאַכלאַך האָט ער אינגאַנצן נישט.

לײַבעלע ווײס, אַז דאָ איז גוט. ס'האָט אים דערציילט זײַנס

אַ שוועסטערקינד און די קינדער פון הויף. נאָר אינדערהיים איז דאָך די מאַמע.

נו, גוט: לייבעלע פאָרט אַהיים, נאָר ערשט מאָרגן, וואָרום היינט איז ש ב ת.

זונטאָג אָבער האָט לייבעלע אויך נישט געקאָנט פאָרן. ס'איז נישט געווען קיין פורל. מאָרגן אָבער וועט ער שוין געווים פאָרן.

צומאָרגנס האָט שוין לייבעלע נישט געוויינט, נאָר אַהיים פאָרן האָט ער ווייטער געוואָלט.

— גוט, נאָך מיטאָג וועסטו פאָרן. וואָס וועט אָבער זיין ? די מאַמע וועט דאָך האָבן פאַרדראָס.

— פאַרוואָס וועט די מאַמע האָבן פאַרדראָס ?

— ווייל זי וועט מוזן באַצאָלן פאַר'ן פאָרן.

און גראָד האָט דער טאַטע נישט קיין אַרבעט, — דער מייס־טער איז אַוועקגעפאָרן, — און די מאַמע איז קראַנק, ווייל ס'איז גע־בוירן געוואָרן אַ קליין שוועסטערל און דער דאָקטער האָט אַ ס ך געלט צוגענומען.

לייבעלע האָט טיף אָפגעזיפצט און מ ס כ י ם געווען צו שפילן אין דאָמינאָ.

אויפדערנאַכט האָט לייבעלע ווידער אָנגעהויבן אַ ביסל צו וויינען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אויפ'ן וואָקזאַל אין וואַרשע האָט ער געהאַט אַ נייעם קאַפּעליוש, האָט דער טאַטע געוואָלט דעם קאַ־פעליוש אַהיים נעמען. וויזט אויס, אַז דער טאַטע האָט אים פאַר־לוירן. און דער קאַפּעליוש האָט געקאָסט אַ גאַנצן האַלבן רובל.

פון גרוים צ ע ר האָט לייבעלע גענומען דיקטירן אַ בריף אַהיים, אַז ער וויינט נישט, אַז ער וויל נישט אַהיים קומען, אַז ער בענקט גאָרנישט, ווייל ער וויל זיין געזונט, און דער טאַטע זאָל זיך נישט מ צ ע ר זיין. דער ע י ק ר אָבער, וואָס איז געוואָרן מיט'ן נייעם קאַפּעליוש ?

דער טאַטע האָט געענטפערט, אַז דעם קאַפּעליוש האָט ער נישט פאַרלוירן, און אַז ער וועט אים מיטברענגען אויפ'ן וואָקזאַל.

לייבעלע האָט אַ ס ך מאָל גענומען דעם בריף און האָט אים צוריקגעגעבן צו באַהאַלטן, און האָט שוין אינגאַנצן אויפגעהערט צו

קלײַבן זיך אַהײמ, ווײַל וואָס אַ טאָג איז אים דאָס דאָרף מער געפעלן.

אײנמאָל נאָך האָט לײבעלע געהאַט גרויס פאַרדראָס: ער האָט פאַרלוירן דאָס טיכל פון דער נאָז. ווי אַזוי האָט ער עס נישט געקענט פאַרלירן, אַז ער האָט געהאַט אַ פולע קעשענע מיט שישקעס און מיט שטײנדלאַך? נאָר דאָס טיכל איז אינגיכן געפונען געוואָרן.

און נאָך אַמאָל איז לײבעלע געווען פאַרזאָרגט, נאָר דאָסמאָל איז ער שוין אַלײן שולדיק געווען. ער האָט געפײַפט און צוגעקנאַקט מיט די פינגער אויפדערנאַכט אין שלאָפזאַל.

צומאָרגנס, בײַם אָנבײַסן, ווען מען האָט געפרעגט, ווער ס'האָט נעכטן בײַנאַכט געפײַפט, האָט זיך לײבעלע גלײַך מ ו ד ה געווען.

— און כ'האָב געקנאַקט מיט די פינגער. — **האָט ער צוגע־געבן און געוויזן, ווי אַזוי ער האָט עס געטאָן.**

לײבעלע האָט זיך אָפּגעבּרענט אויף דער זון און ס'איז אים צו־געקומען גאַנצע דרײַ פונט; און ווען ער איז ס ו ף ־ כ ל ־ ס ו ף אַהײם געפאָרן, האָט ער צוגעזאָגט, אַז איבעראַיאָר וועט ער ווידער קומען און וועט שוין קײן אײן מאָל נישט װײנען.

י. קאַרטשאַק.



אין זומער־קאָלאָניע „קינדערלאַנד". בײַ האַנט־אַרבעט.

דאָס געריכט.

— ער שלאָגט זיך — שיט זיך מיט זאַמד — צוגענומען דעם לעפל — לאָזט ניט שפּילן — ער שטופּט זיך — ער שטערט — זע נאַר!...

דאָרטן, וואו עס קלייבן זיך צונויף הונדערט פופציק אינגלאַך, מוזן זיין אַלע טאָג דרייסיק קריגן, פינף געשלעגן; וואו עס קומען פאַר קריג און געשלעגן, דאָרט מוז זיין אַ געריכט. דאָס געריכט מוז זיין ערלאַך, צו אים דאַרף מען האָבן צוטרוי און ד ר ך - א ר ץ. אַזאַ געריכט איז געווען ביי אונז אין דער קאָלאָניע.

ריכטער זיינען געווען צוויי, אויסגעקליבענע דורך אַן אָפּשטימונג. די אָפּשטימונג פלעגט פאַרקומען איבעראַנייס יעדע וואָך.

די זיצונגען פון געריכט זיינען פאַרגעקומען אין וואַלד אָדער אויפ'ן ווערענדע. די ריכטער זיינען געזעסן אויף שטולן ביים טיש. די באַשולדיקטע און ע ד ו ת זיינען געזעסן אויף אַ לאַנגער באַנק. דער ע ו ל ם איז געשטאַנען פון הינטן. דער אויפזעער איז געווען דער באַשולדיקער. עס זיינען אויך געווען פאַרטיידיקער. נאָכ'ן אויסהערן און אויספרעגן פלעגן די ריכטער אַוועקגיין זיך באַראַטן. נאָכדעם ווערט דורך אַ קלונג געגעבן צו וויסן, אַז עס ווערט פאַר-עפנטלאַכט דער פ ס ק.

* * *

פישביין האָט געוואָרפן אַ שטיין אין אַלשינען און אים צע-שלאָגן דעם פוס, נאָר ניט זייער שטאַרק. דאָך האָט אַלשין געוויינט.

— האָסטו געוואָרפן אַ שטיין אויף אַלשינען??

— ניין.

— מענשן האָבן דאָך געזען, ווי אַלשין האָט זיך געהאַלטן ביים פוס און האָט געוויינט.

— ניט א מ ת . איך האָב ניט געוואָרפן און אַלשין האָט ניט געוויינט...

עס הייבט זיך אָן די אויספאָרשונג פון די ע ד ו ת . דאָס געריכט איז מ ז ה י ר , אַז פאַר אַ ליגן וועט מען שטרענג באַ-

שטראָפט ווערן. עס ווערט פעסטגעשטעלט די צײַט און אָרט פון פאַרברעכן, די צאָל און פאַמיליעס פון די ע ד ו ת.

די אויספאָרשונג באַווײַזט, אַז פישבײַן האָט אָן קײַן שום ס י ב ה געוואָרפן אויף אַלשינען שישקעס און קלײַנע שטײַנדלאַך.

— האָסטו געוואָרפן אויף אים שישקעס?

— יאָ, שישקעס האָב איך געוואָרפן.

— פאַרוואָס?

— איך האָב געהאַט אַ ס ך שישקעס און נישט געוואוסט, וואָס מיט זײַ צו טאָן.

— פאַרוואָס האָסטו זײַ ניט אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד?

— ס'איז געווען אַ שאָד. (דער ע ו ל ם לאַכט).

— און צווישן די שישקעס זײַנען געווים ניט געווען קײַן שטײַנער?

— איך ווײַס ניט.

דאָס געריכט האָט גענומען אין אַכט די יונגקײַט פון פיש־בײַנען און אים פאַר'מ ש פ ט נאָר אויף צען מינוט אַרבעט.

* * *

— עס איז געווען אַזוי: איך האָב געבעט די בעט, האָט ער מיך אַ שטויס געטאָן, האָב איך אים אָפגעשטויסן. האָט ער געוואָרפן אויף מיר אַ קישן, האָב איך אויפגעהויבן די קישן, האָט ער מיר דער־לאַנגט אַ קלאַפּ.

— ניט א מ ת. איך האָב גאָר געבעט די בעט. האָט ער גע־וואָרפן אויף מיר די קישן. האָב איך אים אַ שטויס געטאָן, און ער האָט מיר דערלאַנגט דער ערשטער...

— אַך, דו ליגנער!..

— ביסט אַלײן אַ ליגנער...

— אין געריכט טאָר מען זיך ניט קריגן.

— האָסט געוואָרפן די קישן?

— ער דער ערשטער...

— ענטפער: יאָ, צי נײַן?

— יאָ, נאָר ער דער ערשטער...

— זיינען דא ע ד ו ת ?...

— אלע האבן געזען...

— אלע האבן ניט געקענט זען. רופט אן די פאמיליעס פון צוויי ע ד ו ת ; ווער איז געשטאנען נאנט און אלץ געזען ?

— איך ווייס ניט.

— האסט אים א שטוים געטאן ?

— ווען איך בין געשטאנען און געבעט די בעט...

— מיר ווייסן, ענטפער קורץ יא, צי ניין ?

— אך, דו ליגנער !

—שטילער ! אין געריכט טאר מען זיך ניט קריגן !

די בעטן פון זיי ביידן זיינען אין איין ש ו ר ה. צוליב דעם וואס עס זיינען ניטא קיין ע ד ו ת , איז ניט מעגלאך פעסטצושטעלן, ווער האט א שטוים געטאן דער ערשטער, און צי איז דאס געווען ב כ י ו ו ן אדער אומגערן. צי איז ניט גלייכער ש ל ו ם מאכן צווישן זיך, איידער צוווארטן אויף א פ ס ק , וואס וועט מוזן ביידן באשטראפן, ווייל ביידע האבן זיך דאך מ ו ד ה געווען, אז זיי האבן זיך געשלאגן.

פארשטייט זיך, אז אויף אזא'ן א ו פ ן איז טאקע גלייכער צו מאכן ש ל ו ם .

* * *

אט איז א בלוטיקע געשעעניש, ביי וועלכער עס קען קיין רייד ניט זיין וועגן דורכקומען צווישן זיך.

די מעדיצינישע אונטערזוכונג זאגט : ביי דעם באשולדיקער פלאשנבערג איז געשוואלן די רעכטע באק ; אויף איר זיינען דא ס מ נ י ם פון זיבן גראבן : איין גראב ביי דער נאז, איינער ביים אויער, דריי—אויף דער באק, צוויי—אויפ'ן מארדע. אויסער דעם —צוויי גראבן אויף דער לינקער האנט.

ביי דעם באשולדיקטן זאקסנבערג אויפ'ן שטערן איז א בלויער סיניאק די גרייס פון צוויי קאפיקעס ; די נאז איז צעגראבעט, און אויף דער לינקער באק איז א לאנגער גראב.

דעם אַנהייב פון געשלעג האָט קיינער ניט געזען, נאָר די פאַר־
ווּעצונג האָבן געזען אַ ס ך ע ד ו ת.

ביידע זיינען פאַר׳מ ש פ ט געוואָרן צו פופצן מינוט אַרבעט.

* * *

שטיפן און טומלען איז צום ליבסטן אין אָוונט, ב ש ע ת מען
לייגט זיך אויף די בעטן. עס קען זיין, אַז דאָס איז ניט באַזונדערס
אָנגענעם, ווייל די אויגן קלעפּן זיך און מען דאַרף שלאָפן. נאָר פאַר־
וואָס זאָל מען דאָס ניט פּרובירן, ווען דאָס איז פאַרווערט?

אויב דאָס איז שטרענג פאַרווערט, און איך וועל הויך אַ פייף
טאָן, מיאַוקען אָדער קרייען, ווי אַ האָן, וועט דער אויפזעער זיך
ב ר ו ג ז׳ן, אָבער אַלע וועלן לאַכן. דער צימער איז אַ גרויסער,
בעטן—אַ ס ך, דער אויפזעער וועט ניט וויסן, ווער עס האָט דאָס
געטאָן.

אַזוי האָבן געקלערט די אינגלאַך, ביז זיי האָבן זיך איבער־
צייגט, אַז דער אויפזעער ב ר ו ג ז ׳ ט זיך קיינמאָל ניט און פאַרשטט
ניט, ווער עס האָט געטומלט ביינאַכט. ער פאַרווערט דאָס נאָר דער־
פאַר, כ ד י מען זאָל קענען אויפשטיין זעקס אינדערפרי פרייִלאַכע
און מונטערע.

נעכטן איז געווען זייער טומלדיק אין שלאָפצימער. יעדערער
ווערט אַרויסגערופן היינט צום געריכט צו ענטפערן, צי האָט ער דאָס
ניט געטומלט, געפייפט, געפּאַטשט מיט די הענט, געזונגען, געמיאַו־
קעט.

אַלע לייקענען אָפּ. נעכטן האָט מען נאָר געכאַפּט ביים טומל
וויִיצן און פראַגערן. זיי זיצען אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק.

— זייער שולד איז אַ גרויסע, גאָר אַ גרויסע: זיי האָבן ניט
נאָר זיך, נאָר אַלעמען געשטערט שלאָפן. ווי זאָל מען זיי באַ־
שטראָפן? נאָר מען דאַרף ק ו ד ם קלאָר מאַכן אַן אַנדער פראַגע:
צי האָבן אין שלאָפצימער געטומלט נאָר די צוויי? ניין, טומלער זיי־
נען געווען אַ ס ך מער, גאָר אַ ס ך.

דער פּראָקוראָר האָט אָוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש דעם פּלאַן פון
שלאָפצימער און האָט לאַנגזאַם געזאָגט:

— מען האָט געטומלט ביים פענסטער, וואו עס שטייען די

בעטן פון קאַפּלאַנען, בעדערן, פּלאַצקין און שידלאָווסקין; דער טומל איז געווען אין די מיטלסטע ש ו ר ו ת, וואו עס שלאָפן ווײַנרײַך, גראַזאָווסקי, סטריק, פּראַם און זאַוואַזניק...

דער טומל איז געווען אין דער ערשטער ש ו ר ה , וואו עס שלאָפן פּלאַנבערג, פישבײַן, ראַטקעל און פּליוואַק. מע האָט גע־פּאַטשט מיט די הענט בײַ די בעטן פון אַלטמאַנען, לעווינען, וואַלבערגן און אַדאַמסקין. צום סוף האָט עמיץ געפּײַפט דאָרטן, וואו עס שלאָפן נײַמײַסטער, זאַקסנבערג און פּרעסמאַן. מיר האָבן בײַ אַלעמען גע־פרעגט און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן.

דאָ איז דער פּראָקוראָר אַנטשוויגן געוואָרן. א ס ד פון ע ו ל ם האָבן אַראָפּגעלאָזן די אויגן; עס איז רויט געוואָרן אויך איינער פון די ריכטער, ווען ער האָט דערהערט אָנרופנדיק אויך זײַן פאַמיליע.

— פאַרוואָס איז געלונגען נעכטן צו באַמערקן נאָר ווײַצמאַנען און פּראַגערן? — דערפאַר, ווײַל זיי האָט זיך ניט אײַנגעגעבן זיך צו באַהאַלטן. פאַרוואָס האָבן זיי דאָס ניט געקענט זיך באַהאַלטן, ב ע ת אַלע אַנדערע האָבן דאָס יאָ געקענט? — דערפאַר, ווײַל זיי זײַנען ניט קיין שטיפערס, אָדער קליינע ניט קיין געאיבטע שטי־פערס. א פ ש ר האָבן זיי גאָרניט געוואוסט, אַז בײַנאַכט טאָר מען ניט שרײַען אין שלאָפצימער. האָבן מיר איצט דאָס רעכט נאָר זיי ביידן צו באַשטראָפן? — שולדיק זײַנען אַלע, דער גאַנצער שלאָפצי־מער, אַלע אַכט און דרײַסיק, א פ י ל ו די, וואָס האָבן ניט געטומלט און האָבן ניט אָפּגעהאַלטן דעם ח ב ר פון טומלען. איך לייג דערי־בער פאָר, פרײַלאָזן ווײַצן און פּראַגערן און באַשטראָפן די גאַנצע גרופּע: גראַזאָווסקי וועט הײַנט פאַר'ן שלאָף ניט שפּילן פאַר אײַך אויפ'ן פידל.

דאָס געריכט האָט זיך לאַנג בעראַטן און דער פ ס ק איז געווען אַזאַ:

„ווײַצן און פּראַגערן ניט באַשטראָפן; גראַזאָווסקי וועט אויף נאַכט יאָ שפּילן, ווײַל מער וועט שוין קיינער ניט טומלען".

און מען האָט געהאַלטן וואָרט.

י. קאָרטשאַק.

אין זומער־קאָלאָניע „קינדערלאַנד“. ביי גאָרטן־אַרבעט.

אָוונט־קאָנצערטן.

אויפדערנאַכט, ווען די אינגלאַך ליגן שוין אין די בעטן, נעמט גראַזאָווסקי זיין פידעלע, שטעלט זיך אַוועק אין מיטן שטוב און שפּילט עפּעס אויף „אַ גוטע נאַכט“.

קיין נאָטן האָט ער ניט מיטגענומען. ער שפּילט אויסווייניק אַ סך ניגונים.

„רוישן ביכטן אויף די בערגער,
רוישן אין דער ווייט“...

אַזוי זינגט דאָס פידעלע. אין זאַל איז שטיל, אַלע אינגלאַך הערן זיך איין.

בלויז אונטער'ן פענסטער סוד'ן זיך די סאָסנעס איינע מיט דער אַנדערער און ריידן שטיל צום הימל.

די סאָסנעס האָבן זיך פון גראַזאָווסקין אויסגעלערנט אַ סך, אַ סך ניגונים, און אַצינד זינגען זיי מיט זייערע דינע נאָדעלאַך אַזוי שטיל, קוים וואָס מע הערט. זיי ווילן ניט שטערן דעם פידלער.

לינקס פון דער קאָלאָניע וואַקסט אַן אַלטע, איַינגעהויקערטע סאָסנע. אַ סאָסנע — אַ ז ק נ ה.

וואָס זי האָט אויסצושטיין פון די אינגלאַך!

דאָ זעצן זיי זיך אויף איר און הוידען זיך, ווי אויף אַ שיף, דאָ מאַכן זיי פון איר אַ באַן, דאָ אַ פערד, דאָ אַ טורעם פאַר פייער-לעשער און דאָ אַ פעסטונג.

די סאָסנע אָבער איז קיינמאָל ניט בייז. זי ווייס, אַז אויפדער־נאַכט וועט שפילן דאָס פידעלע, וואָס וועט זי פאַרוויגן אין אַ שטילן רואיקן שלאָף.

און די אינגלאַך ליגן און ס'ציטערן ביי זיי די וויעס.

אָט האָט איינער ברייט אויפגעריסן די אויגן; אַ צווייטער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן קישעלע, און האַלב-ליגנדיק קוקט ער אויפ'ן שפּי־לער.

און יעדער איינציקער טראַכט פון עפּעס אַנדערש. נאָר ווען ג ר אַ ז אָ װ ס ק י וויל שוין באַהאַלטן די פידל, בעטן זיי אים — ער זאָל איבער'ח ז ר'ן דאָס פריערדיקע.

ג ר אַ ז אָ װ ס ק י קאָן ביי די אינגלאַך אַלץ פּ ו ע ל'ן: ער מעג קאָפּען ערד, מער ווי אַלע אַנדערע. אים האָט מאַרגאַלים געשענקט אַ שטעקן, וואָס ער האָט געפונען גייענדיק אין בעריאָזן־ווערלדל אַריין, און אַ פ י ל ו די ריכטער האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ פאַלשן פּ ס ק-ד י ן, ווען העשל ג ר אַ ז אָ װ ס ק י האָט זיך איינמאָל פאַרשולדיקט.

אַלע ווילן גיין מיט אים צו דער פּאָר. העשל אָבער קאָן ב כ ל ל נישט גיין צו דער פּאָר: ת מ י ד האַלט ער אין איין זוכן געלע בלומען אויף לאַנגע שטענגלאַך.

איינמאָל האָט אים אַ מיידעלע געשענקט אַ צווייגל יאַשמין; אַ צווייט מאָל האָט אים אַ פויער געלאָזט אָפּרייסן אַ בינטל ווייסע און רויטע מאַנבלום פון גאָרטן.

די ווייסע האָט ער אַריינגעלייגט אין אַ שיסעלע צווישן בלומען,

און די רויטע מאַנבלום האָט ער אַזוי לאַנג געטראָגן, ביז די בלעטלאַך האָבן אָנגעהויבן אָפּפאַלן.

אויסער דעם פידלער פאַרמאָגן מיר נאָך אויף דער קאָלאָניע דרײַ אײַגענע זינגער.

אויך זיי זינגען יעדן אויפדערנאַכט, אײדער די קינדער גייען שלאָפן.

דאָס געזאַנג שווימט נידעריק, בײַ דער סאַמע ערד, אַזוי ווי אַ שוועלבל, וואָס פרואווט ערשט דעם כ ו ח פון אירע פליגל.

פלוצלונג אָבער גיט עס זיך אַ הייב אויף ערגעץ אונטער די וואָלקנס און ציטערט לאַנג, לאַנג אין דער טונקלקייט פון הימל.

דערנאָך קומט עס צוריק אַראָפּ — שטיל, מיד און ווערט אַנט־שלאָפן.

— ווי שיין דער נ י ג ו ן איז! — רעדן צווישן זיך די סאָמ־נעס. — אָבער פאַרוואָס פאַרשטייען מיר נישט זײַנע ווערטער?

— ווײַל ס'איז אַן אַלטער, אידישער, אַלטער נ י ג ו ן, אַ נ י ג ו ן, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק.

ווען די דרײַ זינגער אונזערע: פ ר ע ס מ אַ ן, ר אָ ז נ־צ ו ו ײַ ג און פ ר י ד ז אָ ן זינגען צוזאַמען, דאַכט זיך, אַז נישט דרײַ זינגען, נאָר איינער. אַזוי גיסן זיך צונויף אַלעמענס שטימען.

דער רום פון די אָוונט־קאָנצערטן האָט זיך ווײַט צעטראָגן אי־בער דער וועלט.

עס וויסן פון זיי די דינערשאַפט פון הויף, דער פ ר י ץ און ס'גאַנצע דאָרף.

דעריבער זײַנען אונטער'ן פענסטער שטענדיק פאַראַן צוהע־רער.

דאָ שטייען י ו ז ע ף און דער אַלטער ר' א ב ר ה ם, און די פאַראַבקעס און די שיקסלאַך און די אַלטע סאָסנע—די ז ק נ ה.

— אויף הײַנט וועט שוין זײַן גענוג, אַ גוטע נאַכט, קינדער!

— אַ גוטע נאַכט!...

י. קאַרטשאַק.



נאכט־קאָנצערט פון הענדלעז. מאַרגאַרעט י. דיקסי.

אַ חדר־מעשה.

זיבן יאָר איז מיר געוואָרן — און די מאַמע, זאָל געזונט זײַן, האָט געזאָגט: „נו, צײַט אין חדר, צײַט אין חדר גײן, מײַן קינד! אוים, אַ סוף, גענוג געהוליעט אויף דער וועלט, אַרומגעפלויגן פרײַ און גליקלאַך ווי אַ פויגל, פריש און פרײלאַך ווי דער ווינט“.

און אברהמ׳ל דער באַהעלפער האָט מיך אײַנגעהילט, פאַרוויקלט אין אַן אַלטן געלן טלית און אַוועק מיט מיר אין חדר.

ס׳איז געווען אַ וואונדער־שײנער, פרישער, ליכטיקער פרימאָרגן. שײן און ליכטיק, רײן און פריש האָבן שטראַלן זיך געגאָסן דורכ׳ן פענסטערל אין חדר און געפינקלט אויפ׳ן רבי׳ן, אויפ׳ן סידור, אויפ׳ן טיש. און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער עקזאַמען: „זאָג נאָר, בחור, וואָס איז דאָס?“ — אַן אַלף. „ריכטיק. דאָס?“ — אַ הא. „און דאָס?“ — אַ תו.

און בײַ יעדן אות, בײַ יעדן ענטפער פאַלן מיר פון אויבן לעקאַך, ראָזשינקעס, קאָנפעקטן, נים און מאַנדלען אָן אַ סוף. און

דער רבי, רב בנימין (זאָל אַ ליכטיקן גן־עדן האָבן), זאָגט: „דו זעסט? דאָס וואַרפן דיר מלאכי מ'לאַך, מײַן קינד! זאָלסט מיט חשק לערנען תורה, לערנען תורה, לערנען חכמה. און געדענק, מײַן קינד, ווער ס'וויל ניט לערנען, בלײַבט אויף אײביק בלינד".

ש. פרוג.



אין חדר.

דער ערשטער טאָג אין נײַעם חדר.

אַז די מאַמע האָט מיך געבראַכט צופירן אין חדר, האָב איך געטראָפן דעם רבי'ן, אַ איד מיט געדיכטע ברעמען און מיט אַ שפּיצעדיקער יאַרמלקע, זיצן מיט אַלע תלמידים בײַם חומש.

ניט געמאַכט קײַן לאַנגע שהיות, האָט מיר דער רבי אַ זאָג געטאָן: „קריך אַהינצוצו אויף יענער זײַט באַנק צווישן יענע צוויי אינגלאַך". און איך בין אַרויפגעקראָכן אויף דער באַנק, זיך אַרײַנגעכאַפּט צווישן צוויי אינגלאַך, און איך האָב שוין געהײסן אַ צוגענומענער.

„געדענק זשע, זאָלסט זיך לערנען ווי ס'געהער צו

זײַן". — זאָגט צו מיר די מאַמע, שוין שטײיענדיק בײַ דער טיר, און דרײט נאָך אַמאָל דעם קאָפּ צו מיר און קוקט, קוקט אויף מיר מיט פרײד, ליבשאַפט און רחמנות. דער מאַמעס קוק פאַרשטײ איך גוט: זי האָט הנאה, וואָס איך לערן שוין חומש, און עס טוט איר וויי דאָס האַרץ, וואָס זי דאַרף זיך מיט מיר שײדן.

מיר איז געווען אויפ'ן האַרצן אַסך פרײלאַכער, ווי מײַן מאַמען: איך זיץ צווישן אַזוי פיל נײַע חברים, וואָס באַטראַכטן מיך און איך באַטראַכט זיי. נאָר דער רבי לאָזט אונז לאַנג ניט זיצן אָן אַרבעט. ער צעשאָקלט זיך און שרײַט אויס אויף אַ קול מיט אַ ניגון איין וואָרט נאָכ'ן אַנדערן פון חומש, און מיר אַלע שרײַען אים נאָך מיט'ן זעלביקן ניגון.

שלום-עליכם.

קליינע באַלעבאַטים.

ביים חומש.

איך בין שוין אַ גרויסער.

„ברענג הײַנט מיט זיך אַ חלב'ן ליכטל". — האָט צו מיר געזאָגט דער ר ב י, ווען איך האָב זיך אָנגעטאָן צו גײן אַהײם עסן מיטאָג. — אַלע אינגלאַך, וואָס לערנען שוין חומש, הײבן הײַנט אָן צו לערנען אין אָוונט. פון הײַנט אָן דאַרף יעדער חומש-אינגל ברענגען יעדע וואָך אַ חלב'ן ליכטל צו באַלײַכטן דעם טיש בײַם לערנען און אַ לאַמטערנע צו באַלײַכטן זיך דעם וועג בײַם גײן בײַ־נאַכט אַהײם.

— הײַנט הײב איך אָן צו לערנען אין אָוונט. — האָב איך זיך געטראַכט, גײענדיק אַהײם צו מיטאָג. — אָ, וואָס פאַר אַ טײַערע ב ש ו ר ה דאָס איז! ווי איך וועל נאָר אַרײַנגײן אין שטוב, וועל איך גלײַך אָנזאָגן דער מאַמען און מײַנע שוועסטערלאַך, אַז איך בין שוין אַ גרויסער, אַז איך וועל זיך שוין מער ניט שפּילן מיט זײ, ווי ביז איצט.

ווי גוט איז דאָס צו זײַן אַ גרויסער!

איך געדענק, אַז פאַראַיאָרן בין איך נאָך געווען אַ קלײנער. אַלע אינגלאַך פלעגן דאַן זאָגן: ח פ נ י איז נאָך אַ קלײנער, ער

לערנט נאָך ניט אין אָוונט". דער באהעלפער פלעגט מיך טראָגן אהיים אויף זיינע אַקסלען און פלעגט זאָגן צו מיין מאמען: „ח פ נ י איז נאָך אַ קליין אינגעלע, ער קאָן נאָך ניט גיין צו־פוס איבער דער בלאָטע".

אַ קלייגער! אַ קליינער! אָט דאָס וואָרט האָב איך רק גע־הערט פון אַלע זייטן. אוי, האָב איך געוואָלט זיין שוין אַ גרויסער, לערנען חומש און זיצן אין אָוונט אין חדר!

און איצט בין איך שוין אַ גרויסער! איצט לערן איך שוין חומש און היינט הייב איך שוין אָן צו לערנען אין אָוונט!

אָ, ווי גוט, ווי וואויל!

ז. פייערבערג.

ביים לערנען. לאָלא.

אין אונטע אין חדר.

עס איז געוואָרן טונקל. דער ר ב י איז אַוועקגעגאַנגען דאַוו־נען מ ע ר י ב. די ר ב י'צין איז געגאַנגען קויפן נאַפט און אַ שמועס טאָן אַ ביסל מיט אירע באַקאַנטע. און די באַהעלפערס האָבן אָפּגע־פירט אַהיים די קליינע קינדער, וועלכע לערנען ניט ביינאַכט.

אין שטוב ווערט פינסטער, און עס הערשט אַ טיפע שטיל־קייט. אַלע קינדער האָבן זיך צונויפגעקליבן אין איין ווינקל און טו־ליען זיך איינער צום אַנדערן.

איין אינגל שטייט אין מיטן און דערציילט שטילערהייט און מיט אַן אומעטיק ק ו ל אַ וואונדערבאַרע און שרעקלאַכע מ ע ש ה וועגן מ ת י ם, וועלכע זיינען געקומען ביינאַכט דאַוונען אין דער גרויסער שול אַריין.

די קינדער שטייען מיט אָפענע מיילער: זיי זיינען גרייט צו הערן און הערן אָן אַ ס ו ף. אַ שרעק נעמט אַלעמען אַרום; און די קינדער דריקן זיך נאָך ענגער איינער צום אַנדערן, ווי זיי וואָלטן וועלן צוזאַמען קעמפן געגן יעדער געפאַר.

דער אינגל ענדיקט זיין מ ע ש ה, און אַ צווייטער הייבט אָן צו דערציילן אַ נייע מ ע ש ה וועגן צוועלף ג ז ל נ י ם; נאָכ־דעם דערציילט אַ דריטער אַ מ ע ש ה וועגן דעם קעניג פון די ש ד י ם. און אַ מ ע ש ה גייט נאָך אַ מ ע ש ה. די קינדער ווילן אַריבערשטייגן איינער דעם אַנדערן אין דערציילן די מ ע ש ו ת, וואָס יעדערער פון זיי האָט געהערט.

פלוצלונג קומט די ר ב י'צין און צינדט אָן פייער. אין שטוב ווערט ליכטיק. און מיר, די קינדער, שטייען און רייבן זיך די אויגן, וועלכע טוען וויי פון פלוצלונגדיקן ליכטיק ווערן.

די שרעק איז פאַריבערגעגאַנגען; די פאַנטאַזיעס זיינען פאַרשוואונדן; די מ ע ש ו ת — פאַרגעסן געוואָרן; נאָר די קינ־דער שטייען נאָך אַ ווײַלע אָן באַוועגונג, אָן געדאַנק, אָן ווילן...

נאָר אָט קומט דער ר ב י מיט די באַהעלפערס, און אין שטוב ווערט אַ גערודער. די קינדער שיטן זיך פאַנאַנדער איבער דער גאַנ־

צער שטוב. אייניקע שמועסן צווישן זיך, אָדער קריגן זיך, אַנדערע האָבן געגומען איבערבייַסן מיט דעם ברויט און הערינג, אָדער פוטער, אָדער קעז, אָדער שמאַלץ, וואָס עס איז זיי נאָך איבערגעבליבן פון מיטאָג.

דער ר ב י זעצט זיך בייַם טיש אויבן אָן, און די צוויי באַהעלפערס ביי די זייטן; און די קינדער אַלע זיצן אויף די בענקלאַך אַרום טיש. דעם ר׳בי׳נס קול מישט זיך אוים מיט די קולות פון די באַהעלפערס און מיט די אומעטיקע קול׳כעלאַך פון אַלע קינדער, און אַ טומל און אַ געשריי פילט אָן דעם חדר.

ז. פייערבערג.



דער רבי און דער תלמיד. טרעמבאַטש.

פון חדר בייַנאַכט.

עס הייבט זיך אויף דער ר ב י און נאָך אים די באַהעלפערס. עס ווערט אַ געלויפעריי, אַ גערודער; מיר שטויסן, שטופּן אייִנער דעם אַנדערן, ווילן וואָס גיכער אַרויס פון די ערטער. יעדערער וויל דער ערשטער זיך פון בענקל אַראָפּכאַפּן. די אייגעלאַך

פינקלען און בלישטשען; און ווען ניט דעם ר ב י'נס שטרענגער קוק, וואָלטן מיר פאַר גרויס פרייד געטאַנצט, געשפּרונגען! אַ גאַנצן טאָג איז מען דאָך געזעסן איינגעשפּאַרט און איצט איז מען שוין פריי!

די באַהעלפערס טוען אונז אָן, פאַרוויקלען אין וואַרימע טי־כער, מאַכן צורעכט אויף אונז די היטלאָך און שטעלן אונז אויס ש ו ר ו ת־וויַיז, נאָך דער גאַס נאָך, וואו יעדערער וואוינט. אויף גיך צינדן מיר אָן די לאַמטערנדלאָך און מאַרש מיט אַ ליאַרעם אויף דער גאַס אַרויס. ווער אונז ר ב י, וואָס אונז ח ד ר, — אַלץ פאַר־געסן!

אויף דער גאַס איז קאַלט און פינסטער. עפּעס פייַכטע שטי־קער, וואָס פאַלן פון הימל — און וואָס עס איז שווער אין דער פינס־טער צו דערקענען, צי דאָס איז שניי, צי רעגן — פּאַטשן מיט אַ ווילדן כ ע ס אונז אין די פ נ י מ'ער, אין די פאַרפרוירענע אויערן. אָט פאַר'ג נ ב'ענען זיך עטלאַכע טראָפּנס אַריין דורכ'ן קאַלנער און רינען, לאָזן זיך דאָרט אַרונטער טיף, טיף איבער דער ברוסט. די פיס פירן איצט זייער אַ שווערע מ ל ח מ ה. נאָר מיט וועמען פון אונז אַ שטייגער קער זיך אָן איצט אַזוינע נאַרישקייטן, איצט, ב ע ת דאָס הערצל טאַנצט פאַר ש מ ח ה? לוסטיק שפּרינגען מיר אַרום, שטופּן פון גרויס ליבשאַפט איינער דעם אַנדערן אין דער בלאָטע אַריין און זידלען, און קריגן זיך — אויף קאַטאָוועס.

ביסלאַכוויַיז אָבער ווערט די קאָמפּאַניע אַלץ קלענער, ווייַ־ניקער. וואָס אַ ווייַלע נעמט אַ אינגל אָפּשייד און מיט אַ „הוראַ" און פריידן־געשריי לאָזט ער זיך לויפן צו זיך אין שטוב אַריין. בים־לאַכוויַיז בלייַבט פון דער פריערדיקער פריילאַכקייַט קיין ס י מ ן ניט מער. די געזאַנגען ווערן ווי אָפּגעהאַקט, און איך, ח פ נ י, בלייַב פאַרלאָזן פון מיינע ח ב ר י ם, אייַנער אַליין. דאָס לאַמ־טערנדל באַלייַכט מיר נאָר מייַנע פיר איילן און מאַכט נאָך שוואַר־צער, שרעקלאַכער די פינסטערניש, וואָס אַרום מיר. און איך גיי איינער אַליין... איך מאַך זיך האַרץ, טו זיך אָן אַ כ ו ח, גיי ווי אַן א מ ת'ער ג י ב ו ר און שטעל גרויסע טריט און גיי אַלץ וויַיטער,

וויַיטער... נאָך אַ שמאָל געסל דורכגײַן, נאָך פינף הײַזער... נאָך פיר... נאָך דרײַ... אָט איז שוין אונזער שטוב... דורכ׳ן פענסטער זעט זיך פײַער. — ס׳אַראַ ח י ו ת דאָרט איז צו זײַן! נישטאָ דאָרט פאָר־וואָס מ ו ר א צו האָבען; ניטאָ דאָרט קיין בלאָטע, קיין גליטשיקע סטעזשקעס — און איך, ח פ נ י, וועל דאָרט די ר ג ע טאַקע זײַן!

ז. פייערבערג.

אין ישיבה.

1. אויפ׳ן צוועלפטן יאָר ווער איך אַ ישיבה־בחור.

אויף מאָרגן נאָך פ ס ח האָט די מאַמע אײַנגעבונדן אין אַ פעקעלע מײַנע צוויי העמדער און צוויי פאָר זאָקן, און אין אַ צווייטן פעקעלע אַ ביסל מ צ ה, עטלאַכע געקאָכטע אייער מיט אַ ביסל זאַלץ. מיר צעזעגענען זיך, אויסגעוויינט זיך גוט, און דער טאַטע פירט מיך קיין מינסק לערנען. מיר דאַרפן גיין צופוס אַ וויאָרסט אַכציק. ערשט אויפ׳ן פערטן טאָג זײַנען מיר געקומען צום פעטער לייבען קיין פאַדלאַנקע, צוואַנציק וויאָרסט פון מינסק.

דער פעטער לייבע איז דער מאַמעס אינגסטער ברודער. ער איז אַ רײַכער באַלעבאָס, האַלט אַ גרויסע קרעטשמע אויף דעם וועג, וואָס גייט פון ווילנע קיין מינסק, דערצו האָט ער פיל לאַנד צו באַ־אַרבעטן און האַלט פיל קי און פערד. ער האָט נאָר צוויי מיידלאַך. די עלטערע איז פערצן יאָר אַלט, און דער פעטער וויל מײַן ברודער מ ר ד כ י׳ן פאַר אַן איידעם. מיר דערוויסן דאָ טאַקע דעם ברודער. דער פעטער נעמט אים פון מינסק אויף אַלע י מ י ם ־ ט ו ב י ם.

דער טאַטע איז אַוועק צוריק אַהיים, און מ ר ד כ י נעמט מיך קיין מינסק. ער לערנט אין דער גרעסטער י ש י ב ה, אין בלומקעס קלויז. ער עסט אויך טעג, אָבער ער האָט שטענדיק געגנוג געלט, וואָס דער פעטער לייבע גיט אים. מיך האָט מען אָפּגעגעבן אין אַ קליינער י ש י ב ה, צו ר׳ איסר׳ן. נעכטיקן פלעג איך ביי מ ר ד כ י׳ן. אין דער פרי, נאָכ׳ן אָנבײַסן, גיי איך אַוועק אין דער

ישיבה אויף אַ גאַנצן טאָג. אין מײַן ישיבה האָבן געלערנט מער פון הונדערט און פופציק ישיבה־בחורים, גרויסע און קלײנע. איך בין געווען דער קלענסטער. דער טומל איז פאַר מיר אומערטרעגלאַך; דאָס זיצן אַ גאַנצן טאָג און לערנען גמרא האָט מיר מײַן קאָפּ פאַרדולט, און ניט אײנמאָל האָט געטראָפן, אַז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן איבער דער גמרא. צו לאַנגע שטונדן און צו שווער דאָס לערנען. אַלע טאָג ווײַזט דער ראש־ישיבה, פיל גמרא מען זאָל צוגרײטן ביז מאָרגן, און אויף מאָרגן, ווען עס קומט צום לערנען, ווערט אין דער ישיבה שטיל: דער ראש־ישיבה שטעלט זיך אין מיטן, ער רופט אַרויס אײנעם און הײסט זאָגן. אַלע זיצן און הערן, ווי דער אײנער זאָגט, און דער ראש־ישיבה מאַכט נאָר באַמערקונגען און דערקלערונגען און פאַרריכט, וואו מען פאַרשטײט ניט ריכטיק, און אויב אײנער ווײס ניט די גמרא, האָט ער גרויסע בזיונות.

גאַנץ שווער קומט מיר אָן צוצוגרײטן אַ בלאַט גמרא, ווי מען רופט עס „דאָס לײענען". אַמאָל העלפט מיר אַרויס מרדכי; דאָס קומט אָבער אויס שפּעט בײַ דער נאַכט, ווײַל אין זײַער ישיבה איז אײַנגעפירט, אַז אײנער מוז זיצן און לערנען ביז האַלבע נאַכט און אַ צווײטער פון האַלבע נאַכט ביז טאָג. און אַמאָל, ווען עס קומט אויס מרדכי'ן צו זיצן די צווײטע האַלבע נאַכט, וועקט ער מיך אויף און זעצט זיך לערנען מיט מיר. מײַנע אויגן קלעפּן זיך, איך גענעץ און הער ניט, וואָס איך רײד, ביז ער גיט מיר אַ פּאַטש, אַז פונקען שיטן זיך מיר פון די אויגן.

א. קאַצאָוויטש.

---

2. צרות פון די טעג.

אַלע טעג האָב איך ווײַט פון דער ישיבה, און די מערסטע אין רײַכע הײַזער, וואו מען גיט מיר עסן אין קיך. אײניקע מאָל האָט מיט מיר פּשוט אומגליקן געטראָפן אויף מײַנע טעג.

שבת האָב איך געהאַט אין טאַטערשער גאַס, זײַער ווײַט צו גײן. אײן מאָל צו שלוש־סעודות האָט דער באַלעבאָס

געזאָגט זייער לאַנג זמירות. עס איז געוואָרן וואָלקנדיק, עס האָט געגומען דונערן און בליצן, און ווען מיר האָבן אָפּגעבענשט, איז שוין פינסטערלאַך געווען. איך שטיי אויף פון טיש און וואַרט, פּליצלינג ווערט מען מיר הייסן דאָ נעכטיקן. זיי זאָגן אָבער גאָרניט. איך וויל זיך בעטן נעכטיקן דאָ, נאָר איך שעם זיך. איך זאָג מיט אַ האַלבן מויל: „אַ גוטע וואָך!" און גיי אַרויס פון שטוב. איך פאַנג אָן צו לויפן. אין גאַס זעט מען קיינעם ניט. עס פאַנגט אָן צו גיסן אַ רעגן, טאַקע אַן אמת׳ער מבול. אין איין מינוט בין איך שוין אין גאַנצן נאַס. איך לויף און וויין. יעדער בליץ פאַרבלענדט מיינע אויגן, און באַלד ווערט פינסטער, אַז איך זע ניט וואוהין צו לויפן; און באַלד דערלאַנגט אַ זעץ אַ דונער, אַז איך ווער פאַרציטערט. איך לויף מיט מיינע לעצטע כוחות. נאָר עס גער־דויערט עפּעס צו לאַנג. איך קוק זיך איין און באַמערק, אַז איך האָב ניט קיין הייזער אַרום זיך. איך פאַרשטיי, אַז אין דער פינסטער בין איך געלאָפן ניט אין דעם ריכטיקן וועג. פון ווייטן דערזע איך ליכט פון אַ הויז, לויף איך אַהין און בין געקומען צום בריסקער וואָקזאַל. דאָ בין איך אַריינגעגאַנגען צו אַ אידן. האָבן זיי מיר אויסגעטאָן מיינע נאַסע קליידער, אויסגעדרייט זיי און געלאָזן טריקענען; אָנגעטאָן מיר אַ טרוקן העמד, געגעבן אַ הייס גלאָז טיי און געלייגט שלאָפן.

איין טאָג האָב איך געהאַט ביי אַ נגיד, וואָס וואוינט טיף אין אַ גרויסן הויף צווישן ביימער; און צום גאַס וואוינט אַ פּריץ. אויף אַ קייט שטייט אַ הונט, ווי אַ בער די גרייס. ווען איך גיי דורך דעם הויף, טוט דער הונט אַ שפּרונג און אַ ברום, אַזוי ווי אַ לייב, אַז אין האַרצן רייסט זיך ביי מיר אָפּ. איינמאָל גיי איך עסן וואַרמעס. דער גאַנצער הויף איז פאַרהאַנגען מיט קליידער, וואָס מען לופטערט. איך גיי צווישן די קליידער. פּלוצלונג דערהער איך אַ ברום פון דעם הונט, אַ כאַפּ פאַר׳ן פוס, און איך ליג שוין אויף דער ערד אָן לשון. איך וויל שרייען, נאָר איך קען ניט: צו שטאַרק דערשראָקן זיך. דער הונט שלעפּט מיך אַרויס אין גאַס, און דאָ ערשט פאַנג איך אָן צו שרייען מיט ווילדע קולות. מען נעמט מיך אַריין צו אַ אידן אין הויז. דער פוס איז נאָר אַביסל צעביסן, דערפאַר אָבער זיינען מיינע הייזלאַך צעפּליקט. מען בינדט מיר אַרום מיין וואונד, מען ציט

צונויף מיט אַ פֿאָדים די הײַזלאַך, און איך גײ קוים אַ לעבעדיקער צוריק אין דער ישיבה, ניט קײן געגעסענער. דרײַ טעג האָב איך געקרענקט, און אויף דעם טאָג, וואו דער הונט איז, בין איך מער ניט געגאַנגען עסן; געבליבן אָן אַ טאָג, און דערצו נאָך מיט צעריסענע הויזן.

איך האָב קוים דערלעבט ענדע זומער, ווען מיר זײַנען אַוועקגעפֿאָרן צום פֿעטער לײַבען אויף יום־טוב. אַ גאַנצן טאָג בין איך אין פֿעלד. מען שנײַדט תבואה. איך ברענג קאַלט וואַסער פֿאַר די אַרבעטער, איך העלף צונויפֿטראָגן די גאַרבן תבואה, און איך זיץ אויבן אויף אַ וואָגן מיט תבואה און פֿאָר פֿון פֿעלד אין שײַער.

א. קאצאוויטש.

3. איך דאַרף זיך אַלײן פֿאַרזאָרגן מיט אַלעם.

סוכות איז מײַן ברודער מרדכי געוואָרן אַ חתן פֿאַר דעם פֿעטערס טאָכטער. אויף ווינטער פֿאָרט ער לערנען קײן זאַסלאַוו. דער פֿעטער, דער רײַכער מחותּן, האָט געדונגען פֿאַר אים קעסט און קוואַטיר בײַ דעם רב פֿון שטעטל, און דער רב וועט טאַקע לערנען מיט אים; און מיך פֿירט מען צוריק אין מינסק אין דער.זעלבער ישיבה, וואו איך האָב געלערנט. דער פֿעטער האָט מיר געמאַכט אַ קאַפּאָטע אויף וואַטע און געקויפֿט אַ פֿאַר נײַע שיך און געלאָזן מיר אויף דער הוצאה צוויי גילדן.

איצט האָב איך ערשט דערפֿילט ווי עלנד איך בין. פֿריער האָט מרדכי מיט אַלעם מיך פֿאַרזאָרגט, און איצט מוז איך אַלײן זאָרגן פֿאַר יעדער זאַך. דאָס ערשטע האָב איך אין דער ישיבה פֿאַרכאַפּט אַ פּלאַץ צום שלאָפֿן; און אַזוי ווי איך בין געקומען פֿון די ערשטע, האָב איך פֿאַרכאַפּט אַ טײַערן געלעגער אויף דער באַנק, וואָס שטײט פּונקט לעבן הרובע. און ווי באַלד אַז מען פֿאַרכאַפּט, בלײַבט שוין אַ חזקה פֿאַר אַ גאַנצן זמן, קײנער האָט ניט קײן רעכט צו פֿאַרנעמען דעם פּלאַץ. אויף וואָס צו שלאָפֿן האָב איך אויך: דער פֿעטער האָט מיר געלאָזן אַ זאַק מיט הײ, און

מײַן וואַטאָווע קאַפּאָטע דינט מיר פֿאַר אַ צודעק. אַזוי האָב איך זיך פֿאַרזאָרגט מיט׳ן שלאָפֿן. מיט׳ן עסן אָבער איז מיר ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען.

גלײַך פֿון אָנפֿאַנג האָט מיר געפֿעלט אַ טאָג, און אין גיכן איז מײַנער אַ באַלעבאָס אַרויסגעפֿאָרן פֿון מינסק, בין איך געבליבן אָן אַ צווייטן טאָג, און בײדע טעג, וואָס פֿעלן, זײַנען אויסגעקומען אײנער נאָכ׳ן אַנדערן. דערצו איז אין מינסק אײַנגעפֿירט, אַז אויף די טעג גיט מען ניט קײן אָנבײַסן אין דער פֿרי. מיט אָנבײַסן פֿאַרזאָרגט די ישיבה. מען גיט יעדן אײנעם אַ שטיקל שוואַרץ קאָרן ברויט. זומער האָב איך אָנבײַסן געגעסן בײַ מרדכי׳ן. בײַ זײַ אין בלומקעס קלויז טײַלט מען ניט קײן ברויט. דאָרט לערנען רײַכערע ישיבה־בחורים, קויפֿן זײַ אַלײן ברויט און טאָקע צום ברויט אויך, און דערצו גיט די ישיבה יעדן אין דער פֿרי אַ פֿאַרווײַסטן קרופּניק. אַזוי האָב איך אַרום מרדכי׳ן געהאַט גרויסאַרטיקע אָנבײַסנס און ניט געדאַרפֿט אָנקומען צו מײַן ישיבה נאָכ׳ן שטיקל ברויט. איצט אָבער מוז איך שוין שטופּן זיך גלײַך מיט אַלעמען צו באַקומען דאָס שטיקל ברויט. עס ווערט אַ שטופּעניש און כאַפּעניש אומערטרעגלאַך; איך בין דער קלענסטער און דערצו נאָך אַ ביסל אַ שעמעוודיקער, קומט מיר שטענדיק אָן דער ערגסטער חלק. דאָך האָב איך חלילה קײן הונגער ניט געליטן.

איך האָב געהאַט געלט, ווײַל דער פֿעטער פֿלעגט זײַן אָפֿט אין שטאָט, און צו יעדן מאָל פֿלעגט ער מיר לאָזן אַ גילדן אָדער צוואַנציק קאָפּיקעס, און איך האָב געלעבט מיט אַ רעכענונג. איך האָב געוואוסט, אַז אַ איד דאַרף עסן, אָבער ניט פֿרעסן. אויף די צוויי טעג, וואָס פֿעלן מיר, קויף איך מיר צוויי פֿונט ברויט און פֿאַר אַ קאָפּיקע הערינג, פֿאַר אַ קאָפּיקע קעז, און אַמאָל אַ זויערן אוגעריק. און ווען איך פֿאַרבענק זיך שטאַרק נאָך אַ בולבע, קויף איך אַ פֿאַר בולבעס, באַק זײַ אָפּ און מאַך מיר אַ סעודה כיד־המלך.

עס טרעפֿט אפֿילו אָפֿט, אַז אַ אידענע זאָל אין אָוונט ברענגען אַ טעפּל מיט אַ געקאָכטער זאַך, און די ישיבה־בחורים פֿלעגן דאָס פּשוט צעצוקערן, נאָר איך פֿלעג ניט וועלן צורירן זיך דערצו. מיר שטעלט זיך פֿאָר, אַז דאָס האָט מען

צונויפגעגאָסן פון אַלע טעלער, וואָס עס איז געבליבן פון די קינדער, און ווער ווייס, ווי אַזוי זייערע נעזלאַך זיינען געווען? חברה האָבן דערפאַר מיר אַ נאָמען געגעבן „דער פריץ“.

אויסער דעם עסן האָב איך נאָך געמוזט אויסגעבן אויף באָד־געלט יעדע וואָך, אָבער מער האָב איך ניט אויסגעגעבן. ווען מיר האָט זיך זייער פאַרוואָלט קויפן אַ שיין סידור'ל, האָב איך אַ פּאָר וואָכן געגעסן טרוקן ברויט, ניט פאַרגונען זיך קויפן כאָטש פאַר אַ גראָשן הערינג, ביז איך האָב אָנגעקליבן געלט און געקויפט אַ סידור'ל פאַר אַ גאַנצן גילדן. דאָס איז שוין איין מאָל געווען אַ סידור'ל! איך האָב זיך זאַט ניט געקענט אָנקוקן אויף זיינע שיינע בלויע טאָוועלאַך מיט די גילדערנע ווערטער.

מיט מיין שלאָפן און עסן בין איך געווען צופרידן, דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט גרויסע צרות פון מיין לערנען. מען לערנט אין דער גמרא וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס איך פאַרשטיי ניט; און די גמרא איז אין פילע פלעצער זייער שווער, און צו־גרייטן דאָס לייענען מוז איך אַליין; ניט ווייסן און האָבן בזיונות ווילט זיך ניט; גיי איך אַרום פון איין ישיבה־בחור צום צווייטן און בעט, אַז מען זאָל מיר דערקלערן, וואָס די גמרא זאָגט. נאָר אַממייסטן מאַטער איך זיך אַליין, ביז דער קאָפּ פאַנגט אָן צו שווינדלען, און פילע מאָל טרעפט, אַז איך פאַנג אָן צו וויינען. דערפאַר אָבער פיל איך אַ שטאַרקע צופרידנהייט, ווען דער ראש־ישיבה רופט מיך צו, און איך שטעל זיך אויף די שפּיץ פינגער צו דערלאַנגען דעם סטענדער, און פאַנג מיר אָן צו זאָגן די גמרא גלייך ווי אַלע גרויסע, און אַלע הערן און קוקן אויף דעם קליינעם „ווילק“.

א. קאַצאָוויטש.

---

4. אָן הויזן אין אַ פראָסט.

דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען גאַנץ נאָרמאַל. יעדן פאַרטאָג, פינף אַ זייגער, וועקט מען. מען מוז אויפשטיין לערנען. אויב מען

וויל ניט אויפשטײַן, שלעפט מען אַראָפּ פֿאַר די פּיס. מען לערנט ג מ ר א ביז פּופצן שטונדן אין מ ע ת ־ ל ע ת, און קײנער באַקלאָגט זיך ניט, ווײַל אַ איד דאַרף דאָך לערנען ת ו ר ה, צוליב וואָס דען האָט מען אונז אַ ת ו ר ה געגעבן? נײַן אַ זײגער אין אָוונט, ווען מען הערט אויף צו לערנען, קלײַבן זיך רעדלאַך און מען רעדט. די גרעסערע באַזונדער און די קלענערע באַזונדער. צווישן די קלענערע ח ב ר ה פֿאַרנעם איך אַ באַדײַטנדן פּלאַץ, ווײַל איך דערצײל שײנע מ ע ש ו ת, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט פֿון דעם טאַטן, אָדער געלײענט אין ביכלאַך.

דאָנערשטאַג אָוונט קלײַבן מיר זיך צונויף אַ גאַנצע ח ב ר ה און מען גײט צוזאַמען אין באָד, און דאָרט וואַש איך מײַן העמד און דעם א ר ב ע ־ כ נ פ ו ת. דאָס גײן אין באָד און דאָס זײַן דאָרט איז פֿאַר אונז געווען אַן אָפּרו און אַ פֿאַרגעניגן. נאָר אײנמאָל האָט מיט מיר אין באָד אַן אומגליק געטראָפֿן. ווען מיר זײַנען געווען אין באָד, זײַנען אַרײַנגעקומען אַ ס ך סאָלדאַטן מיט אַ געשרײ און פּײַפערײַ און האָבן זיך גלײַך גענומען צו אונז. מען האָט אויף אונז געשפּריצט מיט הײס און מיט קאַלט וואַסער, און זײ האָבן אונז גערופֿן מיט מ י א ו ס'ע נעמען. מיר שווײַגן. וואָס קען מען טאָן? מיר באַשליסן צו פֿאַרלאָזן די באָד. מען טוט זיך אָן, ערשט אַ גרויס אומגליק: מײַנע הײזלאַך זײַנען ניטאָ! איך לויף אַרום, איך זוך, און וויין; נאָר זוך הײַנט, זוך מאָרגן, די הײזלאַך זײַנען ניטאָ. דאָס האָט געוויס אַ סאָלדאַט צוגע'ג נ ב'עט.

דער ס ו ף איז געווען, אַז איך האָב געמוזט לויפֿן אין דער י ש י ב ה אָן הויזן. דער ווינט צעבלאָזט אַלע ווײַלע די פּאָלעס פֿון מײַן קאַפּאָטע, און דער פֿראָסט טוט אַ כאַפּ די נאַקעטע פּיס, אַז אין האַרצן פֿאַרקוועטשט. קוים אַ לעבעדיקער אַרײַנגעפֿאַלן אין דער י ש י ב ה. אַ נ ס, וואָס אַ גרויסער י ש י ב ה ־ ב ח ו ר האָט געהאַט אַ צעריסענע פּאָר הויזן, וועלכע איך האָב אַ ביסל פֿאַרריכט און געטראָגן זײ, ביז דער פֿעטער לײבע איז געקומען אין שטאָט און געקויפֿט מיר אַ פּאָר הויזקעס און דערבײַ געזאָגט מיר אַכצן מאָל: „שלימאַזל, צו דיר קלעפּט זיך אַלצדינג!“

א. קאַצאָוויטש.

צווישן קינדער.

לאָלאַ טראַכטער.

1.

אַזוי פרײַ ווי דער ווינט, וואָס האָט ניט קײן מאַמען, זײַנען אַרומגעלאָפן דרײַ אינגלאַך איבער די בראָנקסער גאַסן און געזוכט וואָס צו צעשטערן. האָבן זײ געטראָפן אונטער די פיס עפּעס אַ קעסטל אָדער אַ ליידיק פלעשל, האָבן זײ עס געבריקעט מיט די פיס, ביז די אָרימע כ ל י איז צעפאַלן געוואָרן אויף שטיקלאַך. אָבער זײער באַגער נאָך צעשטערונג איז געבליבן ניט באַפרידיקט, און זײ האָבן ווידער געזוכט עפּעס אַ שטאַרקע גאַנצע זאַך, וואָס זאָל זיך ניט לאָזן צעברעכן, און וואָס זאָל קרעכצען און קנאַקן אונטער זײערע הענט, ביז וואַנען עס וועט פאַלן אין קאַמף הילפלאָז און צעשטערט.

האָבן די אינגלאַך געטראָפן אַ ליידיקע מילך-קאַן, האָבן זײ זיך אַלע דרײַ אַ לאָז געטאָן צו איר, און געמוטשעט די כ ל י, ביז איר אײַנגעטימער האָט דערהערט אירע געשרײען, און איז אַרויס-געלאָפן, געראַטעוועט די מילך-קאַן און צעטריבן די אינגלאַך.

זײַנען זײ זיך ווײַטער געגאַנגען, און דער צופאַל האָט זײ צוגעשיקט אַ גוט שטיקל פ ר נ ס ה.

לעבן אַ שפּײַז-קראָם זײַנען געשטאַנען דרײַ קעסטלאַך פון ווײַס האָלץ, אָנגעפילט מיט פּאַק-שטרוי. האָבן זיך די אינגלאַך אַ לאָז געטאָן צו די קעסטלאַך, און יעדערער האָט געכאַפּט זײַן ק ר ב ן און איז מיט אים אַנטלאָפן ווײַטער אין גאַס.

פונקט דאַן איז דורכגעגאַנגען אין גאַס אַ אינגל פון אַ יאָר

צען, וואָס האָט געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און די אויגן צו דער ברייטער וועלט. דאָס אינגל האָט געהייסן לאָלאַ; אָבער זיין מאַמעס לאַנדסלייט, וועמען עס האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער רעדט ניט צו זיי, האָבן אים גערופן „טראַכטער“, און די אינגלאַך אין גאַס האָבן אים גערופן „לאָלאַ-טראַכטער“.

לאָלאַ האָט ליב געהאַט ניט נאָר צו טראַכטן; ער האָט אויך ליב געהאַט גוטע, שיינע און נוצלאַכע זאַכן. אַז ער האָט געקראָגן אַ שטיקל האָלץ, האָט ער געאַרבעט איבער דעם מיט זיין מעסערל, ביז וואַנען ס'איז אַרויס דערפון אַ פייפעלע, אָדער אַ פידעלע, אָדער גאָר אַ וועגעלע. עפּעס האָט געמוזט דערפון ווערן, וואָס ס'איז פריער ניט געווען, ווייל לאָלאַ-טראַכטער האָט געוואָלט זיין שיין געפיל פון באַשאַפן אַריינגעבן אין וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. אַליין ניט ווּיסנדיק, האָט ער ליב געהאַט די וועלט, און ער האָט ניט געקאָנט פאַר־טראָגן, אַז מען צעשטערט עפּעס. „גאָר ניט ווי אַ אינגל“, האָט זיין מאַמע געזאָגט אויף אים. און לאָלאַ האָט געטראַכט, אַז ער'ט בע־סער זיין ווי אַ מיידל, איידער ער זאָל ווי אַ ווילדער אַלץ צעשטערן, ווי אינגלאַך טוען.

דערפאַר, אַז לאָלאַ האָט דערזען, ווי די דריי ווילדע אינגלאַך לויפן מיט די קעסטלאַך, האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז די קעסט־לאַך שרייען צו אים און בעטן, ער זאָל זיי ראַטעווען פון מערדע־רישע הענט. און לאָלאַ האָט געטראַכט, אַז ער וואָלט געקאָנט מאַכן זייער שיינע זאַכן פון אַזעלכע ווייסע לויטערע קעסטלאַך, און זיי וועלן עס צעשטערן אָן שכל און אָן רחמנות, ווי ווילדע חיות. נאָר גיי הייב זיך אָן מיט אַזעלכע אינגלאַך; זיי וועלן אים געבן מיט די קעסטלאַך איבער'ן קאָפּ, אַז ער וועט זיך אַריינמישן.

2.

איז לאָלאַ געשטאַנען פון דער וויטן און צוגעקוקט מיט וויטיק אין האַרצן, ווי מען צעברעכט איין קעסטל נאָכ'ן אַנדערן, און אָט — דאָס לעצטע קעסטל האָבן זיי אַ כאַפּ געטאָן. מער האָט ער שוין ניט געקאָנט אויסהאַלטן. ער איז צו צו די אינגלאַך און

גענומען פאַרהאַנדלען מיט זײַ וועגן דעם קעסטל; צי זײַ וועלן עס אים אָוועקגעבן פאַר אַן אויסגעשניצט מענשעלע, וואָס ער האָט בײַ זיך.

די אינגלאַך האָבן דערוויַיל איבערגעלאָזט זייער צעשטע־רונגס־אַרבעט און זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם האַנדל.

— לאָמיר זען, וואָס אַזוינס פאַר אַ מענשעלע דו האָסט. — האָט אײנער פון די אינגלאַך געזאָגט.

לאַלאַ האָט זײַ געוויזן דאָס מענשעלע, און אַלע דרײַ אינגלאַך האָבן עס גענומען באַטראַכטן מיט אינטערעס.



— וואו האָסטו דאָס גענומען? — האָט אײן אינגל געפרעגט.

— איך האָב דאָס אַלײן געמאַכט. — האָט לאַלאַ געענטפערט.

— אַלײן געמאַכט! — האָט זיך דער אינגל געוואונדערט.

— איך מאַך אַלע מײַנע צאַצקעס אַלײן. — האָט לאַלאַ געזאָגט, ניט צו באַרימען זיך, נאָר צו איבערצײַגן, אַז דאָס מענשעלע איז זײַן אַרבעט.

— ווער האָט דיך געלערנט? — האָט אַ אינגל געוואָלט וויסן.

— איך האָב זיך אַלײן אויסגעלערנט; איך האָב ליב צו שניצן. ס'איז אַ שײנע שפּיל; מען זעט פאַר די אויגן, ווי פון אַ שטיקל האָלץ ווערט עפּעס אַ שײנע זאַך.

— לערן מיך אויך אויס. — האָט דער אינגל געבעטן.

— דאָס קאָן מען ניט אויסלערנען קליינערהייט. אז דו וועסט זיין א גרויסער, זאָל דיך דיין טאַטע שיקן אין אַקאַדעמיע. — האָט אים לאַלאַ דערקלערט.

דעם אינגל איז די עצה געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיך באַלד באַרימט, אַז אים וועט מען זיכער שיקן אין אַקאַדעמיע און ער'ט ווערן אַ וועלט-באַרימטער סקולפּטאָר.

— איך אויך! — האָט נאָך אַ אינגל געזאָגט. און באַלד נאָך אים האָט דער דריטער אינגל אויסגעשריען: איך אויך!

האָט לאַלאַ גענומען פאַרהאַנדלען מיט די אינגלאַך וועגן קעסטל, און דאָס געשעפט איז באַלד געמאַכט געוואָרן: די אינגלאַך האָבן געקראָגן דאָס מענשעלע און לאַלאַ — דאָס קעסטל.

אז לאַלאַ איז שוין אַוועק מיט'ן קעסטל, האָבן זיך די אינגלאַך ערשט אַרומגעזען, אַז יעדערער פון זיי וויל דאָס מענשעלע, און מען קאָן זיך עס ניט צעטיילן אויף אַ פיינעם אופן. האָבן זיי זיך גענומען זידלען, און ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז מ'זאָל זיך צעשלאָגן. האָט דער אינגל, וואָס האָט געהאַלטן לאַלאַס קונסטווערק, אַ וואָרף געטאָן עס אָן דער ערד און אַ זעץ געטאָן אויף דעם מיט'ן פוס; און ס'איז געבליבן אויף דער ערד אַ הייפעלע קליינע שטיקלאַך האָלץ. דאָס האָט שוין קיינער ניט געוואָלט. זיינען זיי אַוועק, שיקנדיק קללות גלאַט אין דער וועלט אַריין.

3.

אז לאַלאַ איז געקומען אַהיים מיט'ן קעסטל, האָט ער עס באַטראַכט מיט ליבע און געזען, אַז דאָס האָלץ איז ווייך און מען קאָן דערפון מאַכן וואָס מען וויל. איז די פראַגע — וואָס מאַכט מען דערפון? האָט ער זיך אַוועקגעזעצט טראַכטן און אויסגעטראַכט צו מאַכן דערפון אַ וועגעלע פאַר זיין שוועסטערל. און ער האָט שוין געזען אין זיין פאַנטאַזיע, ווי זיין שוועסטערל וועט זיך דאָס פרייען, ווען זי וועט דערזען דאָס וועגעלע. און ער וועט טאַקע אָנטאָן אויף דעם אמת'דיקע רעדלאַך פון זיין שוועסטערלס אַלטן וועגעלע, און ס'וועט פאָרן. וועט ער זי אַריינזעצן אין נייעם וועגעלע און זי פירן.

פֿאַר גרויס פֿרייד האָט ער זיך איבערגעקוליעט און זיך באַלד גע־
נומען צו דער אַרבעט.

אַז לאָלאַ האָט אַרויסגענומען דאָס פּאַק־שטרוי פֿון קעסטל,
האָט עפּעס אַ בלישטשע געטאָן אויפֿ'ן דעק פֿון קעסטל.

„וואָס איז דאָס“? — האָט זיך לאָלאַ אַזש דערשראָקן פֿאַר
פֿרייד. און ער האָט זיך אײַנגעבויגן און אַרויסגענומען פֿון קעסטל
אַ גאָלדענעם רינג מיט אַ סאַפּיר־שטיין.

לאָלאַ האָט אויסגעשריען פֿאַר פֿרייד און איז געלאָפֿן אין קיך
צו זײַן מאַמען באַווײַזן, וואָס ער האָט געפֿונען.

— וואו האָסטו דאָס גענומען, מײַן קינד? — האָט די מאַמע
געפֿרעגט, באַטראַכטנדיק דעם ווערטפֿולן רינג. האָט איר לאָלאַ
דערציילט, ווי אַזוי ער האָט עס געפֿונען. די מאַמע האָט געוואָלט
באַהאַלטן דעם רינג. אָבער לאָלאַ האָט זי געבעטן:

ניין, מאַמע, דו טראָג אים בעסער אויף דײַן פֿינגער; ער איז
אַזוי שיין! ער גלאַנצט אַזוי פֿײַן, אַזוי פֿײַן!

די מאַמע האָט אָנגעטאָן דעם רינג אויף איינעם פֿון אירע
ווײַסע, לאַנגע פֿינגער און אַרומגעכאַפּט לאָלאַן מיט גרויס ליבע.

אַז לאָלאַ האָט פֿאַרטיק געמאַכט דאָס וועגעלע און געפֿירט



אין אים זײַן שוועסטערל, איז מיט זיי מיטגעגאַנגען זײַן מאַמע, און
דער רינג אויף איר פֿינגער האָט געגלאַנצט און געבעטן לאָלאַן:

„קוק אויף מיר, קוק אויף מיר!“ און וואָס מער לאַלאַ האָט אויף איִם געקוקט, אַלץ בעסער, אַלץ פריילאַכער איז אים געוואָרן, און אים האָט זיך געוואָלט טאַנצן, שפרינגען, קוליען זיך.

ל. קאָפּילאָוויטש.

איִאמאַ.

א.

געשען איז דאָס אין ברוקלין.

עס איז געווען נאַכט. אין אַ וואָרים ליכטיק צימער זיינען געזעסן די קינדער. ווילי, אַ אינגעלע פון אַ יאָר אַכט, האָט געבויט אַ הײַזעלע פון אַלטע קאַרטן; העלען, אַ מײדעלע פון אַ יאָר פינף, האָט זיך געשפּילט מיט איר ליאַלקע — אַ שיינע קוקלע מיט בלאָנדע, אַ ביסל שוין שמוציקע האָר און מיט גרויסע בלויע אויגן, — וועלכע מען האָט גערופן פּרינצעסע. זי, די פּרינצעסע, איז געווען אײַנגעוויקלט אין אַ שיינער קאָלדרע, געמאַכט פון שיינע קאָלירטע זייד. און העלען האָט איר גאַנץ ערנסט געראָטן צו גיין שלאָפן, וואָרים עס איז שוין געווען אַכט אַ זייגער. דער עלטערער ברודער, דייוו, איז געזעסן און האָט געלעזן אַ בוך. און די מאַמע האָט עפּעס גענייט.

פּלוצלונג האָט עמיצער אַ קלאַפּ געגעבן מיט דער דרויסנדיקער טיר, און אַלע האָבן דערהערט, ווי עני, אַ מײדעלע פון אַ יאָר זיבן, שרייט מיט גרויס שמחה: „מאַמע, זע, וואָס איך האָב געבראַכט! זע, מאַמע טײַערע!“

אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע פּלעצער, און אין שטוב איז אַרײַנגעלאָפן עני מיט פאַרפלאַמטע בעקעלאַך. אין די הענט האָט זי געהאַלטן אַ קליין שוואַרץ הינטעלע מיט גלאַטע האָר, ווי סאַמעט, און מיט אַ פּאָר שיינע, קלוגע אויגן. ווילי האָט געגעבן אַ שפּרונג און האָט איבערגעקערט זײַן קאָרטן-הויז. העלען האָט שוין פאַרגעסן איר געליבטע פּרינצעסע און האָט געטאַנצט לעבן הינטעלע מיט פרייד. די מאַמע האָט אָבער געמאַכט אַ בייזן פּנים

און געהייזן באַלד דאָס הינטל אַוועקטראָגן צוריק: עס איז דאָ געגוג צו ראַמען און צו אַרבעטן אָן אַ הינטל אין שטוב.

ענני האָט אָנגעהויבן בעטן, העלען האָט זיך צעוויינט, ווילי האָט צוגעזאָגט אַליין אַכטונג געבן אויפ'ן נייעם פריינד, און די גוטע מאַמע האָט ענדלאַך ניט געקאָנט אָנטזאָגן. — דאָס הינטעלע איז געבליבן אין שטוב.

שפּעטער ווי אַלע מאָל זיינען אין דער נאַכט די קינדער געגאַנגען שלאָפן. מען האָט דעם גאַסט געקעמט, געוואַשן, געגעבן מילך, געגעבן צוקער, געשפּילט זיך מיט אים, געטראָגן אים אויף די הענט, געקושט, געקוואַלן פון זיינע חכמות און געקריגט זיך איבער אים.

ענדלאַך האָט מען אים אָנגעהויבן צוקלייבן אַ נאָמען. העלען האָט פאָרגעלייגט: „פּרינץ“. דער קליינער מיוחס איז געלעגן אויף דער זיידענער קאָלדרע לעבן דער פּרינצעסע. ווילי האָט געזאָגט: „קוראָפּאַטקין!“ דער גאַסט האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. ענני האָט אַ געשריי געטאָן: „אָיאַמאַ!“ דאָ האָט זיך דער שטיפער אַ כאַפּ געטאָן פון אָרט, געגעבן אַ שלעפּ מיט זיינע קליינע ציינדלאַך דעם זיידענעם צודעק און האָט אָנגעהויבן מאַכן קונצן. העלען האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן לאַכנדיק. ווילי האָט געטופּעט מיט די פיס פון פרייד, און ענני האָט געפּאַטשט: בראַוואָ! און אַלע האָבן געשריען: אָיאַמאַ! אָיאַמאַ! אָיאַמאַ!

דער זייגער שלאָגט ניין. אָיאַמאַ שלאָפט ווי אַ פּרינץ אויף דער זיידענער קאָלדרע. די פּרינצעסע קוקט אויף אים מיט אירע צוויי קאָלטע גלעזערנע אויגן. און די קינדער זאָגן שטיל: „אַ גוטע נאַכט, אָיאַמאַ, אַ גוטע נאַכט!“

ב.

עס איז אַוועק דריי וואָכן.

אָיאַמאַ לעבט אין נחת און אין פריידן. עס איז אים וואַרים און גוט. ער עסט פון דאָס בעסטע און טרינקט פון דאָס שענסטע. ער איז געוואָרען פעט און קיילאַכדיק. ער האָט ניט קיין זאָרג און איז אַ

גוטער ברודער מיט אַלע קינדער, און איז זייער ליבלינג.

נאָר די מאַמע איז מיט אַיאַמאַן ניט צופרידן. ער פּלאָנטערט זיך איר אונטער די פיס, כאַפּט זיך אָן מיט די ציין און שלעפּט זיך נאָך, ווען עס ליגט גאָר ניט אין זינען מיט אים צו שטיפן. ער שלעפּט דאָס טישטוך אַראָפּ פון טיש און ברעכט גלעזער און שאָלן.

איינמאָל ביינאַכט זאָגט די מאַמע צום עלטערן זון: „דייווי, נעם די קאַר און פאַרפיר אַיאַמאַן אַזוי וויַט, אַז ער זאָל ניט קענען קומען צוריק."

עני בעט, ווילי ט ע נ ה'ט, העלען וויינט — עס העלפט קיין זאַך ניט. דייווי טוט אָן זיין אויבער-ראָק, וויקלט איַין אַיאַמאַן אין אַ שוואַרצן טיכל און גייט... אַיאַמאַ פילט קיין זאַך ניט, פריילאַך און זאָרגלאָז שפּילט ער זיך מיט זיין אַלטן באַקאַנטן דייווין.

די קינדער זעען, אַז די מאַמע האַלט זיך ביי איר וואָרט, און אַז די שטונדע פון צעשיידן זיך איז געקומען, זיצן זיי שטיל און טרויעריק און באַטראַכטן זייער געליבטן אַיאַמאַן צום לעצטן מאָל. ווען אָבער דייווי גייט אַרויס, און די טיר גיט אַ קלאַפּ נאָך אים, צעוויינט זיך עני אויפ'ן ק ו ל, ווילי מאַכט אַ בייז פּ נ י ם, און העלען דריקט צו זיך די פּרינצעסע, און פון איר אויג פאַלט אַראָפּ אַ גרויסע, קלאָרע טרער.

ג.

„איסטערן פּאַרקוועי" האָט זיך גערופן די גאַס, אויף וועלכער דייווי האָט אַרויסגעוואָרפן אַיאַמאַן און איז אַנטלאָפן. עס איז אַ ברייטע גאַס מיט גרויסע ביימער פון ביידע זייטן, און אין מיטן שטייט אויף אַ הויכן פונדאַמענט אַ מאָנומענט פון גענעראַל סלאָקום: אַ באַגולטער גענעראַל אויף אַ באַגולט פערד.

עס איז געווען אַ פינסטערע קאַלטע נאַכט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן, און שווערע שוואַרצע וואָלקנס האָבן באַדעקט די הימ-לען. אַיאַמאַ איז געבליבן אַליין... אַ דערשראָקענער, אַ דערפראָרע-נער איז ער געלאָפן אין אַלע זייטן. ער האָט אָנגעשמעקט דייווים טריט און האָט זיך געלאָזט לויפן. ווען ער האָט זיך אָבער איבער-צייגט, אַז אַלע זיינע האָפנונגען זיינען אומזיסטע, האָט ער אָנגע-

הויבן וויינען אזוי ווי א קינד. נאכדעם האט ער באשלאסן צו זוכן זיך נייע פריינד; און ווער עס פלעגט פלעגט פארבייגיין, פלעגט ער נאכלויפן, וויינען און בעטן. אבער ער האט עטלאכע מאל געקראגן א בריק מיט'ן פוס.

לאנג האט איאמא אומגעוואנדערט אין דער פינסטער. ענדלאך, א פארפרוירענער, א הונגעריקער, א דערשראקענער איז ער צוגעקראכן צו די טרעפ, אויף וועלכע עס איז געשטאנען דער באגולטער גענעראל מיט'ן פערד, האט אנידערגעלייגט זיין קעפל אויפ'ן קאלטן שטיין און צוגעמאכט זיינע אויגן. זיין יונג קערפערל האט יעדע ווייליע געגעבן א ציטער, און זיינע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן.

שפעט ביינאכט איז א ש י כ ו ר'ער טרעמפ געגאנגען מיט איסטערן פארקוועי צו פראספעקט פארק, וואו ער האט געהאפט צו געפינען פאר זיך א ליידיקע באנק צו שלאפן. זיינע קליידער זיינען געווען אלט און צעריסן, זיינע שטיוול אויסגעטראטן, און ער האט געציטערט פאר קעלט.

לעבן גענעראלס מאנומענט האט ער זיך אפגעשטעלט, האט זיך אנגעבויגן און באמערקט דעם עלנדן איאמאן. ער האט זיך אראפגעלאזן צו אים, האט אים צוגעדריקט צו זיך, און איז געבליבן שטיל אויף די טרעפ פון דעם מאנומענט.

די ביימער האבן גערוישט. דער שטארקער ווינט האט דורכגעריסן די וואלקנס, און די ל ב נ ה האט באלויכטן די ביידע היימלאזע ארויסגעווארפענע טרעמפס, וועלכע האבן געשלאפן אונטער דעם באגולטן מאנומענט מיט א שווערן אומרואיקן שלאף...

י. גארדין.

די צוויי ברידערלאַך.

א.

א. רייזען.

יאַנקעלע און בערעלע — צוויי ברידערלאַך, דער ערשטער פערצן יאָר אַלט, דער צווייטער — זעכצן, — האָבן געלערנט אין דער גרויסער שטאָט, פינף מייל פון זייער געבורט־שטעטל.

יאַנקעלע איז געווען אַ דאַרינקער, אַ בלייכינקער מיט צוויי שוואַרצע אייגעלאַך, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט כיטרע פון אונטער די צוויי שוואַרצע ברעמען. בערעלע איז געווען העכער און פולער פאַר יאַנקעלען, אויגן האָט ער געהאַט העלערע, און זיין קוק איז געווען שטרענגער און פאַרטראַכטער.

די צוויי ברידערלאַך האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי אַן אָרימער ק ר ו ב ה, אַן א ל מ נ ה, אַ טענדלערן, וואָס האָט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט אין שטיבל ניט געפונען. קיין בעט האָבן די צוויי ברידערלאַך ניט געהאַט; דערפאַר אָבער האָט דער קופערט, וואָס איז גענוג ברייט געווען, געדינט זיי פאַר אַ בעט, און די צוויי ברידערלאַך פלעגן ביידע געשמאַק שלאָפן אויף אים, איינדעקנדיק זיך מיט זייערע לאַנגע צעריסענע קאַפּאָטקעלאַך, און פלעגן אין ח ל ו ם זען זייער שטעטעלע, זייער געסל, דאָס שטיבעלע און דעם טאַטן מיט דער לאַנגער באָרד, מיט די אויסגעלאָשענע אויגן, מיט'ן געבויגענעם רוקן, און פלעגן זען די מאַמען מיט'ן לאַנגן בלייכן אומעטיקן פּ נ י ם, און פלעגן הערן, ווי די קליינע ברידערלאַך און שוועסטערלאַך קריגן זיך, רייסנדיק זיך פאַר אַ שטיקל הערינג... און נאָך פלעגט זיך זיי ח ל ו מ'ען ח ל ו מ ו ת פון דער היים, און אין דער פרי פלעגן זיי בענקען און עס פלעגט זיי ציען, ציען; און דאַמאָלסט פלעגן

זײ לויפן אויף דער א כ ס נ י א, וואו די ב ע ל י־ע ג ל ו ת פון זײער הײם פלעגן פאַרפאָרן, נאָכפרעגן בײַ זײ אַ גרוס, צי אַ בריוועלע פון דער הײם...

די ב ע ל י ־ ע ג ל ו ת זײַנען א פ י ל ו געווען גוטע אידן, האָבן געהאַט ווײכע הערצער און וואָלטן אַ ו ו ד א י ר ח מ נ ו ת געהאַט אויף די צוויי אָרימע אינגלאַך, וואָס גאַרן אַזוי עפּעס הערן פון דער הײם, וואָס זײערע אײגעלאַך ברענען און זײערע הערצעלאַך קלאַפּן אַזוי שטאַרק, אַזוי שטאַרק. זײַנען אָבער די ב ע ל י ־ ע ג ל ו ת געווען שטאַרק פאַרנומען: קומען פלעגן זײ אַהער מיט טויזנטער ש ל י ח ו ת פון די שטעטלשע קרעמער און ס ו ח ר י ם, און בריף האָבן זײ געהאַט מער פאַר דער פּאָסט, און די אָרדענונג איז בײַ זײ געווען אַ ס ך ווײניקער ווי אין פּאָסט. בריף פלעגן בײַ זײ פאַרלעגן ווערן, פּאָסילקעס פלעגן בײַ זײ פאַר־פאַלן ווערן; און צעטומלט, קראַצנדיק זיך אין די פּאַטיליצעס, פלעגן זײ יעדערן ענטפערן:

— אָט באַלד, באַלד געפין איך... נײן... דאַכט זיך, פאַר אײַך האָב איך גאָרנישט...

אַזוי פלעגן זײ ענטפערן גרויסע אידן, וואָס פלעגן קומען צו זײ; די ברידערלאַך אָבער פלעגן שטײן און שטײן, קוקן מיט דאָר־שטיקע אויגן און מיט די צעקלעמטע הערצער אויף לײזער ב ע ל־ע ג ל ה — אַ באַוואַקסענעם אידן, אין אַ קורצן וואַטאָוון קאַפּטן סײַ זומער, סײַ ווינטער — און פלעגן וואַרטן, טאָמער וועט ער זײ באַ־מערקן און זאָגן זײ עפּעס, כאָטש אַ וואָרט... נאָר לײזער איז געווען פאַרהאַוועט: דאָ האָט ער אויפ'ן הויף דעם פערד עסן געגעבן; דאָ פלעגט ער אַרײַנלויפן אינווײניק אין א כ ס נ י א; דאָ פלעגט ער זיך פאַנאַנדערעדן מיט אַ פריקאַזטשיק פון אַ גרויסן מאַגאַזין, וואָס האָט אים אַ „ר ש י מ ה“ מיט ס ח ו ר ה געבראַכט אָפּצופירן אין שטעטעלע פאַר אַ קרעמער. און די ברידערלאַך פלעגן אַלץ שטײן... ביז דעם עלטערן ברודערל — בערלען — פלעגט די געדולד פּלאַצן, און אַ פאַרביסענער, שיר ניט פאַנאַנדערװײנענדיק זיך פאַר פאַרדרוס פלעגט ער קוים אויסרעדן:

— איר האָט, ר׳ ליִיזער, אַ בריוועלע פון טאַטן?

נאָר ליִיזער פלעגט אָדער פלוצלונג ניט ווערן, אַנטלויפן אין גאַס אַרײַן מיט וועמען עס איז, אָדער זײַן פאַרטראַגן אין שמועס; און בערעלע פלעגט זיך קוים דערוואַרטן אויף עפּעס אַן ענטפער, וועלכן ליִיזער פלעגט, ניט קוקנדיק בערעלען אין פּנים, קאַלט אַרויסזאָגן:

— ניטאָ... ניטאָ...

— ניטאָ! — פלעגט בערעלע אַרויסקרעכצען און אַ צעקלעמ־טער אַוועקרופן יאַנקעלען, און זיי פלעגן זיך לאָזן גיין אויף זייערע „טעג“, אומעטיקע, דערשלאָגענע...

— ער מוז אוודאי פאַרלירן די בריוו! — פלעגט יאַנ־קעלע נאָך דעם אין עטלאַכע מינוט אַרום אַרויסרעדן גייענדיק.

— אַ שלעכטער איד! — פלעגט בערעלע ברומען פאַרדרים־לאַך...

ב.

נאָר איין מאָל האָט זיי ליִיזער דאָך אַ בריוועלע איבערגעגעבן, און דערצו אַ קלייִנע פּאַסילקע. אין בריוועלע איז געשטאַנען:

„ליבע קינדער, זײַט מענשן און ווילט לערנען. מיר שיקן אײַך דאָ אַ האַלבן קעז און אַ פערטל פונט צוקער און אין גלעזל אַ ביסל יאַגדעס־סאָק. עסט געזונטערהייט און קריגט זיך ניט.

פון מיר אײַער פאָטער חיים העכט“...

דאַמאָלסט איז בײַ זיי אין די אויגן ליִיזער בעל־עגלה געווען דער בעסטער מענש אין דער וועלט. זיי וואָלטן זיך ניט גע־שעמט, וואָלטן זיי אים מיט זײַן פערד און וואָגן פאַר ליבשאַפט אומ־געקושט. זיי האָבן גלײַך אָנגעשריבן אַ בריוול און האָבן עס אויף דער נאַכט בײדע אָפּגעטראָגן ליִיזער בעל־עגלה. ליִיזער האָט עס קאַלט צוגענומען, אַרײַנגערוקט אין בוזים און עפּעס אַרויסגע־ברומט אַ וואָרט ענלאַך צו „גוט“.

— וואָס האָט ער געזאָגט, בערל? — האָט יאַנקעלע מיט האַרצקלאַפּעניש געפרעגט.

— גוט, דאַכט זיך... — האָט בערל מיט ספקות גענענט־פערט.

— מיר האָט זיך אויך געדאַכט, אַז ער האָט געזאָגט „גוט!“— האָט יאַנקעלע זיך אַליין באַרואיקט. ער האָט אַ זיפץ געטאָן און צוגעגעבן מיט שרעק:

— ער קאָן נאָך דעם בריוו אָנווערן!

— בייִס בעסער אָפּ די צונג! — איז בערעלע אין כעס געוואָרן.

און פאַרקלערט וועגן גורל פון זייער בריוו צו טאַטע־מאַמען, האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אויף זייערע „טעג“, וואָס זיי האָבן געהאַט אין באַזונדערע גאַסן.

אַזוי זייַנען די צוויי ברידערלאַך דרייַ מאָל אַ וואָך, ווען לייזער בעל-עגלה פלעגט קומען צו פאָרן, ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן אויף דער אכסניא, און געפרעגט אַן „ענטפער“ אויף זייער בריוועלע. און לייזער דער בעל-עגלה איז וואָס אַמאָל אַלץ צעטראָגענער, בייזער און ענטפערט זיי אָדער האַלבע ווערטער, וואָס די צוויי ברידערלאַך באַנעמען עס ניט און וואָלטן וועלן איבערפרעגן, ווען זיי וואָלטן קיין מורא ניט געהאַט, אָדער ער ענטפערט זיי גאָר ניט, און זיי גייען אַוועק מיט צעקלעמטע הערצער...

איינמאָל אָבער האָבן זיי דערהערט פון לייזער דעם בעל-עגלה גאַנצע ווערטער, וואָס זיי האָבן גוט פאַרשטאַנען:

— וואָס האָט איר זיך, קונדסים, צוגעטשעפּעט? וואָס דולט איר מיר אַ קאָפּ: בריוול, שמיוול!... איר צאָלט מיר אַ סך?... איך בין אייַערער אַ פּאָסטאַליאָן? וואָס? גייט אייַך געזונטערהייט...

די צוויי ברידערלאַך זייַנען טאַקע אַוועקגעגאַנגען, אָבער ניט געזונטערהייט, ווי ער האָט זיי געהייסן. די הערצעלאַך האָבן זיי מאָדנע געדריקט, שטאַרק ווייַ געטאָן, און די יונגע דינע פּיס האָבן זיך געבויגן, און טראָפּנס טרערן האָבן זיך זיי אין די אויגן געשטעלט און אַראָפּגערונען אויף דער ערד און צעטראָטן געוואָרן פון מענש־לאַכע שווערע טריט...

און מער זײַנען זײ שוין ניט געגאַנגען צום בעל-עגלה פרעגן אַ בריוו.

— אַ שלעכטער איד! — האָבן די ברידערלאַך געזידלט, כאָטש זײַערע הערצלאַך האָבן עס ניט געמײנט, און זײ האָט געצויגן כאָטש גײן זען לײזער בעל-עגלה, זײַן פערד און װאָגן: זײ זײַנען דאָך פאָרט פון אײן שטעטל, און ליב זײַנען זײ די צװײ ברידערלאַך געװען...

ג.

אײנמאָל, אין אַ פּאָר װאָכן אַרום נאָך דעם, װי דער בעל-עגלה האָט זײ אַזוי פּאַריאָגט, זײַנען די צװײ ברידערלאַך געזעסן בײַ דער אָרימער קרובה אין שטיבל און האָבן גערעדט װעגן דער הײם. דאָס איז געװען אַ זומערדיקער טאָג, פרײַטאָג.

— װאָס קען איצטער טאָן דער טאַטע? — האָט יאַנקעלע אַ זאָג געטאָן, אַרײַנקוקנדיק אין די קלײנע שײַבעלאַך פון די קלײנע פענסטערלאַך.

— ער שנײַדט אװדאי די נעגל. — האָט בערעלע מיט אַן אומעטיק שמײכעלע געענטפערט.

— ער מוז גאָר איצטער צעהאַקן אַ „פיסנאַהע“... — האָט יאַנקעלע זיך פאַרגעשטעלט אין פאַנטאַזיע. — און די מאַמע מוז קעמען כיענעלען, און כיענעלע מוז אװדאי װײנען...

— גענוג צו רעדן נאַרישקײַט. — האָט בערל אים אָפּגעשטעלט. — װאָס קען מען װיסן אונטער די אױגן, װאָס דאַרטן טוט זיך. אפשר איז עמיצער גאָר געשטאָרבן. — האָט ער צום סוף גענומען שרעקן יאַנקעלען.

— גײ, גײ, משוג ע'נער! -- האָט יאַנקעלע איבערגעשלאָגן. — אַז מען שטאַרבט, זאָגט מען דאָך אָן...

— אפשר האָט מען אָנגעזאָגט, און דער בעל-עגלה גיט אונז ניט איבער...

— אַי, גענוג צו פּלוידערן! — האָט שוין יאַנקעלע זיך צעבײזערט אויף אַן אמת...

— שאַ, נאַרעלע, איך לאַך דאָס! — האָט בערל אים באַרו־ איקט. — אַלע לעבן...

יאַנקעלע איז פרייַלאַך געוואָרן און האָט פלוצלונג אַ שפרונג געטאָן אין דער הייך און מיט לוסטיקע אייגעלאַך אויסגעשריען:

— בערל! פאָלג מיך, לאָמיר שיקן גאָר דורך פּאָסט אַ בריוול אהיים.

— ביסט גערעכט! — האָט בערל איינגעשטימט. — איך האָב אָבער קיין געלט ניט.

— איך האָב אַ פירער! — האָט יאַנקעלע אויסגערופן מיט פרייד.

— און איך האָב אויך אַ קאָפּיקע! — האָט בערל צוגעגעבן.— אַקוראַט אויף אַ קאַרטל.

— ווער וועט אָבער שרייבן? — האָט יאַנקעלע געפרעגט.

— איך. — האָט בערעלע געענטפערט. — איך בין דאָך אַן עלטערער, איך בין דאָך אַ ב כ ו ר...

— איך גיב דאָך אָבער אַ פירער.

— אַ ב כ ו ר איז מער ווערט ווי אַ פירער.

— ווייסט! איך וועל שרייבן אַ האַלבע און דו אַ האַלבע, האַ?

— זאָל זיין אַזוי. קום קויפן אַ קאַרטל!

און די צוויי ברידערלאַך זיינען אַוועקגעלאָפן קויפן אַ קאַרטל אין פּאָסט.

— דאָ וועט זיך גאָר נישט אויסשטעלן! — איז יאַנקעלע ניט געווען צופרידן, באַטראַכטנדיק, צוריקגייענדיק אהיים, דאָס קליינע קאַרטל.

— מיר וועלן שרייבן קליינע א ו ת י ו ת'לאַך, מאַנטשינקע.— האָט בערעלע אַן ע צ ה געגעבן.

— וועט דער טאַטע ניט קענען איבערלייענען...

— נ י ש ק ש ה! ער וועט אָנטאָן די שפּאַקולן!

— נו, קום גיכער! — האָט יאַנקעלע געטריבן.

זיין הערצל איז שוין פול געוואָרן מיט ווערטער, און ער האָט

זײַ געוואָלט שוין גיך אויסגיסן אויף'ן שטיקעלע פּאַפּיר, פאַר װעלכן ער האָט זײַן גאַנצן פאַרמעגן אַוועקגעגעבן...

זײַ זײַנען געקומען אין שטיבל און האָבן זיך גענומען גרייטן צום שרײַבן.

בערל האָט גענומען שרײַבן דער ערשטער, יאַנקעלע איז געשטאַנען און צוגעקוקט.

— הײַב אָן העכער, דאָ קאָן מען שרײַבן א ש ו ר ה. וואָס האָסטו אַזוי ווײַט אַוועקגעשטעלט דעם „טיטל" ! — האָט יאַנקעלע געשריען.

— וואו זאָל איך אים שטעלן ? — אויף'ן הימל — וואָס ? — האָט בערעלע זיך פאַרענטפערט און געטריבן פון זיך יאַנקעלען :

— גײַ אַוועק ! איך וועל פאַר דיר לאָזן א האלבע, טומל מיר ניט...

— שאַ ! שאַ ! — איז יאַנקעלע אָפּגעטראָטן און געקוקט פון דער ווײַט מיט דאָרשטיקע אײַגעלאַך אויף בערעלען, ווי אַזוי יענער זיצט פאַרטיפט און שרײַבט, שרײַבט, קנײַטשט דאָס שטערנדל און טונקט די פען און פאַרטראַכט זיך און שרײַבט ווײַטער.

— גענוג שוין ! — האָט יאַנקעלע אין עטלאַכע מינוט אַרום א געשרײַ געטאָן.

— עס איז נאָך ניט קײַן האלבע. — האָט בערעלע שרײַבנדיק געענטפערט.

— מיר קומט דאָך מער ווי א האלבע ! — האָט יאַנקעלע שוין בייז געשריען. דער ח ש ק צו שרײַבן, אויסגיסן דאָס האַרץ פאַר די הײַמישע האָט אים שוין אינגאַנצן דורכגענומען.

נאָר בערעלע האָט שוין ניט געהערט. ער האָט זיך צום אָנהײַב אַרײַנגעלאָזט אין מ ל י צ ו ת, ווי „ערשטנס, מעלדן מיר, אַז מיר זײַנען געזונט", פּונקט ווי ער האָט אויסגעלערנט אין בריוונשטעלער. דאָס ביסעלע אײַגענע ווערטער איז נאָך אים אין קאָפּ געבליבן : ער דאַרף נאָך פאַר'מ ס ר'ן לײַזער דעם ב ע ל - ע ג ל ה ; ער דאַרף נאָך שרײַבן וויפיל בלאַט ג מ ר א ער האָט אָפּגעלערנט ; ער דאַרף נאָך געבן אָנצוהערעניש, אַז מען זאָל זײַ שיקן עפּעס א

פּאַסילקע, ווײַל עס פעלט זײַ צו מאָנטאָג און מיטוואָך, און דער „דינסטאָג" איז אויך ווי גאָר נישט.

און בערעלע שרײַבט און שרײַבט און יאַנקעלע קען זיך שוין ניט אײַנהאַלטן: ער זעט, ווי בערעלע פאַרנעמט מער ווי אַ האַלבע.

— גענוג! — איז ער צוגעלאָפן מיט אַ געשרײַ און אָנגע־כאַפּט פאַר'ן הענטל פון פעדער.

— נאָך דרײַ ווערטער! — האָט זיך בערעלע געבעטן.

— אָבער געדענק זשע: מער ניט! — האָט יאַנקעלע געשריען און די אײַגעלאַך האָבן אים געפלאַקערט...

און בערעלע האָט זיך גענומען שרײַבן די דרײַ ווערטער. נאָר דער געדאַנק, וועלכן ער האָט געדאַרפט אויסדריקן, האָט געפאָדערט נאָך אַ צען־פופצן ווערטער, און בערעלע, אַ באַגײַסטערטער פון שרײַבן, האָט געפיקט, געפיקט אויפ'ן פּאַפּיר און פאַרנומען נאָך אַ שטיק פון דער אַנדערער העלפט פון קאַרטל.

— דו הערסט אויף! — האָט יאַנקעלע אויסגעשריען און זיך היסטעריש פאַנאַנדערגעווײנט, באַטראַכטנדיק דאָס קלײנע שטיקעלע, וואָס פאַר אים איז געבליבן.

— שאַ, בלויז אונטערשרײַבן זיך... — האָט זיך בערעלע גע־בעטן — מער ניט!...

נאָר יאַנקעלע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט געגעבן אַ גאַנצן פּי־רער, און בערלם וועט מען אין דערהײם לעזן אַזוי פיל, איז ער אַזוי בײז געוואָרן, אַז ער האָט גענומען מיט ווילדקײט רײַסן פון אונטער בערלם הענט דאָס קאַרטל.

— לאָז מיר שטעלן נאָך „פון מיר דײַן זון"! — האָט זיך בערעלע שטאַרקער געבעטן — מער ניט!...

— עס וועט זײַן רעכט אָן דעם... — האָט יאַנקעלע געשריען, כאָטש ער האָט געפילט, אַז „פון מיר דײַן זון" מוז זײַן. דער כעס האָט אין אים אָבער גענומען ברענען, און ער האָט אָנגעהויבן שלעפּן מיט געוואַלד דאָס קאַרטל. בערעלע האָט עס פעסט צוגע־דריקט, נאָר יאַנקעלע האָט אַזאַ שטאַרקן שלעפּ געטאָן, אַז דאָס קאַרטל האָט זיך אויף צווײַען צעריסן.

— וואָס האָסטו געטאָן, ג ז ל ן? — האָט בערל ווילד אויס־געשטעלט זײַנע אויגן אויף יאַנקעלען.

— איך האָב געוואָלט אַזוי! — האָט יאַנקעלע געברומט דורך פאַרשטיקטע טרערן.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט בערל ווײַטער געפרעגט, קוקנ־דיק מיט פאַרצווייפלטע בליקן אויף די צוויי האַלבע צעריסענע שטי־קער פון פאָסט־קאַרטל.

נאָר יאַנקעלע האָט ניט געקענט ענטפערן, די טרערן האָבן אים געוואָרגן, און ער האָט אַ פאַרצווייפלטער אַ פאַל געטאָן צום וואַנט, רײַסנדיק זײַנע האָר... דאָ האָט שוין בערל אויך ניט אויסגע־האַלטן, און דאָס קליינע שטיבל איז פול געוואָרן מיט יאָמער...

א. רייזען.

סעמקע.

י. אפאטאשו.

זונטאַג נאָכמיטאָג איז סעם אַוועק מיט זײַנע ח ב ר י ם אין וואַן־דײַיק וועלדל.

דאָס וועלדל איז באַשטאַנען פון גרויסע צעשפּאָלטענע פעלזן. די פעלזן זײַנען גע־לעגן איינער אויפ'ן אַנדערן, ווי אַ טרעפּ, און מ ש ו פ ע'דיק זיך געהויבן באַרג אַרויף. אויפ'ן סאַמע שפּיץ האָט זיך דער באַרג אָפּ־געריסן, און אַ קליינע וואַנט, וועלכע איז פון אַלטקייט געוועזן באַוואַקסן מיט מאָך, האָט פאַרנומען דאָס אויג.

די אינגלאַך האָבן זיך פאַרקליבן אויפ'ן שפּיץ באַרג, אַרויס־געשלעפּט פון די קעשענעס „זיסע" קאַרטאָפל, וואָס זיי האָבן מיט־געבראַכט פון דער היים, צעלייגט אַ פײַערל און זיי געבראָטן.

סעם איז געזעסן אָן אַ זײַט. ער איז געווען אַן אָפּגעריסן, בלאַס אינגל, מיט מאַטע אויגן, מיט אַ פאַרבויגן נעזל, ווי בײַ אַ פויגל. ער האָט זייער ח ש ק געהאַט אַ שאָר צו טאָן אין פײַער

און זען, צי די קאַרטאָפּל בראָטן זיך. ער האָט זיך אָבער געשראָקן. ער האָט זיך נישט געוואָלט וואַרפן דער ח ב ר ה אין די אויגן, איז געווען צופרידן, וואָס מען האָט אָן אים פאַרגעסן און מען לאָזט אים צורו. ת מ י ד, ווען די ח ב ר י ם האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָבן זיי זיך געטשעפּעט צו סעמען, אָפּגעלאַכט פון אים. זיי האָבן אים קיינמאָל נישט גערופן ביים נאָמען, ת מ י ד אים געגעבן אַ צונאָמען. און סעם, אַ שוואַכער, האָט זיך זעלטן ווען געווערט.

און נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז די ח ב ר י ם זיינען צו ווייט פאַרקראָכן מיט זייערע שטיק! דעמאָלט האָט סעם זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן און מיט אַ געוויין זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין געגנער; האָט יענער זיך צעלאַכט און פאַר קיין פאַל זיך נישט געוואָלט „פיינטן" מיט אים, ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען. דאָס האָט סעמען נאָך מער געקרענקט. אין האַרצן האָט דאָס צוועלף-יעריקע אינגל פיינט געהאַט די גאַנצע וועלט. ער האָט געגלויבט, אַז אַלע האָבן זיך צונויפגערעדט אים צו מוטשען. ער איז געווען זיכער, אַז פון די קלעפּ, וואָס די ח ב ר י ם האָבן אים געגעבן, האָט ער געקראָגן אַ גראָבן קאָפּ, און אין „סקול" קומט אים יעדע זאַך אָן שווער צו באַנעמען.

די קאַרטאָפּל זיינען פאַרטיק געוואָרן. די ח ב ר ה האָבן געוואָרפן די הייסע קאַרטאָפּל פון איין באַק אויף דער צווייטער, געשפּרונגען איבער די פעלזן ווי ח י ה'לאַך, זיך געשטעלט אויף די קעפּ. אַנדערע האָבן זיך אויסגעצויגן אויף די בייכלאַך, אַראָפּגעקוקט פון באַרג און זיך אויסגעפּרובירט, ווער עס קען וויטער שפּייען.

אַ אינגל האָט אָפּגעשטעלט עטלאַכע ח ב ר ה-לייט און זיי געוויזן אויף סעמען:

— זעט נאָר, ער גייט אין אַ פּאָר מיידלשע שיך מיט הויכע אָפּצאַסן!

— ס'איז זיין מאַמעס שיך! — האָט זיך אַ צווייטער צעלאַכט.

סעם האָט באַהאַלטן די פיס אונטער זיך, פון כ ע ס פאַרקוועטשט די פויסטן און גאָרנישט געענטפערט.

די ח ב ר ה האָבן אים אַרומגערינגלט. איינער האָט אים אַ צופּ געטאָן פאַר אַן אויער, דער צווייטער האָט אים אַראָפּגערוקט דאָס היטל איבער די אויגן, דער דריטער האָט אים אויסגעצויגן אויף דער ערד. דאָס אינגל, וואָס האָט אַנגעוויזן, אַז ער גייט אין זיין מאַמעס שיך, האָט אים אָנגעכאַפּט פאַר אַ פוס. סעם האָט אַ ריס געטאָן דעם פוס, זיך צעבריקעט און דאָס אינגל אומגעוואָרפן. ביידע זיינען אויפגעשפּרונגען, מיט פאַרקוועטשטע פויסטלאַך געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, זיך פאַרמאָסטן ווי העגער. די איבעריקע ח ב ר ה־לייט האָבן געמאַכט פּלאַץ, געוואַרט מיט בלישטשענדיקע אויגן, איינער זאָל זיך וואַרפן אויפ׳ן צווייטן. איז פונקט דעמאָלט אָנגעלאָפן אַ אינגל מיט פרייד:

— העי, „גאַיס“, ווילי קלויבט זיך אַראָפּצושפּרינגען פון דער וואַנט!

די ח ב ר ה האָבן פאַרגעסן אָן דעם „פייט“ און אַלע האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צום שפּיץ־באַרג. ווילי, דער פירער פון דער ח ב ר ה, איז אַרומגעגאַנגען איבער דער וואַנט נאָכלעסיק, גע־שטעלט ווייכע טריט ווי אַ קאַץ און וואַווילעריש געשמייכלט צו די ח ב ר י ם. ער האָט זיך עטלאַכע מאָל פאַרמאָסטן, געוואָלט אַראָפּ־שפּרינגען, אַראָפּגעקוקט, געפילט אַ שווינדל אין די אויגן און גע־בליבן שטיין. ער איז אָפּגעלאָפן אַ שטיק וועג, זיך אָנגעשפּיגן אין די הענט, זיך געלאָזט לויפן און אין שטאַרקסטן אימפּעט האָט ער זיך ביים סאַמע ראַנד אָפּגעשטעלט.

די ח ב ר י ם האָבן זיך אויפגערוימט, אים געגעבן ע צ ו ת, ווי צו שפּרינגען, ווי צו האַלטן די פיס, ווי צו בלייבן שטיין אויף די שפּיץ פינגער.

סעם איז געשטאַנען אַ ב ר ו ג ז׳ער, זיך נאָך נישט געהאַט באַרואיקט, וואָס די ח ב ר י ם האָבן אים באַליידיקט, און געפילט, אַז איצט איז די צייט זיי צו ווייזן, אַז ער איז מער ריזיקאַנט אַ פ י ל ו פאַר ווילין. ער האָט געפילט, ווי זיין האַרץ קלאַפּט, אַלץ אין אים הייבט זיך. ער האָט געכאַפּט אַ קוק פון באַרג, עס איז אים אַ פ י ל ו טונקל געוואָרן אין די אויגן, נאָר ער האָט זיך געמאַכט קוראַזש, איז אַריין צווישן די אינגלאַך און אַ פאַרשעמטער אַ זאָג געטאָן:

— חברה, איך שפּרינג אַרונטער!

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, באַטראַכט זײַן הילוך, און אײנער האָט אויפגעהויבן אַ פוס, זיך פאַרמאָסטן סעמען אַ זעץ צו טאָן.

אַ נידעריק אינגל מיט ברייטע פּלײצעס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קלײן, פלינק אידעלע, איז צוגעגאַנגען צו סעמען און אים אָנגענומען פאַר׳ן מוסקל פון דער האַנט:

— חברה, האָט ער אַ מאָסל! — האָט דאָס אינגל כלומר׳שט פון גרויס איבעררעשונג אויפגעהויבן די האַנט צום קאָפּ. — האַרט, זאָג איך אײַך, ווי צעריבענע קאַרטאָפל!

— אַז דו ועסט פאַלן, — האָט זיך אַ צווייטער געוויצלט, — קום אַרויף, וועל איך דיך אויפהייבן!

— ער וועט זיך גאָר נישט טאָן! — האָט עמיצער אַרײַנגעוואָרפן.

— פאַרוואָס?

— ער גייט אין זײַן מאַמעס שיך, ס׳איז מזל׳דיק!

אַ אינגל איז צוגעגאַנגען צו סעמען און אים אַ וויש געטאָן מיט דער האַנט איבער׳ן פּנים. סעם איז אים פאַרפאָרן אין די אויגן.

ווילי האָט אָנגעכאַפּט דעם אינגל און אים אַ שלײַדער געטאָן אָן דער ערד. סעם איז געשטאַנען ווי אין פיבער. די אויגן זײַנען בײַ אים געווען פאַרלאָפן און ער האָט געפילט, אַז ער האָט שוין אפילו ווילין, דעם שטאַרקסטן פון דער חברה, אויף זײַן זײַט. ער האָט געוואוסט, אַז אויב ער צײַגט נישט איצט, וואָס ער איז, איז אַלץ פאַרפאַלן, וועלן זיי אים דערגייין די יאָרן...

ער האָט געזען, ווי אַלע קוקן אויף אים; האָט זײַן צעהיצט מוח׳ל ווײַטער נישט געקענט ציען דעם געדאַנק. ער איז אַרויף אויף דעם ראַנד פון באַרג. עס איז אויף אַ רגע שטיל געוואָרן. ער האָט געפילט ווי עפּעס רײַסט זיך אין אים אָפּ, געהערט הינטער זיך: „הוראַ פאַר סעמען, הוראַ!“ — האָט ער זיך אַ הייב געטאָן, געפלויגן אַרונטער און געזען, ווי קעגנאיבערדיקע ביימער און פעלזן לויפן אים אין די אויגן אַרײַן, ווי פײַערדיקע רעדער.

י. אַפּאַטאַשו.

מיר איז גוט—איך בין אַ יתום.

א.

פון זינט איך בין צו מײַן ש כ ל געקומען, געדענק איך ניט, איך זאָל זײַן אַזאַ מ י ו ח ס, ווי אַצינד. וואָס איז מיט מיר דער י ח ו ם ? — מײַן טאַטע, פּײַסי דער ח ז ן, איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג ש ב ו ע ו ת, און איך בין געבליבן אַ י ת ו ם.

פון דעם ערשטן טאָג נאָך ש ב ו ע ו ת האָבן מיר אָנגעהויבן זאָגן ק ד י ש — איך און מײַן ברודער א ל י ה. ער טאַקע האָט מיך אויסגעלערנט זאָגן ק ד י ש.

מײַן ברודער א ל י ה איז אַ געטרײַער ברודער, אָבער נישט קײַן גוטער ר ב י : ער איז אַ כ ע ס ן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אויפגעעפנט אַ ס י ד ו ר און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבן מיט מיר צו שטודירן.

ער האָט מיט מיר אײַנמאָל איבערגעזאָגט דעם ק ד י ש און ער וויל, אַז איך זאָל שוין קאָנען אויסנווייניק. ער ח ז ר'ט איבער מיט מיר נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל פון אָנהײב ביז'ן ס ו ף און הײסט מיר, אַז איצט זאָל איך שוין זאָגן אַלײן. איך זאָג אַלײן, אָבער עס גײט ניט.

ביז'ן מיטן ק ד י ש איז נאָך ווי עס איז, און נאָכדעם פּאַרטשעפּע איך זיך. דערלאַנגט ער מיר מיט'ן אײלנבויגן און זאָגט מיר, אַז דער קאָפּ איז מיר אַ פּ נ י ם ערגעץ אין דרויסן. ער פוילט זיך ניט און ח ז ר'ט אײַן מיט מיר נאָך אַמאָל. און ווען איך ווײס נאָך אַלץ ניט, נעמט ער מיך אָן פאַר'ן אויער און זאָגט, אַז דער טאַטע זאָל אויפשטײן און זען, וואָס פאַר אַ זון ער האָט!

— וואָלט איך פאַרשפּאָרט זאָגן ק ד י ש !

אַזוי זאָג איך צו מײַן ברודער א ל י ה און כאַפּ פון אים אַ נעשמאַקן פּאַטש מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער באַק אַרײַן.

דערהערט די מאַמע און גיט אים אַ פּ ס ק, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, ווארום איך בין אַ י ת ו ם :

— גאָט איז מיט דיר! וואָס טוסטו? ווען שלאָגסטו? האָסט פאַרגעסן אַ פּ נ י ם, אַז דאָס קינד איז אַ י ת ו ם?!

שלאָפן שלאָף איך מיט דער מאַמען אינ'ם טאַטנס בעט, דאָס איינציקע שטיקל מעבל אין שטוב; די קאָלדרע גיט זי אָפּ כ מ ע ט אינגאַנצן מיר.

— דעק זיך איין — זאָגט זי צו מיר — און ווער אַנטשלאָפן, מיין טייערער י ת ו ם, עסן איז ניטאָ וואָס...

דעקן דעק איך זיך איין, אָבער שלאָפן שלאָף איך ניט: איך ח ז ר דעם ק ד י ש אויף אויסנווייניק.

אין ח ד ר גיי איך ניט, לערנען לערן איך ניט, דאַוונען דאַוון איך ניט, זינגען זינג איך ניט. פּ ט ו ר פון אַלצדינג.

מיר איז גוט — איך בין אַ י ת ו ם!

ב.

מ ז ל - ט ו ב! איך קאָן שוין גאַנץ ק ד י ש אויף אויסנ-ווייניק! דעם לאַנגן ק ד י ש אויך. אין שול שטיי איך אויף אַ באַנק און קלאַפּ דעם ק ד י ש ווי אַ מ ז י ק. אַ ק ו ל האָב איך אויך, ב י ר ו ש ה פון מיין טאַטן, אַן א מ ת'ע סאָפּראַנאָ. אַלע אינגלאַך שטעלן זיך אוים אַרום מיר און זיינען מיר מ ק נ א. זייבער ווייַנען. יאָסי דעם נ ג י ד'ס אינגל, העגאַך מיט'ן אייגל (ער איז אַ מ ו ר א'דיקער ניט פאַרגינער!), אַז עס קומט צום לאַנגן ק ד י ש, שטעלט ער מיר אוים אַ צונג, — ער וויל, ער גייט אוים, ער ח ל ש'ט, איך זאָל זיך צעלאַכן. אים אויף צו־ל ה כ ע י ס וועל איך ניט לאַכן! האָט דערזען א ה ר ן דער ש מ ש, האָט ער אים גענומען פאַר אַן אויער און האָט אים צוגעפירט צו דער טיר. אַ מ צ ו ו ה אויף אים!

מ ח מ ת איך זאָג ק ד י ש אין דער פרי און אויף דער נאַכט, גיי איך שוין מער ניט צו הערש־בער דעם ח ז ן זינגען. איך בין פריי. אַ גאַנצן טאָג געפין איך זיך ביים טייך: אָדער איך כאַפּ פיש, אָדער איך באָד זיך. כאַפּן פיש האָב איך זיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין. אַז איר ווילט, קען איך אייך אויך אויסלערנען: מען טוט

אוים דאָס העמד און מען פאַרקניפּט דעם אַרבל און מען גייט פּאַוואָליע ביז'ן האַלז אין וואַסער. מען דאַרף גיין לאַנג, לאַנג. אַז איר פילט, אַז דאָס העמד איז.שווער, איז אַ ס י מ ן, אַז ס'איז פול; גייט איר אַרויס וואָס גיכער און טרייסלט אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגן פאַרפּלאָנטערט אָפטמאָל קליינע זשאַבקעלאַך, וואַרפט זיי אַריין צוריק אין וואַסער אַריין: ס'אַ צ ע ר - ב ע ל י - ח י י ם. אין דער געדיכטער בלאָטע קענט איר אַמאָל געפינען אַ פּיאַווקע. פּיאַווקעס איז געלט. פאַר אַ צענדליק פּיאַווקעס קענט איר באַקומען דריי גראָשן, אַנדערהאַלבן קאָפּיקעס. עס גייט ניט צופוס... קיין פיש זאָלט איר ניט זוכן. אַמאָל איז געווען פיש אויך, היינט איז נישטאָ. איך יאָג זיך ניט נאָך קיין פיש. איך בין צופרידן, עס זאָל כאָטש זיין פּיאַווקעס. היינטיקן זומער איז ניט געווען קיין פּיאַווקעס אויך.

פון וואַנען האָט זיך דערוואוסט מיין ברודער א ל י ה, אַז איך כאַפּ פיש, ווייס איך ניט. ער האָט מיר שיר ניט אָפּגעריסן אַן אויער פאַר די פיש. אַ גליק, וואָס פּעסיע די גראָבע, אונזער ש כ נ ה האָט דערזען. אַן אייגענע מאַמע דאַרף זיך אַזוי ניט איינשטעלן פאַר איר קינד.

— אָט אַזוי שלאָגט מען אַ י ת ו ם?

מיין ברודער א ל י ה האָט זיך פאַרשעמט און האָט מיר אָפּגעלאָזן דאָס אויער.

אַלע שטעלן זיך איין פאַר מיר. מיר איז גוט — איך בין אַ י ת ו ם.

ג.

אונזער ש כ נ ה פּעסיע די גראָבע האָט זיך אין מיר פאַר-ליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען ווי אַ קלעשטש, איך זאָל דערווייַלע זיין ביי איר, ביי פּעסיען הייסט עס.

— וואָס וועט אייך אָרן? — האָט זי גע'ט ע נ ה'ט. — עס גייען ביי מיר צום טיש צוועלף, וועט ער זיין אַ דרייצנטער. ביי דער מאַמען האָט זי קוים גע'פּ ו ע ל'ט, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מיין ברודער א ל י ה:

— ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן, ער זאָל גייִן זאָגן ק ד י ש?

— איך וועל אַכטונג געבן, ער זאָל גייִן זאָגן ק ד י ש. נו, שוין? האָט איר צו מיר גאָרניט?

פּעסיע איז נישט קיין ג ב י ר'טע. איר מאַן איז אַן אייַנבינדער און הייסט מ ש ה. ער האָט אַ ש ם פאַר'ן בעסטן ב ע ל-מ ל א כ ה, דאָס אַלייִן איז אָבער קאַרג. מען דאַרף נאָך האָבן מ ז ל אויך. אַזוי זאָגט פּעסיע צו מייַן מאַמען.

מייַן מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלימאַזל דאַרף מען אויך האָבן מ ז ל. פאַר אַ ס י מ ן נעמט זי מיך; אָט בין איך אַ י ת ו ם און אַלע ווילן מיך. פאַראַן ב ע ל נ י ם, וואָס ווילן מיך צו זיך אויף שטענדיק. נאָר ווי לאַנג קרענקען אירע ש ו נ א י ם, ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבן אויף שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך אַן ע צ ה מיט מייַן ברודער א ל י ה.

— ווי מיינסטו? זאָל ער זייַן דערווייַל בייַ פּעסיען?

מייַן ברודער א ל י ה איז שוין אַ גרויסער. אַניט וואָלט מען זיך מיט אים ניט געהאַלטן קיין ע צ ה. ער גלעט זיך מיט דער האַנט דאָס ריינע, ניט באַוואַקסענע פּ נ י ם, גלייַך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער: מ ה י כ י - ת י ת י, אַבי ער זאָל נאָר ניט זייַן קיין שייגעץ.

און עס בלייַבט, אַז איך וועל זייַן דערווייַל בייַ אונזער ש כ נ ה פּעסיע, נאָר ב ת נ א י, איך זאָל ניט זייַן קיין שייגעץ. אַלצדינג הייסט בייַ זיי אַ שייגעץ! אָנהענגען דער קאַץ אַ פּאַפּיר אויפ'ן עק, זי זאָל זיך דרייען — הייסט בייַ זיי אַ שייגעץ. קלאַפּן מיט אַ שטעקל איבער די גראַטעס פון ג ל ח' ס הויף, אַלע הינט זאָלן זיך צונויפלויפן — הייסט בייַ זיי אַ שייגעץ. אָפּשטעקן בייַ לייבקע דעם וואַסערפירער דעם צאַפּן פון דער פאַס, ס'זאָל אויסלויפן העכער האַלב וואַסער — הייסט בייַ זיי אַ שייגעץ.

— דייַן גליק, וואָס דו ביסט אַ י ת ו ם! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסערפירער. — אַניט וואָלט איך דיר איבערגעבראָכן אַ האַנט מיט אַ פוס, מעגסט מיר גלויבן אויף נ א מ נ ו ת.

איך גלויב אים אויף נ א מ נ ו ת. איך ווייס, אַז א י צ ט וועט ער מיך ניט אָנרירן ווײַל איך בין אַ י ת ו ם.

מיר איז גוט — איך בין אַ י ת ו ם.

ד.

אונזער ש כ נ ה פעסיע, זאָל מיר מ ו ח ל זײַן, האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. צוועלף, האָט זי געזאָגט, גייען בײַ איר צום טיש. לויט מײַן רעכענונג, בין איך דער פערצנטער. אַ פּ נ י ם זי האָט פאַרגעסן אַרײַנצורעכענען דעם בלינדן פעטער ב ר ו ך. און א פ ש ר האָט זי אים ניט אַרײַנגעשטעלט צווישן די עסערס דערפאַר, ווײַל ער איז שוין זייער אַלט און האָט קיין ציין ניט אויף צו קײַען. איך וועל מיך ניט שפּאַרן. קײַען קען ער ניט, דערפאַר אָבער שלינגט ער ווי אַ גאַנז און כאַפּט. אַלע כאַפּן זיי. זייער כאַפּן איז אויסערגעוויינטלאַך. איך כאַפּ אויך. שלאָגן זיי מיך. מיט די פיס אונטער'ן טיש שלאָגן זיי מיך. מער פון אַלע שלאָגט זיך ו ש ת י. ו ש ת י איז אַ ר ו צ ח. הייסן הייסט ער הערשל, נאָר מ ח מ ת ער האָט אַ גוליע אויפ'ן שטערן, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן ו ש ת י. אַלע האָבן זיי דאָ נעמען און צונעמענס: „קלעצל", „קאָטער", „טשערנאָהוז", „בופלאַקס", „פעטעלעלע", „גיב מיר נאָך", „שמיר מיט פוטער"...

האָט קיין י ס ו ר י ם ניט — יעדער נאָמען האָט זיך זײַן ש ו ר ש. פיניע הייסט „קלעצל" דערפאַר, ווײַל ער איז גראָב און קײַלאָכיק ווי אַ קלעצל. וועלוול איז אַ שוואַרצער, רופט מען אים „קאָטער". ח י י ם איז אַ בופלאַקס, הייסט ער „בופלאַקס". מענדל האָט אַ שפּיצאָכיקע נאָז, איז ער אַ „טשערנאָהוז". „פעטעלעלע" האָט מען אַ נאָמען געגעבן פײַטלען דערפאַר, ווײַל ער קען ניט ריידן. בערל איז אַ גרויסער נאַשער: אַז מע גיט אים אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ, זאָגט ער: „גיב מיר נאָך". ז ר ח'ן האָט מען געגעבן אַ מ י א ו ס'ן נאָמען „שמיר מיט פוטער" איבער אַ מ י א ו ס'ן ח י ס ר ו ן, וואָס ניט ער איז שולדיק. שולדיק, קאָן זײַן, איז די מוטער, וואָס זי האָט דאָס פאַרלאָזט און קינדווײַז ווינציק געצוואָגן. און א פ ש ר איז

זי אויך ניט שולדיק? איך וועל זיך ניט גיין שפּאַרן. שלאָגן זיך אוודאי ניט! קורץ, ס'איז אַ שטוב, וואָס יעדער האָט אַ צונג־מעניש. וואָס דאַרפט איר מער — די קאַץ, שוין גאָר אַ שטומע צונג, שוין געווים גאָט די נשמה שולדיק, הייסט זי ביי זיי: „פּיינגע־לאה די גבאי'טע". איר ווייסט פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זי איז אַ גראָבע, און פּיינגע־לאה, נחמן דעם גבאי'ס ווייב, איז אויך אַ גראָבע. וויפיל, מיינט איר, האָבן זיי שוין געכאַפּט פּעטש דערפאַר, זיי זאָלן ניט רופן קיין קאַץ מיט אַ מענשלאַכן נאָמען? ווי אַן אַרבעס אין וואַנט! האָבן זיי געגעבן עמיצן אַ צונעמעניש, איז פאַרפאַלן!

ה.

מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן — טרעפט ווי אַזוי? — „מאָטל מיט די לעפּצן"... לעפּצן איז אַ דייטשיש וואָרט. אויף אונזער לשון הייסט דאָס „ליפּן". איך וואָלט וועלן זען יענעם מענשן, וואָס זאָל עסן און ניט מאַכן מיט די ליפּן!! אפּנים זיי איז ניט געפעלן מיינע ליפּן. זיי זאָגן, אַז איך עס, מאַך איך מיט די ליפּן. איך בין ניט פון די האָנאָריסטע, וואָס מע טאָר זיי ניט אָנרירן זייער כבוד. נאָר איך ווייס ניט פאַרוואָס — מיר איז דאָס צונעמעניש שטאַרק ניט געפעלן! און ווייל ס'איז מיר ניט געפעלן, רייצן זיי זיך מיט מיר און רופן מיך דווקא אַזוי. איינגעגעסענע ברואים — איר האָט נאָך אַזעלכע ניט געזען! פריער האָב איך ביי זיי געהייסן — „מאָטל מיט די לעפּצן"; נאָכדעם גלאַט — „מיט די לעפּצן"; שפּעטער — „די לעפּצן"; גאָר שפּעטער — „לעפּצן".

— לעפּצן! וואו זייט איר געוועזן?
— לעפּצן, ווישט אָפּ די נאָז!

עס פאַרדריסט מיך און עס ברענט מיך, און איך וויין. דערזעט דער פאָטער זייערער, פעסיעס מאַן, משה דער איינבינדער, איינמאָל, אַז איך וויין; פרעגט ער מיך, וואָס וויין איך? זאָג איך אים: „ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען, אַז איך הייס מאָטל, און מע רופט מיך „לעפּצן". פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „דשתי". ווייל ער שלאָגן „דשתין", זאָגט „דשתי": „ס'איז ניט איך, ס'איז „קלעצל".

וויל ער שלאָגן „קלעצלען“, זאָגט „קלעצל“: „ס'איז ניט איך, ס'איז „קאָטער“. אייִנער אויפ'ן אַנדערן, דער אַנדערער אויפ'ן דריטן — אַ מ ע ש ה אָן אַן עק! איז זיך מ י ש ב דער פאָטער, מ ש ה דער אײַנבינדער, און לייִגט זיי אַוועק אַלע אייִנציקוויַיז און שמײַסט זיי אָפּ מיט אַ טאָוול פון אַ „ק ר ב ן - מ נ ח ה“ און זאָגט זיי: „איך וועל אײַך ווײַזן, ווי צו ל צ'עווען פון אַ י ת ו ם!“

אָט אַזוי: יעדער נעמט זיך אָן פאַר מײַן קריוודע. אַלע, אַלע שטעלן זיך אײַן פאַר מיר.

מיר איז גוט — איך בין אַ י ת ו ם...

שלום-עליכם.

אַן אומזיסטער ח ש ד.

א.

בייִדע זײַנען נאָך געווען קינדער. זי, ראָזעלע, צען יאָר, און ער, מאָרים, צוועלף יאָר אַלט. בייִדע האָבן געוואוינט אויף איסט-בראָדוויי, אַ הויז לעבן אַ הויז. זי מיט אירע עלטערן האָבן פּאַרנו-מען צוויי פלאָרס מיט אַ ס ך פענסטער, ליכט און לופט; ער מיט זײַנע עלטערן האָבן פאַרנומען אַ פינסטערן, פײַכטן קעלער מיט אַ ס ך רויך. איר פאָטער איז אַ רײַכער אַרויפגעאַרבעטער ריעל-עס-טייִטניק; זײַן פאָטער איז אַ שוסטער אַ לאַטוטניק.

זי האָט אויסגעזען ווי אַ פרישע בלום, געווען פול, רונד און ווײַס, מיט אַ פּרייִלאַך פ נ י מ'ל; ער איז געווען דאַר, מיט אַ שפּי-ציקן ג ו ף און מיט אַ פ נ י מ'ל בלייִך, לאַנג און אויסגעצויגן.

זיי האָבן בייִדע ליב געהאַט מוזיק. זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנע און ער האָט געזונגען. האָט זי געשפּילט, איז ער גע-שטאַנען אונטער די פענסטער פון אירע עלטערנס הויז און זיך צו-געהערט מיט אַ קלאַפּנדיק הערצעלע. האָט ער געזונגען, איז זי גע-שטאַנען לעבן קעלער, האָט זיך צוגעהערט צו זײַן האַרציקן ק ו ל, און איר פרייִלאַך פ נ י מ'ל האָט נאָך פרייִלאַכער געשמייִכלט.

און אײנמאָל, אַז זײַן זיסער ק ו ל האָט זיך געגאָסן פֿון דעם טונקעלן שוואַרצן קעלער, איז זי געשטאַנען אין דרויסן מיט אַן אַפּעלסין אין האַנט און זיך צוגעהערט. מיט אײן מאָל האָט זיך דאָס זינגען איבערגעריסן און פֿון קעלער איז אַרויס דער קלײנער זינגערל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים און אים אַרײַנגעשפּאַרט דעם אַפּעלסין אין די הענט.

מאָריס איז צעטומלט געוואָרן.

— פֿאַרוואָס גיסטו דאָס מיר? — האָט ער געפֿרעגט.

— ווײַל דו זינגסט אַזוי גוט.

— און דו שפּילסט אויך גוט אויף דער פּיאַנע...

יענעם אָוונט האָט מאָריס געזונגען אַזוי גוט, ווי נאָך קײנמאָל ניט פֿריער, וואָרים ער האָט געוואוסט, אַז ראָזעלע שטײט דאָרטן לעבן קעלער און הערט.

און פֿון דער צײַט אָן זײַנען די קינדער גרויסע פֿרײַנד געוואָרן.

ב.

אײנמאָל האָט ראָזעלע גערופֿן מאָריסן צו זיך אין שטוב. זי וועט שפּילן, האָט זי געזאָגט, אויף דער פּיאַנע און ער וועט זינגען.

— איך האָב מ ו ר א, מען וועט מיך פֿון דײַן שטוב אַרויסטרײַבן. — זאָגט מאָריס.

— ניט א מ ת! — מאַכט זי מיט זיכערקײַט. — מען וועט דיך ניט אַרויסטרײַבן! און אין שטוב איז איצט אויך קײנער ניטאָ.

איז ער אַוועק מיט איר.

זי האָט אים אַלע אירע פּרעזענטן געוויזן, וואָס מען האָט איר דאָס פֿאַריקע יאָר צו איר געבורטסטאָג געגעבן. און בלומען האָט זי יענעם טאָג אויך געהאַט פֿיל, זײער פֿיל פֿון אירע ח ב ר׳טעס, — האָט זי אים דערצײלט, — און דעם קומענדיקן פֿינפֿטן יאַנואַר איז ווידער איר געבורטסטאָג, וועט זי נײַע פּרעזענטן קריגן...

נאָכדעם האָט זי זיך צו דער פּיאַנע געזעצט און אָנגעהויבן שפּילן און ער האָט געזונגען.

אַרויס פֿון דאָרטן איז מאָריס מיט אַ נײַעם געדאַנק: צו איר

געבורטסטאָג וועט ער איר שענקען בלומען. ביז דעמאָלט איז מער פון אַ מאָנאַט. ער קריגט פון זײַן טאַטן יעדן טאָג אַ פּעני, וועט ער קלײַבן.

ווען עס איז געקומען דער פינפטער יאַנואַר, האָט מאָרים גע־האַט אָנגעקליבן גאַנצע פינף און דרײַסיק סענט. פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען פון דער שול, איז ער אַוועקגעלאָפן אויף גרענד סטריט און האָט דאָרט פאַר די גאַנצע געלט געקויפט אַ בוקעט רויטע בלו־מען, האָט זיי פאַרזיכטיק באַהאַלטן אויף דער ברוסט אונטער דעם פאַרשפּיליעטן רעקל און איז אַוועק אַהיים.

באַלד איז אַרײַנגעקומען ראָזעלע און האָט אים אַ רוף געטאָן.

— וואָס?

— קום, וועסטו עפּעס זען.

— ווער איז דאָרטן אין דער היים?

— קיינער ניט... פּאַפּאַ און מאַמע זײַנען אַוועק אײַנקויפן פאַר די געסט. קום, וואָס האָסטו מורא?

ער איז אַוועק מיט איר.

ג.

פירט ראָזעלע אים אַרײַן אין צימער און ווײַזט אים אַלע פּרע־זענטן און בלומען, וואָס זי האָט געקראָגן.

אויפ׳ן בעטל און אויף אַ שטול ליגן קעסטעלאַך און קאַסטנס מיט פאַרשיידענע שפּילצײַג, מיט היטעלאַך, מיט מאַנטעלאַך, מיט קליידעלאַך. און בלומען אַ סך, זייער אַ סך, שענערע פון זײַנע, רויטע און ווײַסע.

שטייט ער מיט אויפגעריסענע אייגעלאַך און מיט אַן אָפענעם מויל.

— וואַרט, — מאַכט זי, — איך האָב דיר נאָך ניט אַלץ גע־וויזן! אין זאַל זײַנען דאָ נאָך פּרעזענטן. וואַרט דאָ, איך וועל זיי אַהער ברענגען.

און זי איז אַרויסגעלאָפן.

מאָרים האָט אַ טאַפּ געטאָן די בלומען בײַ אים אויפ׳ן ברוסט

און האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז זײ װעלן איר א ו ד א י ניט געפֿעלן װערן, װען זי האָט אַזױ פֿיל שענערע. דאָך איז בײַ אים געבליבן, װען זי װעט אַרײַנגײן צוריק, זאָל ער איר זײַנע בלומען געבן...

פֿון קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט שטימען. מאָריס האָט זיך אומגעקוקט צעשראָקן.

אין צימער, װאו ער איז געשטאַנען, זײַנען פּלוצלונג אַרײַנגעקומען ראָזעלעס פּאַפּאַ און מאַמע. זײ זײַנען געבליבן שטײן פֿאַרװאונדערט און אָנגעקוקט מאָריסן.

— זע נאָר, װאָס טוט דאָ עפּעס דעם שוסטערס אינגל אַלײן אין צימער? צי האָט ער דאָ עפּעס ניט צוגעלאַטכנט? — האָט אויסגעשריען ראָזעלעס פּאָטער.

— װאָס טוסטו דאָ, אינגעלע? — האָט ראָזעלעס מאַמע אויך געפֿרעגט.

— גאָרנישט. — האָט מאָריס אַרויסגעמורמלט אַ צעשראָקענער, ניט װיסנדיק, װאָס צו ענטפֿערן.

— זע נאָר, ח נ ה, װאָס האַלט ער עפּעס דאָרט אונטער׳ן רעקל? — האָט זיך ראָזעלעס טאַטע צו אים אַ װאָרף געטאָן.

מאָריסקע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן בײַ די בלומען אונטער׳ן רעקל און זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אָבער יענער האָט אים אָנגעכאַפּט, אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און אַ ריס געטאָן מיט אַזאַ ר צ י ח ה, אַז די קנעפּלאַך זײַנען אויף אַלע זײַטן אַרונטערגעפֿאַלן אויפ׳ן דיל.

— װײ איז מיר! אַזאַ קלײן אינגל און איז שוין אַ ג נ ב! — האָט ראָזעלעס מאַמע מיט די הענט פֿאַרבראָכן.

— איך האָב עס געקויפֿט, — האָט מאָריסקע געכליפּעט, — איך האָב עס געקויפֿט.

— װאָס נאָך האָסטו גע׳ג נ ב׳עט, אינגעלע? — איז צו אים ראָזעלעס מאַמע מיט אַ װײכן ק ו ל צוגעגאַנגען. — גיב בעסער אַלײן אַװעק!

— גאָרנישט, גאָרנישט, איך בין ניט קײן ג נ ב. — האָט ער געכליפּעט.

— װײַז אָקאָרשט דײַנע קעשענעס, ח ב ר ה־מאַן! — האָט ראָזעלעס טאַטע גענומען אים אַרומזוכן.

דאָ איז אַרײַנגעקומען ראָזעלע. זי איז געבליבן שטײַן מיט צעשראָקענע אויגן.

— איך בין ניט קײַן ג נ ב! — האָט זיך אַ פֿאַרשטיקטער געװײַן בײַ מאָריסקען אַרויסגעריסן. — פֿרעגט אַ פּ י ל ו ראָזעלען.

— ראָזעלע, װער האָט אים אַרײַנגעלאָזן צו דיר אין צימער?— האָט זיך אַ קער געטאָן צו איר דער פֿאָטער: — ער האָט דיך באַ־ג נ ב'עט. פֿון אונטער'ן רעקל האָב איך בײַ אים אַ גאַנצן פּאַק בלו־מען אַרויסגעשלעפּט.

— ער האָט גע'ג נ ב'עט? — האָט ראָזעלע אַרויסגעשעפּטשעט מיט שרעק. — ער?

און זי האָט מאָריסקען אַזוי אומעטיק אָנגעקוקט, און אין אירע אויגן האָבן טרערן געבלישטשעט.

— ניט א מ ת! — האָט מאָריסקע מיט געװײַן זיך אַ כאַפּ געטאָן. — איך האָב עס געקויפֿט, איך בין ניט קײַן ג נ ב.

— בלומען האָסטו געקויפֿט? װאָס זאָגסטו אויף דעם קאַפּי־טאַליסט? — האָט ראָזעס טאַטע בײַז געלאַכט. און ער האָט אויס־געפּאַטשט מאָריסן און אים אַרויסגעטריבן פֿון שטוב.

מאָריס איז מיט אַ פֿאַרשטיקטן געװײַן אַרום פֿון ראָזעלעס הויז, איז אַרײַן אין פֿאַרװיכערטן קעלער און איז פֿאַרשװאונדן הינ־טער דער שװאַרצער טיר.

ל. קאַברין

אַלבערטס פּ ס ק.

אַלבערט איז נײַן יאָר אַלט. ער איז קלײַן־געװוּקסיק, דאַר און בלאַס. אין סקול איז פֿאַר אים קײַן אָרט ניט אויסגעקומען, איז ער פֿאַרבליבן אין הויז.

אַלבערטס טאַטע איז אַ קנאָפּ־לאָך־מאַכער, אָבער ער װעט שוין זײַן מ ל א כ ה באַלד אינגאַנצן פֿאַרגעסן, װאָרים שוין זײַער, זײַער לאַנג אַז ער גײַט אַרום לײַדיק.

טאָג אין טאָג גייט ער אַרום זוכן אַרבעט. ער שלעפּט זיך אַרום פון פרימאָרגן ביז נאַכט, אָבער — ניט פאַר איין געדאַכט — קיין אַרבעט הערט זיך ניט. ער איז שוין שוואַרץ ווי אַ קויל, אים איז שוין דאָס לעבן ניט נ י ח א.

אַלבערטס מאַמע איז אַ פאַרדינערן: זי וואַשט וועש, זי קריגט עפּעס הייזלאַך אַרויסצופּאַרטיקן, אָבער — וואָס זאָל איך אַ ס ך רעדן? — עס קלעקט ניט אויף טרוקן ברויט.

אַלבערט האָט נאָך אַ קליין שוועסטערל, עמעלע. זי איז נאָך קיין יאָר ניט אַלט, און ווען איר ווילט זיך עסן, אָדער ווען איר איז קאַלט, מאַכט זי ק ו ל ו ת אונטער'ן הימל. אַלבערט האָט זייער ליב זיין קליין שוועסטערל, און ווען ער האָט אַ פריי‌ע מינוט, שפּילט ער זיך מיט איר, קושט זי און וואַרימט איר מיט'ן מויל אירע קליינע הענטלאַך, וואָס זיינען שטענדיק בלוי און קאַלט.

פאַרנאַכט פעדלט אַלבערט מיט צייטונגען און אין דערפרי קריגט ער פאַר דער פאַמיליע קוילן און האָלץ. יעדן פרימאָרגן, זינט עס האָט זיך געשטעלט דער קאַלטער ווינטער, גייט אַלבערט אַרויס מיט אַ קערבעלע אין די הענט. ער גייט אַרום איבער די גאַסן, האַלט די אויגן צו דער ערד, און ווען ער געפינט אַ קויל אָדער אַ שטיקל האָלץ, קלייבט ער עס אויף. אָפט, זייער אָפט פרירט די קליינע עמעלע, וואַרטנדיק אויף אַלבערטס קערבעלע.

ווען אַלבערט טרעפט אָן אין גאַס אויף אַ וואָגן קוילן, וואָס מען האַלט אין אַראָפּשיטן, האַלט ער עס פאַר זיין מ ז ל. ער וואַרט איבער ביז מען ענדיקט דאָס אַראָפּשיטן, דערנאָך גייט ער צו מיט זיין קערבעלע, און דאָס ר ו ב קלייבט ער דאָ אויף עטלאַכע קוילן מיט אַמאָל.

אַלבערט קומט אַהיים אַ צעבראָכענער אויף ברעקלאַך, אָבער די מאַמע קושט אים אָן און הייצט איין אין שטוב. דעמאָלט זעצט זיך אַלבערט אַוועק מיט דער קליינער עמעלען ביים אויוון און ער איז גליקלאַך.

די לעצטע נ ס י ע ה האָט אָבער אַלבערטן זייער און זייער ניט אָפּגעגאָלטן.

דאָס איז געווען אַ קאַלטער, קאַלטער ווינטער־טאָג. די זון האָט אפילו געשײַנט, אָבער דער פראָסט האָט זיך פון איר אויס־געלאַכט, — ער האָט געקיניגט. ער האָט געביסן און געביסן אויף טויט.

די מאַמע וואָלט אפשר אַלבערטן אין אַזאַ פראָסט גאָר ניט אַרויסגעלאָזט קלײַבן קוילן, אָבער די קלײנע עמעלע איז עפּעס געווען קראַנק. זי האָט געשלוקערצט און געציטערט ווי אַ בלאַט. האָט די אָרימע מאַמע אָנגעטאָן איר גוטן זונעלע אין אַ באַרג מיט שמאַטעס און אים אויסגעריכט מיט זײַן קערבעלע.

אַלבערט איז אַרויס אין דרויסן. די ביטערע קעלט האָט זיך דורכגעקליבן דורך די שמאַטעס און האָט אים צערטלאַך אַרומגענו־מען, אַזוי אַז עס האָבן אים גענומען ציטערן אַלע אבֿרים. אָבער אים האָט דערפאַר אויך גענומען גליקן: ער האָט עטלאַכע מאָל נאָכ־אַנאַנד באַגעגנט וועגענער, וואָס האָבן אַראָפּגעשאָטן קוילן, און יעדעס מאָל האָט ער אויסגעמאַכט ניט שלעכט.

עס האָט אים גענומען זײער שטעכן אין די פינגער פון די הענט און פון די פיס, און ער האָט זיך שוין געלאָזט לויפן אַהײם, טראַגנדיק מיט זיך אַ „שײן ביסל" קוילן. אַך, ווי קאַלט ס'איז אים געווען! ער האָט געפילט אַז ער ווערט פאַרפרוירן. אָבער אָט איז פאַר זײַנע אויגן נאָך אַ וואָגן; די קוילן האָט מען שוין באַלד אַראָפּגעשאָטן, און ער דאַרף לאַנג ניט וואַרטן.

אַלבערט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען קלאַפּן אַ פוס אָן אַ פוס.

און אָט זײנען די קוילן שוין אַראָפּגעשאָטן. אַלבערט גײט צו מיט זײַן קערבעלע און נעמט אויפקלײַבן די שטיקלאַך איבערגעלאָזטע קוילן. פּלוצלונג קריגט ער אַ שטאַרקן שטויס מיט אַ פוס...

דער דערשראָקענער אינגל שפּרינגט אויף פאַרציטערט. לעבן אים שטײט אַ גרויסער, פאַרשוואַרצטער קוילמאַן און שרײַט.

אַלבערט האָט געוואָלט נעמען לויפן, אָבער דער קוילמאַן כאַפּט אים אָן, רײַסט אַרויס דאָס קערבעלע פון זײַן האַנט, שיט אַרויס די גאַנצע קוילן און פאַרשלײַדערט דאָס קערבעלע אויף אַ האַלבער גאַס ווײַט.

בײַם קינד פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ פֿאַר װײטיק; די אויגן װערן מיט טרערן פֿאַרלאָפֿן. ער הײבט אויף דאָס קערבעלע, גיט זיך פֿון װײַטן אַ קרים אויפ׳ן צערײַצטן קוילמאַן, און װײנענדיק שלעפּט ער זיך אַװעק אַהײם.

אײ, װעט דאָרט די קלײנע עמעלע הײַנט פֿרירן!...

ז. ליבין.

די אָרימע מוטער.

געבײַדן אומגעהײַער —
די גרעסטע אין דער װעלט;
דאָך װאױנונגען די קלענסטע
און לופֿט פֿאַר קינדער פֿעלט.

דאָך הויך זײַנען די הײַזער.
אין שאָטן ליגט די גאַס;
זי זוכט און האָט געפֿונען
אַ שמאָלן זונען־פּאַס...

נו, פֿירט בײַטאָג די מוטער
אַרויס אין גאַס דאָס קינד;
עס איז אַ טאָג אַ קאַלטער,
אַנטקעגן יאָגט אַ װינט.

זי שטעלט זיך זעלבסט אין שאָטן,
צום װינט מיט איר געזיכט,
כּדי ניט צו פֿאַרנעמען
פֿון קינד דאָס ביסל ליכט.

זי קערעװעט דאָס װעגל
און זוכט אַ װאַרימע זײַט;
זי האָט פֿון װינט דעם קאַלטן
דאָס ליבע קינד באַפֿרײַט.

דאָס קינד אין װעגל שמײכלט,
װי ס׳װאָלט געװאוסט דערפֿון:
די מאַמע האָט געפֿונען
פֿאַר אים אַ ביסל זון...

א. רײזען.

די נויט.

אין ברוקלין, אין אַ שטיבל
אַן ווענט און אַן אַ דאַך,
האָט זיך געוואוינט אַן אָרימאַן
מיט קינדערלאַך אַ סך.

און דאָרט ביי זיי אין שטיבל
איז ניט געווען קיין ברויט,
ווייל דאָרט אין שטיבל האָט מיט זיי
געוואוינט די גרויע נויט.

דער אָרימאַן פלעגט אויפשטיין,
אַז שלאָפן פלעגט די וועלט,
און גיין צופוס ביז אין ניו־יאָרק
פאַרדינען עפּעס געלט.

און אַז די זון פלעגט אויפגיין,
און ביז די זון פאַרגייט,
די קינדער פלעגן וויינען שטאַרק:
— אוי, מאַמע, מאַמע, ברויט!

די גרויע נויט פלעגט זיצן
ביים אויוון אויף אַ שטיין
און זעען אַלץ און פרייען זיך
און שאַרפן מיט די ציין.

די מאַמע פלעגט דאָס זעען
און וויינען שטילערהייט
און טרייסטן אירע קינדערלאַך:
— וואָס דאַרפט איר, קינדער, ברויט?

איר ווייסט דאָך, אַז דער טאַטע
איז אין ניו־יאָרק אַוועק,
ער וועט אייך ברענגען פון ניו־יאָרק
צוויי גרויסע פולע זעק.

צוויי פולע זעק מיט חלות,
מיט עפּל און מיט ניס,
מיט קיכעלאַך און שאָקאָלאַד
און טאָרט, ווי האָניק זיס.

די קינדער פלעגן הערן,
זיי האָבן זיך געפרייט,
און פלעגן שוין דעם גאַנצן טאָג
ניט בעטן מער קיין ברויט.

און שטילינקע און גוטע
געוואַרט ביז שפּעט ביינאַכט
און זעען, צי דער טאַטע האָט
צוויי זעק אַהיים געבראַכט.

דער אָרימאַי פלעגט קומען
ביינאַכט, פאַרזאָרגט און מיד,

אוּן זאָגן צו די קינדערלאַך:
— היינט האָב איך גאָר נישט ניט.

די קינדער נעמען וויינען:
— אוי, ברויט, אַ שטיקל ברויט!
דער טאַטע שווייגט, די מאַמע זיפצט
אוּן ווינשט אויף זיך דעם טויט.

די גרויע נויט בײַם אויוון
זי זיצט זיך אויף איר שטיין,
אוּן זעט עס אַלץ אוּן פרייט זיך אַלץ
אוּן שאַרפט זיך אַלץ די ציין.

נאָר איינמאָל האָט געטראָפן —
געשלאָפן איז די וועלט,
דער אָרימאַן געיִט אין ניו־יאָרק
פאַרדינען עפּעס געלט.

אָט ערשט איז ער פון שטיבל
צופוס אַזוי אַוועק,
אוּן פּלוצלונג קומט ער באַלד צוריק
אוּן טראָגט זיי פולע זעק.

צוויי פולע זעק מיט **חלות**,
מיט עפּל אוּן מיט נים,
מיט קיכלאַך אוּן מיט שאָקאָלאַד
אוּן טאָרט, ווי האָניק זים.

אוּן נעמט די קינדער וועקן —
ער וועקט זיי אוּן ער לאַכט:
— „שטייט אויף, איר ליבע קינדערלאַך,
זעט, וואָס איך האָב געבראַכט!“

נו, האָט מען דאָס אין שטיבל
אַ ביסל זיך געפרײַט!
נאָר ניט געפרײַט האָט זיך מיט זיי
די בײַזע גרויע נויט.

פון שרעק איז זי געוואָרן
אַ קלײנע, קלײנע גריל,
און איז פאַרקראָכן אונטער דיל
און האָט צעוויינט זיך שטיל.

מאני לייב.

פאַרלאָרן דעם באַלעבאָס.

א.

לאַנגזאַם, אָפּשטעלנדיק זיך יעדע ווײַלע, האָט דאָס פערד גע-
פירט דעם וואָגן מיט עפּל. נאָכ'ן וואָגן זײַנען נאָכגעגאַנגען אַ מאַן
פון אַ יאָר פערציק און אַ יונגער אינגל פון אַ יאָר צוועלף.

דער מאַן איז דאָס געווען דער אײַנגנטימער, דער באַלעבאָס פון דעם וואָגן מיט די עפּל, און דער יונגער אינגל — סעמי האָט ער געהײסן — איז געווען אַ געדונגענער העלפער, אַן אויסשרײַער און צו דערזעלבער צײַט אַן אַרויפטרעגער פון די עפּל צו די קונים.

דאָס איז געווען דער אָנהײב פון ווינטער און דער סוף פון דעם טאָג. דאָס וועטער איז אויסגעפאַלן אַ שלעכטס, אַ צרה׳דיקס. עס האָט געבלאָזן אַ קאַלטער, שנײַדנדיקער ווינט און עס האָט ניט אויפגעהערט צו שפּריצן אַ קאַלט רעגנדל, וואָס האָט דורכגענומען דורך און דורך מיט פײַכטקײַט און מיט קעלט.

אַ לײַכט זומערדיק דזשעקעטל און אַ פּאָר לײַכטע קורצע „קני-הײזלאַך" האָבן שלעכט באַשיצט דעם אָרימען אינגל פון דעם גרויזאַמען וועטער. פון די הײזלאַך האָט זיך אין מאַנכע ערטער אַרויסגעזען דאָס הוילע לײַב, און פון זײַנע צעריסענע שיך האָבן אַרויסגעשטעקט די פינגער. דער אינגל האָט זיך געיאָזשעט און געטרײסלט פון קעלט — און אַפשר אויך פון הונגער. זײַן קלײנער אויסגעדאַרטער פּנים איז געווען בלאַס און בלוי, אָנגעשוואָלן פון פײַכטקײַט און איבערגעפרוירן פון קעלט.

— פײַוו סענט אײַ האָל לאָט! — האָט עפּעס מיט אַ באַנרמענעם קול אויסגעשריען דער באַלעבאָס.

— אײַ, אָפּלז! — האָט נאָכגעשריען סעמי מיט אַ הײזעריקער, קינדערשער, האַרצרײַסנדיקער שטים.

קײנער האָט אָבער קײן עפּל ניט געבעטן און דאָס פערד האָט געגעבן אַ טראָט ווײַטער.

— וועלן מיר באַלד פאָרן אַהײם? — האָט סעמי געפרעגט זײַן באַלעבאָס, און עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

דער באַלעבאָס האָט אין אָט דעם שלעכטן טאָג אויך שלעכטע געשעפטן געמאַכט, און ער האָט ניט גערעכנט פאַר נײטיק צו ענטפערן אויף זײַן אינגלס פראַגע.

— פײַוו סענט אײַ האָל לאָט!

— אײַ, אָפּלז!

עס זײַנען פאַריבער נאָך אײניקע מינוטן.

— וועלן מיר באַלד פֿאָרן אַהיים? — האָט סעמי ווײַטער געפֿרעגט, און זײַן קינדעריש האַרץ האָט פֿאַרקלעמט פֿאַר ווײטיק.

דער באַלעבאָס האָט אַ לאַנגזאַמען, שאַרפֿן, בייזן בליק געגעבן אויפֿ׳ן קינד, און אויף זײַן פ נ י ם האָט זיך אויסגעצייגט אַ ווילדע ה נ א ה. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער מאַן וויל זײַן ווילדע אומצופֿרידנהייט פֿון זײַנע היינטיקע שלעכטע געשעפֿטן אויסגיסן אויף זײַן געדונגענעם אינגל.

— ווען איך וואָלט וויסן, — האָט דער באַלעבאָס געענטפֿערט, — אַז דו ביסט אַזאַ פֿוילער אינגל, וואָלט איך דיך אַ פ י ל ו אומזיסט ניט גענומען.

— איך פֿויל זיך ניט, — האָט סעמי געענטפֿערט, — מיר איז קאַלט.

און זײַן ק ו ל האָט געציטערט פֿון טרערן.

— קאַלט? — האָט אים איבערגעריסן דער באַלעבאָס. — וואָס אַרט עס מיך? אַ קוואָדער וועסטו דאָך וועלן נעמען.

— פֿײַוו סענט איי האָל לאַט!...

— איי, אַפּלז! — האָט אויסגעשריען אַ שטים פֿול מיט טרערן.

און דאָס פֿערד איז זיך לאַנגזאַם געגאַנגען און געגאַנגען. סעמי האָט דערפֿילט, אַז ער פֿאַלט פֿון די פֿיס און ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן וואָגן.

ב.

— נעם גיי אַרײַן אַהער, — האָט דער באַלעבאָס אָנגעצייגט סעמין אויף אַ געוויס הויז, — אָבער קלאַפּ אָן טיר אין טיר: ווען דו וועסט פֿאַרקויפֿן, קום גלײַך אַראָפּ נאָך נאָך אָן עמער מיט עפּל; ווען ניט, גיי איבער׳ן דאָך אין דעם צווייטן הויז. געשווינט!

און סעמי איז אַוועק אין דעם אָנגעצייגטן הויז. דאָס איז געווען אַ פֿלעט-הויז. דער קאָרידאָר איז געווען באַדעקט מיט קאַרפּעט און מיט דאַמפּ באַוואָרימט. סעמי האָט גענומען קלאַפּן פֿון טיר צו טיר. קיינער האָט אָבער קיין עפּל ניט געדאַרפֿט. ביי די ש כ נ י ם אין די צימערן האָט שוין פֿײַער געברענט. פֿון אייניקע ד י ר ו ת האָבן זיך געהערט פֿריילאַכע קינדערשע פּלאַפּלערײַ און

געלעכטער, און פון איייניקע האָבן זיך געטראָגן טענער פון פּיאַנעס.

אַט קלאַפּט סעמי אָן אין אַ טיר. מען עפנט; עלטערן צוזאַמען מיט די קינדער זיצן בײַם טיש און מען טרינקט טײ.

— אַפּלז? — פרעגט סעמי.

— נאָו. -- ענטפערט מען און מען פאַרהאַקט בײז די טיר.

אין אַ צווייטן פּלאַץ זעט סעמי, ווי קינדער זיצן זיך און עסן. דער הונגעריקער סעמי דערפילט דעם גערוך פון די עסנוואַרג, און זײַן פאַרקלעמטע האַרץ פאַנגט אָן נאָך שטאַרקער ווײ צו טאָן. נאָך אין אַ פּלאַץ עפנט זיך האַסטיק די טיר און אַ פרײלאַך, שײן געקלײדט מײדעלע ווײַזט זיך.

— עני, אַהערצו קום, — דערהערט זיך הינטער איר אַ קול פון אַ פרויענצימער, — לויף ניט אַרום איבער׳ן האָל, וועסט זיך נאָך פאַרקילן.

באַלד ווײַזט זיך די פרוי און נעמט צו צוריק דאָס מײדעלע.

אַזוי דערגײט סעמי ביז׳ן העכסטן שטאָק, און קײן עפּל האָט ער ניט פאַרקויפט. סעמי נעמט גײן אויף די טרעפּלאַך, וועלכע פירן צום דאַך, נאָר ער האָט דערפילט, ווי דער רעגן שמײַסט אָן די בלעך פון דאַך און ער בלײַבט אַ ווײַלע שטײן. אין קאָרידאָר איז וואַרים און טרוקן. סעמין, דעם מידן איבערגעפראָרענעם אינגל, פאַרווילט זיך אָפּרוען.

— פון וואַנען וועט דער באַלעבאָס וויסן? — טראַכט דאָס קינד. — ער וועט מײנען, אַז איך האָב זיך עטוואָס לענגער פאַרזאַמט.

סעמי זעצט זיך אַוועק ווי אָן אונטערגעהאַקטער און שפּאַרט זיך אָן אָן דעם עמער מיט די עפּל.

סעמי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די קינדער, וועלכע האָבן געגעסן, געטרונקען און געשפּילט... ער נעמט זיך פאָרשטעלן, אַז ער איז אויך אײנער פון זײ און אַז ער עסט, אַז ער טרינקט, אַז ער שפּילט... אין קאָרידאָר איז טרוקן און וואַרים. אַ דרעמל האָט גענומען שמידן סעמיס צעווײקטע, צעפראָרענע גלידער... ער האָט עפּעס אַזוי ווי דערשראָקן אַ כאַפּ געגעבן זיך, אָבער באַלד איז ער ווײַטער אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער באַלעבאָס האָט לאַנג אויף זײַן אינגל ניט געוואַרט; ער האָט זיך געהאַט זײַן טרוקענעם רעכענונג: דער טאָג האָט זיך שוין געענדיקט; דעם אינגל דאַרף ער שוין סײַ ווי סײַ שיקן אַהײמ; אַ קוואָדער איז ער אים דאָך שולדיק, און דער עמער צוזאַמען מיט די עפּל איז דאָס ניט ווערט.

און ער האָט זיך גענומען ווײַטער פאָרן; ער איז דאָס שוין געפאָרן אַהײם.

ג.

ווער ווייס, ווי לאַנג סעמי וואָלט געשלאָפן, ווען אַ שכנה פון דעם הויז וואָלט ניט געגאַנגען אַ קוק געבן, אויב דער ווינט האָט ניט צעשמיסן די וועש, וואָס איז געהאַנגען אויפ'ן דאַך.

סעמי האָט דערפילט, ווי עמיצער האָט אים געגעבן אַ טופּ מיט'ן פוס... ער האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן ניט טויט ניט לעבעדיק; מיט שרעק האָט ער אַ קוק געגעבן אַרום זיך. לעבן אים איז גע־שטאַנען אַ גרויסע דיקע, געזונטע פרוי.

— אַוועק פון דאַנען, דו לויפער! — האָט די פרוי זיך צע־שריען. — דאָ איז קײן פּלאַץ ניט צום שלאָפן.

— אַפּלז! — האָט סעמי אַ שטאַמל געגעבן, האַסטיק אויפגע־הויבן זיך און ער האָט געכאַפּט לויפן אַראָפּ די טרעפּ. ווען סעמי איז אַרויס פון האָל איז שוין געווען פינסטער.

— אײַ אַפּלז! — האָט ער אויסגעשריען און גענומען מיט די אויגן זוכן דעם וואָגן מיט די עפּל. דער וואָגן איז אָבער מער ניט געווען.

אַ פאַרלאָרענער, אַ דערשראָקענער האָט דער אינגל גענומען אַרומלויפן. ער איז אַוועקגעלאָפן אין עוועניו, פון דאָרטן אין גאַס, פון דער גאַס ווײַטער אין עוועניו... דער וואָגן מיט די עפּל איז פאַר־פאַלן געגאַנגען.

אין אײן מינוט האָט סעמי זיך פאַרגעשטעלט זײַן הײם, וואו מען נײטיקט זיך אין דעם קוואָדער; זײַן טאַטן, וועלכער וועט אים נאָך שלאָגן, ווען ער וועט קומען אַזוי אָן אַ פּעני פאַרדינסט; און ער האָט אינגאַנצן באַגריפן די שווערלאַכקײט פון זײַן לאַגע. ער איז

געבליבן שטיין ווי א צעטומלטער. ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין צו לויפן. אהיים האָט ער יעדנפאַלס געשראָקן זיך צו קומען...

און דער רעגן האָט גענומען שמייסן שטאַרקער און שטאַרקער.

ז. ליבין.

אז א היים. שעסטיאָרקין.

די ערשטע לעקציע.

א.

דאָס איז געווען אין אָנפאַנג ווינטער. ווען העסל דער העמדל-נייער איז געקומען אהיים פון דער אַרבעט, האָט ער אזוי ווי שטענדיק געטראָפן זיין פרוי קאָכנדיק וועטשערע און זיין קליין צוויי-יעריק מיידעלע — שפּילנדיק מיט צאַצקעס אויפ'ן דיל. ער האָט אָבער ניט געטראָפן אין דער היים זיין עלטער קינד, זיין זון, זיין צען-יעריקן איציגן.

און געוואוינט געוואָרן איז העסל שטענדיק צו טרעפן זיין עלטער קינד אין דער היים, זיצנדיק פאַרטיפט אין זיינע שול-ביכלאַך,

אָדער אין די ביכלאַך, וועלכע ער, איִיבי, נעמט צום לעזן אין דער פּריװַאַטער ביבליאָטעק פון „היברו אינסטיטוט“.

ליב האָט דער פאָטער איִיבין, שמערצלאַך ליב; און דער העמדל-נייִער לייִגט גרויסע האָפענונגען אויף זײַן זון.

אַ טײַערער קינד איז איִיבי, אַ זעלטן קינד! טראָגט אויף זיך אַ טײַערער קעפּל און איז אַ גרויסער ב ע ל - ח ש ק אין לערנען. אין סקול איז ער דער ערשטער און בעסטער שילער, לערנט זייִער גוט. אויך ווען איִיבי קומט אַהיים, נעמט ער זיך גלײַך פאַר זײַנע ביכלאַך.

איִיבי איז עפּעס גאָר ניט ווי אַנדערע קינדער; ער האָט ניט ליב אַרומצולויפן, אויף אים איז גאָר קײן שפּיל ניטאָ. דאָס בוך — דאָס איז איִיבים נ ש מ ה; שרײַבן, לייִענען — דאָס איז זײַן לעבן. ניט אומזיסט איז העסל געוואוינט געוואָרן קומענדיק פון דער אַרבעט צו טרעפן זײַן איִיבין אין דער היִים בײַ די ביכלאַך; און ווען ער האָט אים דאָס מאָל ניט געטראָפן, האָט עס דער אַפּרײַטער גלײַך באַמערקט און האָט זיך וועגן דעם געווענדט צו זײַן פרוי:

— פרומע־ל א ה, וואו איז עפּעס אונזער איִיבי?

שטייִט פרומע־ל א ה און שמייִכלט.

— האָסט אים נאָך עפּעס געשיקט? — פרעגט העסל.

— נייִן. נאָך וואָס זאָל איך אים שיקן?

באַמערקט העסל, אַז זײַן ווײַב שמייִכלט, ווערט ער נאָך מער נײַגעריק און פרעגט ווײַטער:

— וואָס שמייִכלסטו, וואו איז איִיבי?

— האָסט שוין אַן אַרויסהעלפער אויף די עלטערע יאָרן. — מאַכט פרומע־ל א ה און שמייִכלט ווײַטער עפּעס אַזוי גוטמוטיק.

— וואָס איז אַזוינס? — פאַרשטייִט ניט העסל זײַן פרוי.

ווערט דעם העמדל־נייִערס בלאַסער פּ נ י ם אַזוי ערנסט און ניט צופרידן.

— וואוהין האָסטו אים געשיקט, פרומע־ל א ה? — פרעגט דער מאַן בײַ זײַן פרוי מיט אַ שטרענגן ק ו ל.

— איך? איך האָב אים ניט געשיקט.

— אָבער וואָס איז ער געגאַנגען טאָן?

— לאַנגע יאָר זאָל איִם זײַן, וואָס פאַר אַ טײַער קינד ער איז.

— ענטפערט פרומע־ל א ה. — האָט אַ טײַער האַרץ. נעכטן בײַ־נאַכט האָט ער געהערט, ווי דו הוסט.

— נו, נו...

— זאָגט ער צו מיר הײַנט: „איך האָב געהערט — דער טאַטע האָט זײַער געהוסט; ער איז זײַער אַ שוואַכער... ער האָט ניט קײַן כ ו ח צו אַרבעטן...

— אַן אײַנפאַל פון אַ קינד! — שלאָגט איבער העסל זײַן פרוי, און אַ שמײכל נעמט רוען אויף זײַנע ליפּן.

— זאָגט איִבעלע צו מיר: — דערצײלט ווײַטער פרומע־ל א ה: — „און איך העלף איִם ניט; גײן, מאַמע, איך רעכן, אַז עס איז ניט גוט אַזוי; מיך פאַרדריסט זײער אויפ׳ן פּאַפּאַ!“

— נו, נו? — שטופּט אונטער העסל זײַן פרוי, און אויף דעם בלאַסן, אויסגעמאַטערטן פּ נ י ם פון דעם העמדל־נײער נעמט עפּעס אַזוי ווי רוען די ש כ י נ ה.

— זאָג איך צו איִם — גײט אָן פרומע־ל א ה מיט איר מ ע ש ה — זאָג איך צו איִם: „א ד ר ב ה, איִבינין, פאַרוואָס זאָלסטו עפּעס טאַקע ניט פאַרדינען?“ מאַכט ער צו דאָס ביכל, טוט זיך אָן און בעט בײַ מיר צען סענט. פרעג איך דאָך: „וואָס ווילסטו טאָן, איִבעלע?“ זאָגט ער: „איך וועל פּעדלען מיט צײַטונגען“.

— האָסטו איִם געגעבן? — שלאָגט העסל ווײַטער איבער זײַן פרוי.

— ער איז צוגעשטאַנען, האָב איך געגעבן.

— און ער איז אַוועק פּעדלען מיט צײַטונגען?

— אַז ער בעט זיך, זאָל ער גײן...

— נאָך אַמאָל זאָל דאָס ניט זײַן! — האָט העסל אַ זאָג געטאָן קורץ און שאַרף.

— אַז איִם ווילט זיך, זאָל ער גײן. — זאָגט פרומע־ל א ה.

— נײן. ער זאָל ניט גײן! איך דאַרף ניט זײַן פּ ר נ ס ה. — האָט העסל געענטפערט.

— זאָל זײַן ניט. מײַנע ד א ג ו ת.

— געווים ניט!

און פאַרבלײַבנדיק אַ ווײַלע פאַרטראַכט, איז העסל מוסיף:

— ביז וואַנען מײַנע פינגער וועלן זיך בייגן, זאָל מיך גאָט אויסהיטן פון אַזעלכע פּרנסות.

פרומע־לאה׳ס פּנים איז ערנסט געוואָרן און העסל האָט ווײַטער גערעדט:

— אונזער איציבעלע איז אַ גאָטס בענשונג. אין רײַכן אופן וואָלט מען זיך מיט אים אַרומטראָגן אויף די הענט... אַ זעלטן קינד. ער וועט שוין ניט זײַן קײַן העמדל־נייער.

— גאָט זאָל אים היטן! — זאָגט פרומע־לאה.

— איך וועל אַרבעטן ביז׳ן לעצטן טראָפּן בלוט און איך וועל זען, אַז ער זאָל אַ מענש זײַן. אונזער איציבעלע וועט זײַן אַ טרייסט אויף אונזערע עלטערע יאָרן... מיט זײַן קעפּל, מיט זײַן חשק וועט ער ווײַט אַוועקגיין. זאָלסט אים נאָך אַמאָל מיט צײַטונגען ניט שיקן.

— עפּעס אַזוי ווי איך האָב אים געשיקט. — פאַרענטפערט זיך פרומע־לאה.

— איך וויל ניט!

— און איך וויל דען?

— זאָל ער זיצן בײַ די ביכלאַך. זאָל ער לערנען, דער טאַטע האָרעוועט פאַר אים.

איציבי איז געקומען.

דער העמדל־נייער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף זײַן קינד, האָט אים פאַרזאָגט, אַז ער זאָל וועגן פעדלען מיט צײַטונגען מער ניט דערמאָנען, זאָל זיך ניט מישן אין פּרנסה־זאַכן און זאָל זיך רואיק זיצן בײַ זײַנע ביכלאַך.

ב.

אין סוועט־שאָפּ איז ניטאָ קײַן לופט און קײַן ליכט. לאַנגזאַם אָבער זיכער גייט דאָרט אויס דער אַרבעטער. דאָרטן, לעבן דער ניי־מאַשין, שטאַרבט אַוועק אַ גליד נאָך אַ גליד בײַ דעם, וואָס נייט אונזערע קליידער. דאָרטן ווערן זיי דערצויגן די קאַנדידאַטן אויף שווינדזוכט.

העסלס פּנים האָט גענומען ווערן בלאַסער; די קנייטשן האָבן זיך איינגעשניטן טיפער, דער הוסט האָט גענומען מער שטיקן, דער אָטעם איז געוואָרן שווערער און שווערער.

און איין פרימאָרגן, ווען העסל איז געזעסן ביי דער מאַשין און געניייט העמדלאַך, האָט זיך ביי אים אַזאַ מאָדנער הוסט אַ ריס געטאָן פון האַרצן אויס... און אַ העמדל האָט זיך פאַרפלעקט מיט אַ שטיקל בלוט.

העסל האָט זיך דערשראָקן.

קיין גרויסע „ביזי“ איז דאָן ניט געווען, און דער העמדל-נייער איז גלייך פון שאַפּ אַוועק אין „דיספּענסערי“ פרעגן, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

האָט ער דאָרט דערגאַנגען, אַז ער פאַרמאָגט שוין די „דער“, און אַז אים איז פאַרבליבן גאַנץ ווייניק צייט צו נייען העמדלאַך.

קיין ליאַרעם האָט דערפון העסל ניט געמאַכט. ער איז גאָר אַהיים ניט פאַרגאַנגען און איז צוריק אין שאַפּ אַוועק. ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט ביי דער מאַשין, נאָר אַרבעטן האָט ער געאַרבעט מיט האַלבן חשק. די מערסטע צייט איז ער געזעסן פאַרטראַכט.

וואָס ער האָט געטראַכט, ווייס איין גאָט; יעדנפאַלס — קיין פריילאַכע מחשבות זיינען דאָס ניט געווען. וואָרים ניט איין מאָל זיינען דעם אַפּרייטערס אויגן פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן; ניט איין מאָל האָט זיך אַ טיפער, שווערער זיפץ אַרויסגעריסן פון זיין סאַמע האַרצן; ניט איין מאָל האָט ער אַזוי פאַרצווייפלט געבראָכן די הענט.

און די איבעריקע אַפּרייטערס קוקן אויף זייער אַרבעט-חבר און באַטראַכטן אים מיט וואונדער.

אין סוועט-שאַפּ, אַן אַפּרייטער, ביי דער מאַשין זאָל גאָר זיצן פאַרטראַכט — ווירקלאַך אַ וואונדערבאַרע ערשיינונג!

נו, טרייבט חברה ליצנות פון דעם אָרימען העסלען.

— העי, מיסטער העסל, — פרעגט אַן אַפּרייטער, — וואָס באַטראַכט איר די וועלט מיט אַמאָל?

העסל שווייגט. און ווען די חברים דאָקוטשען אים

ווידער, זאָגט ער מיט הארץ: „לאָזט צופרידן, ש ד י ם!“ — און אַלע צעלאַכן זיך.

האָט העסל געוויזן דאָס העמדל מיט דער רויטער פ ג י מ ה און האָט אין קורצן דערציילט, וואָס עס טוט זיך מיט אים.

אוים ל י צ נ ו ת, אוים שפּאַסן!

אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם אַפּריוטער; מען קוקט אויף העסלען מיט ר ח מ נ ו ת, מען רעדט צו אים ווייך, סימפּאַטיש און מען גיט אים פאַרשידענע ע צ ו ת.

— היינט אָדער מאָרגן — דאָס איז דער ס ו ף פון אַלע אַפּריוטערס. — האָט באַמערקט פ נ ח ס דער קורנאָסער, און אין שאַפּ איז געוואָרן שטיל ווי אין אַ ק ב ר.

ביינאַכט, ווען עס איז געקומען די צייט צו גיין אַהיים פון דער אַרבעט, האָט העסל איינגעפּאַקט אַ „באַנדעלע“: עטלאַכע צוגעשניטענע, ניט-געמאַכטע העמדלאַך, די שער און די פאָדים; נאָכדעם האָט ער אָפּגעשרויפט דעם קאָפּ פון מאַשין.

— וואָס טוט איר דאָס, מיסטער העסל? — האָבן געפרעגט איניקע אַפּריוטערס.

— איך רעכן נעמען לערנען מיין זון די העמדל-נייעריי. — האָט העסל געענטפערט, און זיינע ליפּן האָבן זיך דערביי אַזוי נערוועז אויסגעקרימט.

— דאַט׳ס רייט, דאַט׳ס רייט! — האָבן צוגעשטימט די אַפּריוטערס.

— און אַ „סטענד“ צום קעפּל פון מאַשין וואו וועט איר נעמען? — האָט אַ פרעג געטאָן אַן אַפּריוטער.

— אַ סטענד האָב איך אין דער היים. — האָט העסל מיטגעטיילט. און נעמענדיק די ח פ צ י ם אין די הענט, איז דער העמדלמאַכער אַוועק אַהיים.

ווען פרומע-ל א ה האָט דערזען איר מאַן טראָגנדיק די ח פ צ י ם, איז איר די זאַך געוואָרן פאַרדעכטיק. די אידענע האָט זיך דערשראָקן און האָט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז דער מער, העסל? וואָס טראָגסטו דאָס?

— גאָרנישט. — האָט העסל געענטפערט.

— „סלעק“?

— עס איז ניט סלעק.

— „געסעקט“?

— ניט געסעקט.

— ניטאָ קיין ארבעט?

— עס איז דאָ אַרבעט. — האָט העסל געענטפערט. געוואָלט האָט ער צוגעבן: „נאָר קיין לונגען און קיין הארץ איז ניטאָ“. ער האָט עס אָבער ניט געזאָגט.

— וואָס זשע איז דאָס? — האָט פרומע־ל א ה געצייגט אויפ׳ן קעפּל פון דער מאַשין און אויפ׳ן פּעקעלע און האָט געדריקט מיט די פּלייצעס.

— וועסט שוין זען. — האָט העסל שטיל און טרויעריק גע־ענטפערט.

איִיבי איז געזעסן אין „פראָנט רום“ און האָט געלייענט אין אַ ביכל. העסל האָט געוואָרפן אַ טרויעריקן בענקענדיקן בליק אויף זיין קינד; דער אַפּרייטער האָט אַ שווערן זיפץ געגעבן.

אויסטרינקענדיק אַ גלעזל „וואָרימס“, האָט זיך העסל גענו־מען פאַר דער אַרבעט. ער האָט צוגעשרויפט דאָס קעפּל פון דער ניי־מאַשין צום סטענד, וועלכן ער האָט פאַרמאַגט אין דער היים, האָט צוגעריכט דעם גומענעם שטריק, האָט אָנגעגרייט די פּאָדים און האָט אַ רוף געגעבן:

— איִיבי!

איִיבי איז צוגעקומען צום פאָטער.

— קוק זיך צו, מיין זון, ווי מען שפּאַנט איין אַ ניי־מאַשין. — האָט העסל געזאָגט מיט אַזאַ מאָדנער שטימע און ער האָט גענומען אַריינציען דעם פאָדים אין מאַשין.

איִיבי האָט זיך גוט צוגעקוקט.

— איצט פּרוּאוו אַליין, מיין קינד!

איִיבי האָט זיך געזעצט לעבן דער מאַשין און האָט אַריינגע־צויגן דעם פאָדים.

— גוט, מײַן זון! — זאָגט העסל. — און איצט קוק זיך צו, ווי מען לײגט אונטער די וואָרע און ווי מען דרײט די ראָד.

אײבי האָט זיך צוגעקוקט.

— איצט פּרוּאוו אַלײן.

אײבי האָט געפּרוּאווט.

— גוט, טאַטע?

— גוט, מײַן זון!

און פרומע־ל א ה שטײט און וואונדערט זיך.

— וואָס עפּעס מיט אַמאָל? — פרעגט זי.

— עס איז אַמעריקע, עס איז בעסער, אַז מען קאָן א מ ל א כ ה... — האָט העסל געענטפערט און זײַנע ווערטער האָבן ליכט געציטערט.

— זע נאָר, אײבי, — איז העסל ווײַטער אָנגעגאַנגען מיט זײַן לערנען די מ ל א כ ה זײַן קינד, — זעסט, אָט איז אַן אַרבל, אָט אַזוי לײגט מען עס צוזאַמען. זעסט... קוק זיך צו... און אַזוי מאַכט מען אַ זוים. נו, וועסט קענען אַלײן?

— יע, איך וועל קענען. — ענטפערט אײבי. און דאָס קינד נעמט אַ שטיקל צוגעשניטענע ס ח ו ר ה און נײט עס צוזאַמען.

— ריכטיק, טאַטע?

— ריכטיק.

העסל האָט אַרומגענומען זײַן קינד און האָט צוגעדריקט אײבים קאָפּ צו זײַן ברוסט.

— האָסט אַ גאָלדן קעפּל, מײַן קינד! אָבער האָסט באַדאַרפט געבאָרן ווערן ניט בײַ העסל דעם אַפּרײטער... — די ווערטער האָבן זיך איבערגעריסן. עפּעס האָט דעם קראַנקן אַפּרײטער געוואָרגן אין האַלז און איבער זײַנע בלאַסע אײַנגעדאַרטע באַקן האָבן זיך גענומען קײַקלען טרערן... אַפּרײטערשע, זודיקע, ברענענדיקע טרערן, און די טרערן זײַנען געפאַלן אויף דעם יונגן קאָפּ פון דעם יונגן קינד.

די ערשטע לעקציע, וואָס העסל, דער קראַנקער אַפּרײטער, האָט געגעבן זײַן קינד, איז ניט אין ניוועץ געגאַנגען. מיט עטלאַכע

ח ד ש י ם שפעטער איז איִבי שוין אַ י ת ו ם געווען, און ער איז געזעסן און האָט געאַרבעט אין דעם זעלבן שאַפּ, אויף דער זעל־בער ניי־מאַשין, אויף וועלכער דער טאַטע האָט געאַרבעט.

ז. ליבין.

פאַר אַ סטרייק. מ. מונקאַשי.

ווען דער פּאַפּאַ סטרייַקט.

עס איז אַ ווינטער־נאַכט.

דרויסן איז אַ ברענענדיקער פראָסט און אַ שנייַדנדיקער קאַל־טער ווינט. דרויסן איז סיביר; און אין צימער? אין צימער איז ניו־יאָרק. עס איז קאַלט, ווי אויף דרויסן, ווייַל אין צימער וואוינט אַן אַרבעטער, אַ אידישער הויזן־מאַכער; און פון יעדן ווינקעלע קוקט אַרויס די ביטערע, שטיקנדיקע נויט, ווייַל דער הויזן־מאַכער איז אין סטרייַק.

דער סטרייַקער איז ניטאָ אין דערהיים: ער איז אויף אַ מי־טינג. די פרוי זיַינע זיצט בייַם אויוון און נייט עפּעס מיט׳ן נאָדל — דאָס פאַרריכט זי אוים וועש פאַר ש כ נ י ם, העלפנדיק דערמיט דעם מאַן אין זיַין סטרייַק.

דאָס פייַער אין אויוון גייט אוים. ה פ נ י ם, אַז דעם סטרייַ־

קערם פרוי האָט שוין דערשפּירט די קעלט; אָט האָט זי אַ שווערן, טיפן זיפץ געגעבן, געוואָרפן אַ טרויעריקן בליק אויף דעם לערן קוילן־שעפל, און איז ווײַטער געבליבן פאַרטראַכט און שווער פאַרזאָרגט.

און עס איז שטיל אין צימער; בלויז דער ווינט קלאַפּט אין די פאַרפרוירענע שויבן, און אַמאָל אין אַ ווײַלע רײַסט ער זיך אַרײַן אין קוימען פון קאַמין און ווײַנט אַזוי האַרצרײַסנדיק, אַזוי טרויעריק, עפּעס ווי ער וואָלט אויך געהאַט אַ ביטער האַרץ פון אַ הויזן־מאַכער אַ סטרײַקער...

— מאַמע! — האָט זיך דערהערט אַ קינדיש שטימעלע פון שלאָפצימער. און די מאַמע וואַרפט די אַרבעט און לויפט אַהין. דאָרט שלאָפט איר צירעלע, איר אײנציק דרײַ־יאָריק קינד.

צירעלע איז געווען באַהאַלטן אין אַ גאַנצן ים מיט שמאַטעס, האָט זי דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָרפן און וויל אַרויסגײן פון בעט.

— וואוהין, מײַן קינד? — פרעגט די מוטער און פּרוּווט צוריק אײַנדעקן דאָס מײדעלע.

— מאַמע, נעם מיך צום אויוון, מיר איז קאַלט. — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטן אויך קאַלט, צירעלע!

— שיט אַרײַן קוילן. — גיט דאָס קינד אַן ע צ ה.

— ניטאָ, מײַן נ ח ת, קײן קוילן. — זיפצט דעם סטרײַקערס פרוי.

— פאַראָן.

— ניטאָ, מײַן לעבן, אָט וועל איך דיר ווײַזן דאָס שעפל.

און די מוטער גײט אין קיך, נעמט דאָס לערע קוילן־שעפל און ווײַזט עס צירעלען.

צירעלע קוקט אַרײַן אין שעפל און גיט דערבײַ אַ טיפן, קינדישן זיפץ.

— ניטאָ מער קײן קוילן. — זאָגט צירעלע, און איר קינדיש פּ נ י מ׳ל ווערט אַזוי ערנסט טרויעריק.

— ניטאָ מער. — באַשטעטיקט די מוטער.

— גײ ברענג. — ראָט דאָס קינד.

— ניטאָ קײן געלט, מײַן האַרץ.

— ניטאָ קײן פּענים? — פרעגט דאָס קינד איבער.

— יאָ, מײַן נ ש מ ה, ניטאָ קײן פּענים.

— דער טאַטע ברענגט ניט?

— יאָ, צירעניו, דער טאַטע ברענגט ניט.

— פאַרוואָס?

— ווײַל עס איז אַ סטרײַק, מײַן טאָכטער.

צירעלע קוקט אויף דער מוטער אַזוי בענקענדיק, אַזוי טרויעריק, ה ג ם דאָס לעצטע, וואָס די מוטער האָט איר געזאָגט, פאַרשטײַט זי ניט.

— שלאָף, צירעניו!

— איך וויל עסן, מאַמע!

— גלײַך, מײַן קינד!

און די מאַמע גײַט אין קיך, שנײַדט אָפּ אַ שטיקל ברויט, זוכט עפּעס אין אַלמער, געפינט גאָרניט און, געבנדיק ווײַטער אַ שטילן, טיפן זיפץ, קערט זי זיך אום צוריק אין שלאָפצימער צו איר הונגעריק קינד.

— נאָ, מײַן קינד!

— וואָס איז דאָס?

— ברײַטעלע.

— איך וויל ניט, מאַמע!

— פאַרוואָס, צירעניו?

— באַשמיר מיט פּוטער.

— ניטאָ, מײַן נ ח ת, מאָרגן וועל איך באַשמירן; דערווײַלע עס אַזוי.

— איך וויל ניט.

— גיב פּוטער! — ווידערהאָלט דאָס קינד איר ערשטע פאָדערונג.

— קינד מײַנס, נו, וואָס וואָלט איך דיר ניט וועלן געבן, אַז עס וואָלט געווען, נאַרעלע מײַנס!? — רעדט די מוטער אײַן איר קינד.

צירעלע וויל אָבער ניט גלויבן און ווײַזט אויפ'ן אַלמער.

די מוטער ברענגט די לערע פוטער־כלי צום בעט. צירעלע קוקט אויף איר מיט בענקענדיקע בליקן און לאָזט ווידער אַרויס אַ שטילן, האַרצרײַסנדיקן זיפץ.

— ניטאָ מער קײַן פוטער, מאַמע! — זאָגט דאָס קינד טרויעריק און פירט פאַנאַנדער די הענטלאַך.

— ניטאָ מער, מײַן לעבן! — ענטפערט די מאַמע מיט אַ קול פון טרערן.

— ניטאָ קײַן פענים. — דערקלערט די יונגע צירעלע.

— יאָ, מײַן טאָכטער, ניטאָ קײַן פענים.

— דער פּאַפּאַ ברענגט ניט?

— ניין, מײַן נשמה, ער ברענגט ניט.

— פאַרוואָס, מאַמע?

— איך זאָג דאָך דיר, מײַן אויג אין קאָפּ, ער סטרײַקט.

אַ ווײַלע שווײַגט דאָס קינד, דערנאָך גיט עס פּלוצלונג אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— וואָס, מײַן קינד?

— פאַרוואָס דער פּאַפּאַ ברענגט ניט קײַן פענים?

— ער סטרײַקט, מײַן קינד.

— ווער איז דאָס? — פרעגט צירעלע ווײַטער.

— קיינער ניט, מײַן קינד, דאָס איז אַ סטרײַק.

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— אַ סטרײַק, מײַן נשמה.

— אַ בוגימען?

— ניין, מײַן קינד, קענסט עס ניט פאַרשטיין... — וועסט עלטער ווערן, וועסטו פאַרשטיין.

דער ווינט שטאַרקט זיך, און הייבט אָן אַזוי ווי מיט אַכזריות צו קלאַפּן אין די שויבן. עס ציטערט דאָס גאַנצע הויז. צירעלע דריקט זיך צו צו דער מאַמען און ציטערט פאַר שרעק.

— איז דאָס דער סטרײַק, מאַמע?

— נאַריש קינד, דאָס איז דאָך דער ווינט.

צירעלע הערט זיך איין, טוליעט זיך צו דער מאַמען און נעמט אָן ח ש ק עסן דאָס שטיקל ברויט...

פון דער מאַמעס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן אויפ'ן קינדס קעפּעלע, און פון קינדס אויגן קאַפּען אַרונטער טרערן און באַנעצן דאָס טרוקענע שטיקל ברויט...

ז. ליבין.

פראַגן.

דער קליינער יוסף, אַ רייך קינד, האָט געהאַט אַ ח ב ר שלמה, אַ סטאָליערס אַ אינגל.

איינמאָל האָט שלמה געבראַכט זיין חבר יוסף צו זיך אַהיים. האָט יוסף געזען, אַז די גרויסע צימערן זייערע זיינען ליידיק. האָט ער געפרעגט זיין חבר: שלמה, וואו איז אייער מעבל?"

האָט אים שלמה געענטפערט: „מיר האָבן ניט קיין מעבל."

יוסף האָט זיך אַרומגעקוקט און ווידער געפרעגט: „וואו איז דאָס בעט, אין וועלכן דו שלאָפסט?"

האָט אים שלמה געענטפערט: „מיר האָבן ניט קיין בעטן. מיר שלאָפן אַלע אויף דער ערד."

האָט יוסף אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן צו דער ערד און האָט זיך פאַרוואונדערט.

— פאַרוואָס איז אין דעם צימער ניטאָ קיין דיל?

— אין די אַנדערע צימערן פון אונזער הויז, איז אויך ניטאָ קיין דילן.

— און וואו איז דער אַלמער, וואו דו האַלטסט דיינע ביכער?

— איך האַלט מיינע ביכער אין אַ זעקל; קיין ביכער-אַלמער האָבן מיר ניט.

אַז יוסף איז אַהיים געקומען, האָט ער געטראָפן די דינסט אין הויף, ווי זי שטייט און וואַשט וועש.

האָט זיך יוסף צו איר געווענדט: „זאָג מיר נאָר, שרה, ווער מאַכט מעבל?"

האָט אים שרה געענטפערט: „דער סטאָליער מאַכט מעבל."

— פאַרוואָס זשע איז אונזער הויז פול מיט מעבל, און ביי לייב דעם סטאָליער אין הויז איז גאָר ניט נישטאָ?

— דאַרפסטו פרעגן וועגן לייב דעם סטאָליער? — האָט די דינסט געענטפערט. — פרעג וועגן מיר. איך וואַש און מאַך גרייט פאַר אייך אַלעמען ריינע קליידער, און איך אַליין גיי אָנגעטאָן אין שמוציקע שמאַטעס.

איז דער אינגל אַוועק פון איר און באַגעגנט אין הויף די גענז, ווי זיי גייען אַרום און גראַגערן: גאַ-גאַ-גאַ!

האָט ער זיך געווענדט צו די גענז און געזאָגט: „ווייסינקע גענז, פלאַפלענדיקע גענז! איך האָב אייך צו פרעגן צוויי פראַגן. אפשר קענט איר מיר ענטפערן: פאַרוואָס איז נישטאָ קיין מעבל ביי לייב דעם סטאָליער? און פאַרוואָס גייט די דינסט, וואָס וואַשט פאַר אונז וועש, אַליין אָנגעטאָן אין צעריסענע שמאַטעס?"

האָבן די גענז אויפגעהויבן זייערע שנאָבלען צום הימל און אַזוי געזאָגט: „גאַ-גאַ-גאַ! וואָס דאַרפסטו פרעגן וועגן לייבן און וועגן דער דינסט, פרעג וועגן אונז. מיר גיבן פעדערן. און פאַרוואָס שלאָפסטו ביינאַכט אויף קישן פול מיט ווייסע פעדערן, און מיר ליגן אויף דער הוילער ערד?"

איז ער אַוועק פון די גענז און געטראָפן די קו, ווי זי שטייט און מרוקעט: מרו-מ-ר-ו!

האָט ער זיך צו איר געווענדט: „מרוקערן, מרוקערן! איך האָב דיך צו פרעגן דריי פראַגן, אפשר קענסטו מיר אויף זיי ענטפערן:

„פאַרוואָס לייב דער סטאָליער מאַכט מעבל און זיין זון שלאָפט אויף דער פייכטער ערד?

„פאַרוואָס די דינסט שרה, וואָס וואַשט וועש, גייט אַליין אָנגעטאָן אין שמאַטעס?

און פאַרוואָס די גענז, וואָס גיבן פעדערן פאַר דער גאַנצער וועלט, שלאָפן אַליין אויף דער ערד?"

האָט די קו אַנגעשטעלט אויף אים אירע אויגן און געזאָגט:

„דאַרפסטו פרעגן וועגן לייב דעם סטאָליער, דער דינסט און די פלאַ־פלענדיקע גענז, פרעג בעסער אויף מיר. איך גיב אייך אַלעמען מילך און מיין קעלבל, מיין קינד, וואָס פון זיינעטוועגן מאַך איך די מילך פון דעם מאַרך פון מיינע ביינער, שטייט אַ גאַנצן טאָג פאַרשלאָסן אין אַ פינסטערער שטאַל. איך מרוקע צו אים און ער מעקעט צו מיר; און ביז איך וועל אייך ניט געבן אַ פול שעפל מילך, וועט מען מיר ניט געבן מיין קינד אים אָנצוזויגן".

איז דער אינגל אַוועק פון איר און האָט באַגעגנט אַן אייזל, אויף וועלכן מען האָט אָנגעלאָדן די פעל פון אַ טויטער ב ה מ ה. און דער אייזל שטייט און רעוועט.

-- העי, דו שרייער! — האָט זיך צו אים דער אינגל געווענדט.

— פיר פראַגן האָב איך דיך צו פרעגן. א פ ש ר קענסטו מיר געבן אַן ענטפער אויף זיי:

„פאַרוואָס האָט לייב דער סטאָליער, וואָס מאַכט פאַר אַלע־מען מעבל, קיין בעט ניט אין הויז?

„פאַרוואָס באַקליידט אונז אַלע די דינסט ש ר ה און אַליין גייט זי אָנגעטאָן אין שמאַטעס?

„פאַרוואָס ליג איך אויף ווייכע קישנס פול מיט פעדערן, און די גענז ליגן אויף דער הוילער ערד?

„און פאַרוואָס שפייזט די קו אונז אַלע מיט איר מילך, און איר אייגן קעלבל איז הונגעריק?"

האָט דער אייזל אויפגעשטעלט זיינע אויערן און געזאָגט:

„לאָז מיך צורו! איך בין איצט אַן א ב ל. מיין פרוי, די אייזלטע, האָט זיך פאַרקילט און געשטאָרבן, און איך דאַרף אַוועקטראָגן איר פעל צום גאַרבער, ער זאָל פון איר מאַכן לעדער. און דער שוסטער וועט פון די לעדער מאַכן שיך פאַר אייך. און דער וועג איז שלעכט, און איך בין באָרוועס. טאָ ווי קען איך דיר ענטפערן אויף דיינע פראַגן?"

האָט דער אינגל אָפגעלאָזן דעם אייזל, איז אַוועק און באַ־

געגנט אַ שעפּס. האָט ער געזאָגט צו דער שעפּס: „שעפּסל, שעפּסל! איך וויל דיך פרעגן פינף פראַגן. אויב דו וועסט מיר אויף זיי ניט ענטפערן, וועל איך אַלעמען זאָגן, אַז דו ביסט אַ נאַר.

„פאַרוואָס האָט לייב סטאָליער ניט קיין מעבל?

„פאַרוואָס גייט שרה די וועשערן אָנגעטאָן אין שמוציקע קליידער?

„פאַרוואָס ליגן די גענז, וואָס גיבן פעדערן אויף קישנס, אַליין אויף דער הוילער ערד?

„פאַרוואָס איז דאָס קעלבל איינגעשפּאַרט אין שטאַל, און מיר עסן זיין מאַמעס מילך?

„פאַרוואָס גייען די אייזלען באָרוועס און פאַרקילן זיך און שטאַרבן, און פון זייער פעל מאַכט מען פאַר אונז שטיוול און שיך?"

האָט אים די שעפּס אַזוי געענטפערט:

— איך בעט דיך, לאָז מיך אָפּ! מיר איז זייער קאַלט! צי דען זעסטו ניט, אַז איך בין אַן אָפּגעשוירענע? מען האָט ביי מיר אַראָפּגענומען מיין וואָל צו מאַכן דיר אַן אָנצוג, און איך שטיי אַ נאַקעטע און ציטער פון קעלט. קומסטו מיך נאָך אויפרעגן מיט דיינע פראַגן".

איז דער אינגל אַוועק פון דער שעפּס צו זיין מאַמען און צו איר געזאָגט:

— מאַמע, איך וויל דיך פרעגן זעקס פראַגן, און דו וועסט מיר געוויס ענטפערן אויף זיי. אַ מאַמע איז דאָך די קליגסטע אין דער וועלט.

— פרעג, מיין קינד! — האָט די מאַמע געענטפערט.

האָט ער געפרעגט:

— ווער מאַכט מעבל?

— דער סטאָליער.

— פאַרוואָס זשע האָט לייב דער סטאָליער ניט קיין מעבל ביי זיך אין הויז?

— נו, דאָס איז איין פראַגע. און וואָס נאָך ווילסטו פרעגן?

— ווער וואַשט פאַר אונז וועש?

— שרה, די דינסט.

— טאָ פאַרוואָס גייט זיך אין צעריסענע, שמוציקע קליידער?
„פאַרוואָס ליגן מיר אויף ווייסע קישנס, און די געניז ליגן אויף דער ערד?

„פאַרוואָס טרינקען מיר דער קום מילך, און איר קעלבל שטייט אַ גאַנצן טאָג איינגעשפּאַרט אין שטאַל?

„פאַרוואָס גייען די אייזלען באָרוועס און פאַרקילן זיך, און פון זייער פעל מאַכט מען פאַר אונז שיך?

„און פאַרוואָס גייט די שעפּס אַרום אַ נאַקעטע, און פון איר וואָל האָט מען מיר געמאַכט אַן אַנצוג?"

די מוטער האָט אויסגעהערט די פראַגן, האָט אָפּגעזיפצט און געשוויגן.

האָט דער אינגל געזען, אַז די מאַמע וועט אים זיינע פראַגן ניט פאַרענטפערן, האָט ער אויך אָפּגעזיפצט און איז פון איר אַוועקגעגאַנגען. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען זיין ביכעלע פון קעשענע און האָט דאָרט פאַרשריבן זיינע פראַגן.

„אַז איך וועל אויסוואַקסן, — האָט ער געטראַכט, — וועל איך מיר אַליין געפינען די ענטפערס אויף די פראַגן!"

דערמיט האָט זיך דער אינגל געטרייסט און זיך די זאַך גוט אין זינען אַריינגענומען.

י. שטיינבערג.

די צוויי ברידער

געוועזן זיינען ברידער צוויי;
איין טאַטע־מאַמע האָבן זיי
געהאָדעוועט, האָלובעט גלייך;
אין זייער שטיבעלע, ביים טייך,
געלעבט צופרידן, כאָטש ניט רייך.

די צייט, די צייט זי שטייט ניט שטיל.
אַוועק עס זיינען יאָרן פיל.

שוין טאַטע־מאַמע זײַנען טויט,
די ברידערלאַך, זײַ זוכן ברויט.
אַהער, אַהין, בײַם ברײַטן וועג
קלײַבט יעדער אויס פֿאַר זיך אַ שטעג.

געגאַנגען אײנער איז ניט ווײַט.
די פֿעלדער גרין פֿון יעדער זײַט;
דער וואַלד, געקושט פֿון זונען־שטראַל,
און וואַסער — פֿליסט אַ רײנער קוואַל.

ער טראַכט ניט לאַנג און קערט צוריק
צו זיך אַהײם — געפֿינט זײַן גליק.
ער שנײַדט זײַן קאָרן, וואָס ער זײט.
און קומט אַהײם, ווען זון פֿאַרגײט,
באַגעגנען אים זײַן ווײַב און קינד
מיט פּ נ ים'ער, געגלעט פֿון ווינט,
און אָרעמס פֿעסטע, שטאַרקע הענט.
און ש ל ו ם הערשט אין זײערע ווענט. —

דער צווײטער גײט און גײט גאַנץ לאַנג.
פֿאַרפֿירט אים האָט אַ בײזע שלאַנג
מיט גאָלדן־גלאַנץ, מיט זילבער־קלאַנג
אין פֿרעמדן לאַנד: אַ גרויסע שטאָט,
וואו דאָרן, שטײן אויף יעדן טראָט.

דאָרט ניט ער זײט און ניט ער שנײַדט,
און קומט אַהײם קײנמאָל אין צײַט.
זײַן ווײַב און קינד אים זײַנען פֿרעמד,
ער שרעקט זיך פֿאַר זײַן אײגן העמד,
ער זאַמלט גאָלד און זילבער בלויז
און האָט קײן ש ל ו ם ניט אין הויז...

אב. וויקטאָר.

די קינדער.

אויפ׳ן קליינעם פלאץ פאר׳ן וואקזאל אין דער איטאליענישער שטאט גענוע האט זיך פארזאמלט א געדיכטער ע ו ל ם, — ס׳רוב ארבעטער, אבער אויך פיל זאטע, רייך־געקליידטע מענשן. ב ר א ש פונ׳ם ע ו ל ם — די מיטגלידער פון דער שטאט־פארוואלטונג; איבער זייערע קעפּ וויגט זיך די שווערע, קונציק־אויסגענייטע שטאט־פאן, און לעבן איר פלאטערן די פילפארביקע פאנען פון די ארבעטער־פאריינען. עס גלאנצט דאס גאלד פון די קוטאסן, פרענז און שנירן, די שפּיצן פון די פאן־שטעקנס; עס שורשעט דאס זיידנס, און ווי א כאר, וואס זינגט מיט א האלבער שטים, רוישט דער י ו ם - ט ו ב׳־דיק־געשטימטער ע ו ל ם.

איבער׳ן ע ו ל ם שטייט אויף א הויכן פיעדעסטאל די שיינע פיגור פון קאלומבוסן דעם טרוימער, וועלכער האט א ס ך געליטן דערפאר, ווייל ער האט געגלויבט, און געזיגט, ווייל ער האט געגלויבט. ער קוקט איצט אויך פון אויבן אראפּ אויף די מענשן, ווי ער וואלט מיט די מירמלשטיינענע ליפּן גערעדט:

„זיגן קאנען נאר די, וואס גלויבן.“

אונטן, ארום זיין פיעדעסטאל, האבן די מוזיקאנטן צעלייגט זייערע מעשענע כ ל י ם, און דאס מעש גלאנצט אויף דער זון אזוי ווי גאלד.

שווער שטייט דער מארמארנער ב נ י ן פונ׳ם וואקזאל, אויסשטרעקנדיק האלבקיילאכדיק זיינע צוויי פליגל, אקוראט ווי ער וואלט וועלן ארומנעמען די מענשן.

פון האפן הערט זיך דאס שווערע אטעמען פון די דאמפערס, דאס פארשטיקטע ארבעטן פונ׳ם שרויף אין וואסער, א קלינגערייַ פון קייטן, פייפערייען און געשרייען; — דא אויפ׳ן פלאץ איז שטיל, היים, און אלצדינק באדט זיך אין זונענשיין. אויף די באלקאנען און ביי די פענסטער פון הייזער שטייען ליכטיקע פרויען אין העלן, מיט בלומען אין די הענט, און י ו ם - ט ו ב׳דיק אנגעטאנענע קינדער, ווי בלומען...

ס׳פײַפט, צולויפנדיק צו דער סטאַנציע, אַ לאָקאָמאָטיװ. דער עולם האָט װי אַ ציטער געטאָן, װי שװאַרצע פֿויגלען, טוען אַ פֿלי איבער די קעפּ עטלאַכע צעקנײַטשטע היטלען; די מוזיקאַנטן נעמען די כּלים, עטלאַכע ערנסטע באַיאָרנטע מענשן טרעטן אַרויס פֿאָרנט, װענדן זיך מיט׳ן פּנים צום עולם און רעדן עפּעס, מאַכנדיק מיט די הענט אויף רעכטס און אויף לינקס.

שװער און לאַנגזאַם רוקט זיך דער עולם אויף בײדע זײַטן, עפֿענענדיק אין מיטן אַ ברײטן דורכגאַנג אויף דער גאַס.

— אויף װעמען װאַרט מען דאָס?

— אויף די קינדער פֿון פּאַרמאַ.

דאָס איז אַ סטרײַק אין פּאַרמאַ. די באַלעבאַטים װילן ניט נאָכגעבן. די אַרבעטער איז געװאָרן שװער, האָבן זײ צונויפֿגענומען זײערע קינדער, װאָס האָבן שוין אָנגעהויבן קרענקען פֿאַר הונגער, און האָבן זײ אָפּגעשיקט קײַן גענוא צו די חברים. צװישן די זײַלן פֿונ׳ם װאָקזאַל גײט אין אָרדנונג אַ פּראָצעסיע פֿון קלײנע מענשעלאַך. זײ זײַנען האַלב־נאַקעט און זעען אויס שטאַרק צעשויבערט, װי עפּעס קלײנע מאָדנע חיה׳לאַך. זײ גײען צו פֿינף אין אַ שורה, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט — אַזױנע קלײנינקע, פֿאַרשטויבטע; קענטיק, זײער מידע. זײערע פּני׳ער זײַנען ערנסט, אָבער די אויגן פֿינקלען לעבעדיק און ליכטיק; און װען די מוזיק הײבט אָן שפּילן לכּבֿוד זײער אָנקומען דאָס גאַריבאַלדי־ליד, לויפֿט דורך אַ צופֿרידענער שמײכל, װי אַ פֿרײלאַכע כװאַליע, איבער די מאָגערע, שאַרפֿע און הונגעריקע קינדערשע פּני׳ער.

דער עולם באַגריסט די צוקונפֿט־מענשן מיט אַ שטורמישן געשרײ; פֿאַר זײ לאָזן זיך אַראָפּ די פֿאָנען. עס הילכט דאָס מעש פֿון די אינסטרומענטן. די קינדער זײַנען װי פֿאַרבלענדט און פֿאַרטומלט פֿון אַזאַ אומגעריכטן קבלת־פּנים. אויף אײן רגע פֿאַרהאַלטן זײ זיך, מאַכן אַ טריט צוריק; און פּלוצלונג האָבן זײ זיך מיט אַמאָל װי אויסגעצויגן, צונויפֿגעשפּאַרט זיך, װי אײן קערפּער, און מיט הונדערטער קולות, װאָס פֿליען פֿון אײן ברוסט, האָבן זײ אויסגעשריען:

— לעבן זאָל איטאַליע!

— לעבן זאָל די יונגע פּאַרמאַ! — הילכט דער ע ו ל ם און לאָזט זיך גייַן צו זייִ.

— לעבן זאָל גאַריבאַלדי! — שרייַען די קינדער, אַרייַנדרינגענדיק אין ע ו ל ם און פאַרשווינדנדיק אין אים.

אין די פענסטער פון די האָטעלן, אויף די דעכער פון די הייַזער פלאַטערן טיכלאַך, ווי ווייַסע פייגל; אויף די קעפּ פון די מענשן גיסט זיך אַ רעגן פון בלומען און פרייִלאַכע הילכיקע שטימען.

אַלצדינג איז געוואָרן י ו ם - ט ו ב׳דיק, אַלצדינק האָט לעבן באַקומען, אַ פּ י ל ו דער גרויער מירמלשטייִן האָט זיך צעבליט מיט העלע פלעקן.

עס וויגן זיך די פאָנען, ס׳פליען היט און בלומען; איבער די קעפּ פון די דערוואַקסענע זייַנען אויסגעוואַקסן קלייִנע קינדערשע קעפּלאַך, ס׳שעמערירן קלייִנינקע טונקעלע הענטלאַך, כאַפּן בלומען און באַגריסן, און אין דער לופט הילכט אַלץ אָן אויפהער אַ מעכטיקער געשרייִ:

— לעבן זאָל דער סאָציאַליזם! לעבן זאָל איטאַליע!

כ מ ע ט אַלע קינדער האָט מען צעכאַפּט אויף די הענט; זייִ זיצן בייַ די דערוואַקסענע אויף די אַקסלען, צוגעדריקט צו די ברייִטע ברוסטן פון שטרענגע באַוואַקסענע מענשן; די מוזיק הערט מען קוים אין טומל, געלעכטער און געשרייִען. דאָ און דאָרט שווימען אַרוים פרויען פון ע ו ל ם, צענעמען די אויסגעבליבענע געסט.

אומעטום איז אַ פרייִלאַכע אויפרעגונג, י ו ם - ט ו ב׳דיקע פּ נ י מ׳ער, פייַכטע, גוטע אויגן, און ערגעץ-וואו קייַען שוין די קינדער פון די סטרייַקער ברויט. איבער אַלעמען — די אייִדעלע פיגור פון דעם מענשן, וואָס האָט אַנטדעקט די נייַע וועלט.

און פון די גאַסן גיסן זיך אַלץ, אַזוי ווי פון גרויסע טרומייטן אַרוים, פרייִלאַכע געשרייִען פון מענשן, וואָס גייִען אַנטקעגן אַ נייַ לעבן.

מ. גאָרקי.

ווערטערביכל

פון שווערערע ווערטער, וואָס גייען אַריין אין דעם בוך.

א

אבות (אָוועס) — עלטערן, אורעלטערן.

אָבל (אָוול) — איינער, ביי וועמען ס'איז געשטאָרבן אַ נאָענטער, אַן אייגענער.

אהרן (אַרן) —

אַוועק'לקח'ענען (אַוועקלאַקבענען) — צונעמען, צו'גנב'ענען.

אויסגעקנעכלט — ביינעריק.

אויסגעשטשירעט — אויסגעשטעלט.

אויסוואורף — נידעריקער מענש. פּאַסקודניק.

אויסטערליש — מאָדנע; זייער שיין.

אויסקומעניש — שטראָף.

אויפריכטיק — אמת'דיק; געזאָגט, וואָס געמיינט, וואָס געטראַכט; אָפנהערציק.

אויפרעגן — בייז מאַכן, איינצאָרענען.

אומגעלומפּערט — נאַריש, ניט דורכגעטראַכט.

אומקומען — שטאַרבן.

אומשמייען — אַרומדרייען זיך, אַרומלויפן.

אונטערטאַן — אַ מענש, וואָס האָט איבער זיך אַ קעניג; אַן אונטערגעוואָרפענער אונטער אַ קעניג.

אות־אותיות (אָס־אויסיעס) — בוכשטאַב.

אַחוץ — אויסער.

אייגנטימער — באַלעבאָס.

אַכזריות (אַכזאָריעס) — האַרטהערציקייט.

אכסניא (אַכסאַניע) — האָטעל, איינפאָר־הויז.

אליה (עליִע) —

אלמנה (אַלמאָנע) — פרוי, ביי וועמען דער מאַן איז געשטאָרבן.

אָנביִסן — פרישטיק.

אָנגעלייגט — געוואונשן; וויכטיק חשוב; אָנגענעם.

אַנטטוישט — אומצופרידן; אָפּגענאַרט אין זייערע ערוואַרטונגען.

אָנלאָדן — אַריינלייגן אַ קויל און פולווער.

אָסור (אָסער) — איך שווער דיר, אַז ניט.

אָפּצאַס — קאָריק, הינטערשטער טייל פון שוך.

אַפּרייטער — איינער, וואָס נייט אויף אַ מאַשין.

אָפּערן — מקריב זיין; אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר אַן אַנדערן.

ארבע־כנפות (אַרבע־קאַנפעס) — אַ שטיק צייג אַ פירעקעדיקער, וואָס אידישע אינגלאַך און מענער טראָגן.

ב

באַהעלפער — איינער וואָס העלפט אַרוים דעם מלמד; וואָס ברענגט און פירט אָפּ די קליינע קינדער.

באָטשאַן — בושל.

באַלעוועון — פּעשטשען, נאָכגעבן אַלצדינג.

באַנדורע — באַס.

„באָנדל“ — פּעקל.

בדחן (באַדכן) — אַ וויציקער רעדנער. וואָס מאַכט פריילאַך אויף אַ חתונה מיט זיינע גראַמען און ווערטלאַך.

בזיונות (ביזיוינעס) — שאַנדע.

בטבע (בעטעווע) — פון דער נאַטור.

„ביזי“ — פאַרנומען; ווען עס איז פאַראַן אַ סך אַרבעט.

בכור (בכאָר) — דער עלטסטער.

בכיוון (בעקיוון) — באַוואוסטזיניק. ווילנדיקערהייט.

בכלל (ביכלאַל) — אין אַלגעמיין, איבערהויפּט.

בלבול (בילבול) — אויסגעטראַכטע באַשולדיקונג.

במילא (בעמעילע) — סיי ווי.

בנין (ביניען) — געביידע.

בעל־אכסניא (באַל־אַכסאַניע) — דער באַלעבאָס פון האָטעל.

בעל־חשק (באַל־כעישיק) אַ ווועלער; אַ פלייסיקער יונג.

בעל־מלאכה (באַל־מלאָכע) — אַרבעטער.

בעלמע — הייטל, פאַרצויגן איבער אַן אויג.

בעלן (באַלן) זיין — ווען עפּעס.

בעל־עגלה (באַל־אַגאָלע) — פורמאַן.

בעריאָזע — אַ בוים מיט אַ ווייסער קאָרע; „בוירטש“.

בקול רם (בעקאָל ראָם) — הויך אויף אַ קול.

בקיצור (בעקיצער) — אין קורצן.

בראַנע — אַ געצייגנדלטער אינסטרומענט, מיט וועלכן דער פּויער צעקלאַפּט די גרויסע ערד־קאָמעס נאָכ'ן אַקערן.

בראש (בעראָש) — אין דער שפּיץ.

ברואים — באַשעפעניש.

ברויזן — טומלען; זידן.

בשעת־מעשה (בעשאַס־מאַיסע) — דערביי.

בשורע (בסורע) — נייעס.

בשמים (בסאָמים) — פאַרפומען.

בתוכם (בעסויכאָם) — צווישן זיי.

בתנאי (ביטנאַי) — מיט דער באַדינגונג.

ג

גאווה (גאַיווע) — שטאָלצקייט, גרויסהאַלטעריי.

גאווה'דיק (גאַיוועדיק) — שטאָלץ. מיט גרויסקייט, גרויסהאַלטעריש.

„גאַי“ — חברה־מאַן!

גאַרן — שטאַרק וועלן.

גבאי־גבאי'טע (גאַבע־גאַבעטע) — אַ פּרעזידענט פון אַ שול אָדער אַ חברה.

גוזמא (גוזמע) — איבערטרייב; פאַרגרעסערונג.

גוידערן — רעדן.

גוליע — אָנוואוקס.

גופא (גופע) — אַליין; פאַר זיך.

גיבור (גיבער) — העלד.

גמרא (גמאָרע) — רעליגיעזע אידישע ביכער אָנגעשריבן אין סוף פון פינפטן יאָרהונדערט.

גן־עדן (גאַן־עידן) — פלאַץ פאַר די נשמות פון די צדיקים נאָך זייער טויט.

געוואָר ווערן — דערוויסן זיך.

געלינגען — איינגעבן זיך.

געמיין — מיאוס, נידעריק.

געפאַקט — שטייף, פעט, שטאַרק.

געשמיידיק — געשווינט, שנעל.

גראַב — קראַץ.

גראַטע — צוים, אייזערנער שטאַקעט.

גרוילן — ציטערן פאַר שרעק.

גריווע — די לאַנגע האָר אויפ'ן האַלז פון אַ פערד, פון אַ לייב א. ד. ג.

גרייזלאַך — געלאָקטע האָר.

גרעט — וועש.

ד

דאגה־ות (דאַיגע) — זאָרג.

„דאַט'ס רייט“! — גערעכט.

דאַמפּער — דאַמפשיף.

דאַקוטשען — דערעסן.

דזשעקעט — רעקל.

„דיספּענסערי“ — אַמבולאַטאָריום. אַ פלאַץ וואו מען נעמט צו קראַנקע אָן באַצאָלט.

„דער“— שווינדזוכט. „קאָנסאָמפּשאָן“

דערגיין דעם עק — פאַרענדיקן, מאַכן אַ סוף; ברענגען צום טויט.

דערשפּירן — דערפילן, דערשמעקן.

דריפּען — שלעכט פידלען.

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — אָפּשיי. רעספּעקט.

דרשה (דראָשע) — אַ רעדע.

ה

הא (העי) — דער פינפטער אות פון אַלף־בית.

האַדאָווניק — אַ פרעמד קינד צום האָדעווען, צו ערציען.

האַלובען — קושן.

האָנאָריסטע — איינער וואָס זוכט כבוד. איינער, וואָס באַליידיקט זיך שנעל.

האָפּקען, העצקען — שפּרינגען, אונטערשפּרינגען; טאַנצן.

האָרעוואַניע — מי, שווערע אַרבעט.

האָרעפּאַשנע — וואָס קען אַרבעטן שווער און וויל אַרבעטן.

הגם (האַגאַם) — ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס; „אָלדהאָ“.

הוצאה־ות (הויצאָע) — אויסגאַבן.

היישעריק — אַן אינזעקט ענלאַך צו אַ גרויסער גריל; „לאָקאָסט“.

הילוך (הילעך) — אַרט אָנטאָן זיך. קליידונג.

היניען — ליגן.

היסטעריש — נערוועז.

הכנות (האַכאָנעס) — פאָרבאַרייטונגען.

הנאה (האַנאָע) — פאַרגעניגן.

הספד (העספּעד) — אַ רעדע, אין וועלכער מען באַקלאָגט אַ געשטאָרבענעם.

העוויה (האַוואַיע) — גרימאַסע, אָנשטעל, מינע, קונץ.

העזה (האָזע) — דרייסטקייט, שטאָלצקייט.

העצן — רייצן.

הפסקה (האַפסאָקע) — איבעררייס. פאוזע.

הרובע — אויוון.

הרעבליע — דאַמבע.

וו

וואכן — ניט שלאָפן און היטן.

וואָקזאַל — סטאַנציע, געביידע, וואו עס שטעלן זיך אָפּ די צוגן פון דער אײזנבאַן.

וואַרע — סחורה, שטאָף.

וואַרעניקעס — אַ סאָרט בלינצעס אָדער לאַטקעס, געפילט מיט קעז.

ווידערהאַלן — איבערזאָגן נאָכאַמאָל; איבער׳חזר׳ן.

וויטערן — שטורעמען, שפּילן.

וויע — ברעם; צודעק פון אויג.

וכדומה (אוכדוימע) — און דאָס גליכן.

זולל־וסובא׳ניק (זוילעל־ווּעסויוועניק) — פרעסער און זויפער.

ז

זמירות (זמירעס) — געזאַנגען, לידער העבריאישע, וואָס מען זינגט שבת ביים עסן.

זקנה (זקעינע) — אַלטיטשקע.

זשאַבקע — אַ קליין פרעשעלע.

זשמוט — פּאַק.

זשעדנע — איינער, וואָס וויל אַלץ מער; וואָס קען זיך ניט באַגנוגענען מיט וויפיל ער האָט.

ח

חוזק (כויזיק) מאַכן — אָפּלאַכן. אויסלאַכן.

חוצפה׳דיק (כוצפּעדיק)— גראָב, פרעך.

חורבן (כורבן) — צעשטערונג.

חזן (כאַזן) — איינער וואָס קען זינגען; וואָס דאַוונט ביים עמוד אין בית־מדרש.

חזקה (כאַזאָקע) — רעכט.

חיה־רעה (כאַיע־ראָע) — ווילדע חיה.

חיסרון (כיסאָרן) — פעלער.

חכמה־ות (כאָכמע) — קלוגהייט; שטיק, קונצן.

חלב (כעילעוו) — פעטס.

חלילה (כאָלילע) — זאָל גאָט אויסהיטן.

חלשות (כאַלאָשעס) — אוממאַכט, אָנמאַכט.

חן (כעין) — ליבשאַפט; שיינקייט.

חפני (כאָפּני) —

חפץ־חפצים (כעיפעץ־כפעיצים)—זאַך.

חשבון (כעשבן) — רעכענונג.

חשד (כשאַד) — פאַרדאַכט.

חשוב (כאָשעוו) — אָנגעזען, אָנגענומען.

חשק (כוישיק) — לוסט, ווילן.

חתונה (כאַסענע) האָבן — הייראַטן; נעמען אַ מאַן, אָדער אַ ווייב.

חתן (כאָסן) — אַ בחור, וואָס גרייט זיך חתונה האָבן. מאַן.

ט

טאָלק — אָרדענונג.

טאָרף — שוואַרצע ערד, וואָס באַשטייט פון איבערגעפוילטע און איבערגעברענטע מאָך.

טוכלע — פאַרשטיקט.

טוליען זיך — צודריקן זיך.

טורמע — תפיסה, געפענגעניש.

טיוקען — העצן, טרייבן.

טעם (טאַאַם) — געשמאַק.

טענה־ות (טאַינע) — אַרגומענט, באַווייז.

טרומייט — טרובע.

טרחה (טירכע) — מי, באַמיהונג.

טרעזאָר — דער נאָמען פון אַ הונט.

טרפה׳נער (טרעיפענער) האַלז — זויפער, פרעסער.

י

יאָזשען זיך — קנייטשן זיך, קאָרטשען זיך.

יאָמער — קלאָג.

יאַסליעס — פלאַץ, וואו די ציינער זיצן; „גאָמס“.

יאָשען — גיסן, שפּריצן.

יוצא (יויצע), פון יוצא וועגן — גלאַט אַזוי זיך, אָבער ניט צו באַנוצן.

יחוס (איכעס) — שיינע אָפּשטאַמונג.

וואָס איז דער יחוס? — וואָס איז די גרויסקייט?

יסורים (יעסורים) — פּיין, ווייטיק. ליידן.

יעטוועדער — יעדער.

ישיבה (יעשיווע) — העכערע רעליגיעזע אידישע שול, וואו מען לערנט הויפּטזאַכלאַך גמרא.

ישיבה־בחור (יעשיווע־באָכער) — איינער, וואָס לערנט אין אַ ישיבה.

יתום־יתומה (יאָסעם, יעסוימע) — אַ קינד, ביי וועמען עס איז געשטאָרבן דער טאַטע, די מאַמע אָדער ביידע עלטערן.

כ

כאַליאַסטרע — קאָמפּאַניע, מחנה.

כוס׳ע (קויסע) — אַ גלאָז. אַ כוס׳ע מאַכן — אויסטרינקען.

כיד־המלך (קעיאַד־האַמעלעך) — ווי ביי אַ קעניג.

כלב־כלבים (קעלעוו־קלאָווים)— הונט.

כסדר (קסעידער) — נאָכאַנאַנד, שטענדיק.

כעסן (קאַיסן) — אַ בייזער מענש ; איינער, וואָס ווערט שנעל אין כעס.

כפרות (קאַפּאָרעס) ; אויף כפרות — אויף גאָרנישט.

כתרילעווקע (קאַסרילעווקע) —

ל

להבדיל (לעהאַוודל) — אונטערצושיידן ; אַזוי ווי.

ליטקעס — פּיסלאַך.

ליצנות (ליצאָנעס) — שפּאָט.

למאי (לעמאַי) — צו. וואָס ?

לסוף (לעסאָף) — ענדלאַך.

לערכע — אַ קליין זינג־פּייגעלע. „לאַרק“.

לפּחות (לעפּאָכעס) — וויניקסטנס.

לצ׳עוועז (לעצעוועז) — אָפּלאַכן.

לשון (לאָשן) — שפּראַך.

מ

מאַגאַזין — אַ גרויסע קראָם.

מאָנומענט — דענקמאָל ; אַ געבוידע צום אָנדענקען.

מבול (מאַבל) — אַ גוסרעגן, אַ פאַרפליצונג.

מהומה (מעהומע) — טומל.

מהיכי תיתי (מעהעיכע־טעיסע) — פאַרוואָס ניט ? זאָל זיין אַזוי.

מהירות (מעהירעס) — שנעלקייט.

מוח־מוחות (מויאַך־מוכעס) — מאַרך; קאָפּ.

מונטערן — צוגעבן מוט, קוראַזש.

מוסיף (מויסיף) זיין — צוגעבן.

מזהיר (מאַזהיר) זיין — וואָרנען.

מזיק (מאַזיק)— שטיפער, קונצנמאַכער.

מזל־טוב (מאַזל־טאָוו) — באַגריסונג.

מחויב (מעכויעוו) זיין —,מוזן.

מחותן (מעכותן) — דעם חתנ׳ס אָדער דער כלה׳ס פאָטער אָדער אַנדערע נאָענטע קרובים.

מחמת (מאַכמעס) — ווייל.

מחנה (מאַכנע) — אַ סטאַדע ; אַ סך מיט אַמאָל.

מחשבה־ות (מאַכשאָווע) — געדאַנק.

מיוחס (מעיוכעס) — שיינער מענש ; איינער, וואָס שטאַמט פון אַ שיינער משפּחה.

מישב .(מעיאַשעוו) זיין זיך — באַקלערן זיך, אַן עצה האַלטן זיך.

מיתה־משונה (מיסע־מעשונע) — אַ מיאוס׳ער טויט.

מכבד (מעכאַבעד) זיין — דערלאַנגען. געבן.

מכוח (מיקויאַד) — וועגן.

מלא (מאָלע) — פול.

מלאכה (מלאָכע) — אַרבעט ; באַשעפטיקונג.

מסכים (מאַסקים) זיין — צושטימען.

מסתמא (מיסטאָמע) — ווייזט אויס.

מעלה (מאַילע) — גוטער שטריך, גוטע מידה.

מעת־לעת (מעסלעס) — אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

מציל (מאַצל) זיין — ראַטעווען.

מצער (מעצאַר) זיין זיך — קימערן זיך, פאַרדריסן.

מקבר (מעקאַבער) זיין — באַגראָבן. באַערדיקן.

מקים פּסק (מעקאַיעם פּסאַק) זיין — אָפּרעכענען זיך.

מקנא (מעקאַנע) זיין — ניט פאַרגינען.

משופּע׳דיק (מעשופּעדיק) — איינגעבויגן פון אויבן אַראָפּ.

משכון (מאַשקן) — עפּעס, וואָס מען גיט אַלס פאַרזיכערונג צו דעם, ביי וועמען מען לייט עפּעס ; אַן ערב.

משמעות (מאַשמאָעס) — קענטיק.

משפּט (מישפּעט) — געריכט.

משקה (מאַשקע) — געטראַנק ; בראַנפן, וויין.

מת־מתים (מעס־מעיסים) — געשטאָרבענער, טויטער.

מתושלח (מעסושעלאַך) —

נ

נאמנות (נעמאָנעס) — מיין וואָרט.

נחת (נאַכעס) — פאַרגעניגן ; טרייסט.

ניוועץ — אָפּפאַל, איבעריקס. אין ניוועץ גיין — זיין איבעריק.

ניכא (ניכע) — ליב. ניט ניכא — גייט ניט איין, ניט ליב.

ניצל (ניצל) ווערן — געראַטעוועט ווערן.

נישקשה (נישקאָשע) —,עס מאַכט ניט אויס.

נמאס (נימעס) ווערן — דערעסן.

נס־נסים (נעס־ניסים) — וואונדער, גליק.

נסיעה (נעסיע) — רייזע.

נפש (נעפעש) — באַשעפעניש.

ס

סאָלאָוויי — נאַכטיגאַל ; איינער פון די שענסטע זינג־פייגל.

סאָק — זאַפט, איינגעמאַכטס.

סוף־כל־סוף (סאָף־קאָל־סאָף) — ענדלאַך.

סחורה (סכוירע) — זאַך צום האַנדלען.
סטאַדאָלע — שטאַל.
סטעזשקע — שטעגעלע.
„סטענד" — פיסל.
סיביר — צפונ'דיקער טייל פון אַזיען; זייער אַ קאַלטע געגנט.
סידור (סידער) — געבעט־בוך.
סיניאַק — אַ בלויער סימן פון אַ קלאַפּ, אַ פּאַטש א. ד. ג.
סך־הכל (סאַך־האַקל) — רעזולטאַט.
סכנות־נפשות (סאַקאָנעס־נפאָשעס) — געפאַר, טויט־געפאַר.
„סלעק" — צייט, ווען ס'איז ניטאָ קיין אַרבעט.
סעודה (סודע) — מאָלצייט.
„סעקן" — אָפּזאָגן, אָפּלייגן פון דער אַרבעט.
ספּאָדיק — היטל.
ספּירטאָווע — שטיפעריש, היציק.
ספקות (ספּעיקעס) — צווייפל.
סקאָווערדע — אַ פלאַכע פאַן צום בראָטן.

ע

עוף־עופות (אָף־אויפעס) — הויז־פויגל, ווי הינער, גענז, ענטלאַך, א. ד. ג.
עין־הרע (אַיִן־האָרע) — בייז אויג. קיין עין־הרע—קיין בייז אויג זאָל אים ניט שאַדן.
עיקר (איקער) — הויפּטזאַך.
עם־הארץ (אַם־האָרעץ) — גראָבעריונג; אומוויסנדער.
ערב (אָרעוו) זיין — גוט זאָגן.

פּ

פּאַוואָליע — פּאַמעלאַך, שטילערהייט.
פּאַטיליצע — הינטערשטער טייל פון קאָפּ.
פּאָסטאַליאָן — בריפטרעגער.
פּאָסילקע — אַ פּעקעלע, וואָס מען שיקט אין אַן אַנדער שטאָדט; „פּאַרסל".
פּאַלומעסיק — אַ גרויסער לאַנגער טע־לער.
פּאָלע — ברעג.
פּאַראָבקעם — אַרבעטער, דינער ביי אַ פּריץ.
פּאָרטרעט — בילד.
פּאַשע — לאָנקע; באַגראָזטער פּלאַץ פאַר בהמות צו פּיטערן זיך.
פּנימה (פּנימע) — פּליאָמע, פלעק.
פּגר (פּעיגער) — קערפּער פון אַ גע־שטאָרבענער חיה.
פּועל'ן (פּויעלן) — אויספירן.
פּטור (פּאָטער) ווערן — באַפרייען זיך.
פּיעדעסטאַל—פונדאַמענט פאַר אַ „דענק־מאָל.
פּלוידערן — רעדן אַ סך, רעדן נאַריש־קייטן.
פּלויט — פּאַרקאַן, צוים.
פּליט — צוזאַמענגעבונדענע קלעצער אויפ'ן וואַסער.
פּסק „(פּסאַק) — שטראָף.
פּסק־דין (פּסאַק־דין) — אורטייל.
פּעדלען — האַנדלען, אַרומטראָגן פאַר־קויפן.
פּענטען — פּאַרבינדן די פיס.
פּעניאָק־פּענקעס — דער וואָרצל פון אַ צאָן.
פּראָצעסיע — פּאַראַד, מאַרש.
פּרימע — ערשטע; ערשטער סאָרט.
פּריקאַזטשיק — אַן אַרויסהעלפער אין אַ קראָם.
„פּאָיט" — קאַמף.
פּאָמויניצע — גרויסע כלי, וואוהין מען גיסט אַריין דעם אָפּפאַל ביים קאָכן.

פ

פאַרגיין — אויסגיין, שטאַרבן.
פאַרהאַוועט — פאַרטאָן, צעטראָגן.
פאַרוועלקן — צעטריקנט ווערן, פאַר־וויאַניען.
פאַרווערן — פאַרבאָטן.
פאַרזעעניש — העסלאַכע באַשעפעניש.
פאַרטיידיקן — באַשיצן.
פאָרכט — שרעק.
פאַר'מסר'ן (פאַרמאַסערן) — אָנרעדן.
פאַרמעסטן זיך — קלייבן זיך.
פאַרצוקן — אויפפרעסן.
פונדאַמענט — דער אונטערשטער טייל פון אַ געבוידע, אָפט אין דער ערד, אויף וועלכן עס האַלט זיך די גאַנצע געבוידע.
פייוו סענט איי האָל לאָט! — פינף סענט אַ גאַנצער פּאַק!
פיכט — טענענבוים, סאָסנע.
פיסנאָהע — פוס פון אַ קו, אַ קאַלב א. ד. ג.
פירהאַלטן — אויסרעדן.
פלאָר — שטאָק.
פלייצן — רינען, לויפן.
פלעט־הויז — אַ הויז, וואו יעדע דירה פאַרנעמט אַ גאַנצן שטאָק.
„פראָנט־רום" — זאַל, גאַסט־צימער.

צ

צוואָגן —,וואַשן דעם קאָפּ.
צולאָטכענען — צו'גנב'ענען.

צונטער — פייער; זאַך צו מאַכן פייער.

צורעכט מאַכן — דער'הרג'ענען.

צעצוקערן — צעכאַפּן, עסן מיט פאַרגעניגן.

צעקלעמט — פאַרדריקט, צעוויטיקט.

צער בעלי חיים (צאַר באַלע כאַאים) — אַ רחמנות אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

צערטלאַך — אוידל.

צעשויבערט — צעוואָרפן, אין אומאָרדענונג די האָר אָדער די פעדערן.

ק

קאַטאָוועס — שפּאַס.

קאַטשען זיך — קייקלען זיך.

קאַליע — קראַנקע, ניט אין אַ גוטן צושטאַנד.

קאַמין — אָפענער אויוון.

קאַנאָן — פּושקע.

קאַפּאָטע — לאַנגער ראָק.

קאַפּוט — אַ סוף.

קאַפעליוש — הוט, היטעלע.

קאַפּטן — מאַנטל.

קאַראַוואַן — אַ קאָמפּאַניע הענדלער. וואָס פאָרן איבער'ן מדבר אָדער בכלל אויף אַ וועג.

קאָש — קאָרב.

קבלת־פּנים (קאַבאָלאַס־פּאָנים) — באַגעגעניש, אויפנאַמע.

קבר־קברים (קעיוועך־קברים) — אַ פּלאַץ, וואו מען באַגראָבט אַ טויטן.

קדוש (קאָדעש) — מאַרטירער; טויטער.

קדיש (קאַדעש) — אַ תפילה נאָך אַ געשטאָרבענעם.

קודם־כל (קוידעם־קאָל) — פריער פון אַלץ; ערשטנס.

קוואַדראַט — גלייכווינקלדיקער פירעק, וואָס האָט אַלע פיר זייטן גלייכע.

קוואָדער — אַ פערטל דאָלער; 25 סענט.

קוואַטיר — וואוינונג, דירה.

קוואַרטעט — פיר, וואָס שפּילן אָדער זינגען צוזאַמען.

קוטאַס — שנור מיט באָמבלקעס אויפ'ן סוף.

קונדס (קונדעס) — שטיפער.

קונה־ים (קוינע־קויגים) — קויפער, קונד.

קוראַזש — מוט.

קלאָ, קלויען — קאָפּיטעס, שפּיצן פון פוס ביי אַ פערד, אַ קו, אַ ציג, א. ד. ג.

קלובעם — זייטן, דיכן.

קלעקן — זיין גענוג.

קלעשטש — אַזאַ פליג, וואָס אַז זי טשעפּעט זיך איין אין ליוב, קאָן מען זי זייער שווער אָפּרייסן.

קנאַל — קלאַפּ.

קנוילן — איינוויקלען.

קרבן־קרבנות (קאָרבן־קאָרבאָנעם) — געפאַלענער ביי אַ קאַמף; אָפּער, וואָס מען ברענגט צו אַ גאָט.

קרבן־מנחה (קאָרבן־מינכע) — אַ דיקער סידור.

קרובה (קרויווע) — אייגענע, פריינדן.

קרופּניק — זופּ.

קריוודע; אַננעמען זיך איינעמס קריוודע — איינשטעלן זיך פאַר איינעם.

קשיה (קאַשע) — פראַגע.

ר

ראיה (רייע) — דאָס געפיל, דער חוש פון זען.

ראָמאַשקע — אַ ווייס בלימל מיט אַ געלן צענטער; „דעיזי".

ראַמען — רייניקן.

ראַנגלען זיך — קעמפן, באָרען זיך. שטרייטן.

ראַנד — ברעג.

ראש־ישיבה (ראָש־יעשיווע) — דער רבי, דער לערער פון דער ישיבה.

רבותי (ראַבויסאַי) — מיינע הערן.

רוב (ראָוו). דאָס רוב — מערסטנטיילס.

רודער — די ראָד אָדער די וועסלע. וואָס קירעוועט די שיף, וואָס פירט זי אין דער געווינשטער ריכטונג.

רודערן — טומלען.

רינשטאָק — אַ גראָבן אין דער לענג פון גאַס, אַן אָפּלויף פאַר'ן וואַסער.

ריעל־עסטייט — אומבאַוועגלאַך אייגנטום.

ריעל־עסטייטניק — אַ מענש, וואָס האַנדלט מיט ערד, מיט הייזער א.ד.ג.

רענדל — גאָלדענע מטבע.

רעש (ראַאַש) — טומל.

רציחה (רעציכע) — בעס, בייזקייט.

רק (ראַק) — נאָר.

רשימה (רעשימע) — צעטל.

ש

שאַלן — בלאָזן.

שאַנעווען — זשאַלעווען.

שאַריען — גרויען.

שבועה — אַ שוואוּר, אַן אויסדרוק פון שווערן זיך.

שד־שדים (שעד־שעידים) — טייוול, ניט־גוטער.

שדכן (שאַדכן) — דער וואָס באַשעפ־טיקט זיך מיט רעדן שידוכים אָדער צונויפצופירן שידוכים.

שהיות (שיעס) מאַכן — פאַרזאַמען זיך.

שווייצער — מאַן, וואָס שטייט ביים טיר; באַדינער.

שוחט (שויכעט) — מאַן, וואָס קוילעט בהמות און עופות.

שוידערלאַכקייט — שרעקלאַכקייט.

שומר ומציל (שוימער אומאַצל) זיין — אויסהיטן.

שורש (שוירעש) — וואָרצל, שטאַם, אורזאַך.

שטאָלן — גרויען, אויסזען ווי שטאָל.

שטאַמלען — ניט קלאָר רעדן.

שידוך (שידעך) — אַ חתן אָדער אַ כלה.

שויער — שפּייכלער, תבואה־קאַמער; „באַרן“.

שישקע — פּרוכט פון אַ טענענבוים אָדער אַ יעלקע.

שכינה (שכינע) — ליכטיקייט; הימ־לישער שיין, דער אָפּשיין פון גאָט.

שלוש־סעודות (שאַלעש־סודעס)— דער דריטער שבת'דיקער מאָלצייט, פון שבת פאַרנאַכט.

שליח־שלוחים (שליאַך־שלוכים) — אוינער, וועמען מען שיקט אַ גאַנג.

שליחות (שליכעס) — אַ גאַנג; אַן אויפגאַבע צו טאָן עפּעס פאַר אַן אַנ־דערן.

שני־למלך (שעינע־לעימעלעך) — ווי־צע־קעניג.

שעמערירן — פינקלען.

שעפל — עמער.

שפּאָטן — אָפּלאַכן.

שפּאַקולן — ברילן.

שרייפלען — דרייען זיך.

שונא־שונאים (סוינע־סאָנים)— פיינט.

שכל (סעיכל) — פאַרשטאַנד.

שררה־ות — האַר.

ת

תו (טאָף) — לעצטער אות פון אלף־בית.

תוך (טאָך) — גרונד.

תיכף (טעיקעף) — גלייך.

תכשיט (טאַכשיט) — צירונג, טייערע „סחורה“.

תליה (טליע) — עשאַפאָט; קלאָץ אויף צו הענגען אַ מענשן.

תלמוד־תורה (טאַלמוד־טוירע) — אַ חדר, אַ רעליגיעזע שול פאַר אָרימע קינדער.

תנועה (טנוע) — באַוועגונג, מינע, גרימאַסע.